STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07748

# NATSIONALIZM

Rabindranath Tagore

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג
ב. א. קלעצקין

125

ראַבינדראַנאַט טאַגאָר

# נאַציאָנאַליזם

פון ענגליש י. ראַפּאָפּאָרט

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN

Rabindranat Tagore — „Nacionalizm“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# נאַציאָנאַליזם אין מערב

די געשיכטע פון דער מענטשהייט ווערט געפאָרמט לויט די שטערונגען, וואָס זי טרעפט אויף איר וועג. זיי שטעלן אונז אויפגאַבעס, וועלכע מיר מוזן לייזן, אויב מיר ווילן נישט זינקען אָדער איינגאַנצן אונטערגיין.

די דאָזיקע שטערונגען זענען פארשידענע פעלקער פון דער ערד, און אין אופן פון זייער באַזייטיקונג, באַשטייט די אייגנאַרטיקייט פון אונזער כאַראַקטער.

די סקיפן פון אמאָליקן אַזיען, האָבן געדאַרפט פירן אַ קאַמף מיט דער קאַרגשאַפט פון זייערע נאַטירלעכע לעבנס-מקורים. זיי האָבן זיך דערטראַכט צום גרינגסטן אויסוועג, צו אָרגאַניזירן אין רויבער-באַנדעס זייער גאַנצע באַפעלקערונג, די מענער, פרויען און קינדער, און אַזוי אַרום געוואָרן אומבאַזיגבאַר פאַר די, וואָס זענען דער עיקר געווען פאַרנומען מיט דער פרידלעך-אויפבויענדיקער אַרבעט פונם סאָציאַלן לעבן.

אָבער צום גליק פאַרן מענטשן, איז דער לייכטסטער וועג נישט זיין ריכטיקסטער וועג. וואָלט ער נאָר געהאַט אַלס פירער זיין אינסטינקט, ווי אַ טשאַטשע פון הונגעריקע וועלף, און נישט געוועזט זיין גלייכצייטיק אַ זיטלעכע באַשעפעניש, וואָלטן שוין יענע רויבער-באַנדעס פון לאַנג חרוב געמאַכט די גאַנצע וועלט. בעת דער מענטש טרעפט זיך אָבער פנים אל פנים מיט שטערונגען, מוז ער אָנערקענען די געזעצן פון זיין העכערער נאַטור; אויב נישט, קאָן עס אים אפשר ברענגען אַ מאָמענטאַלן ערפאָלג, אָבער ס'וועט אים סוף-סוף זיכער פירן צום אונטערגאַנג, ווייל דאָס, וואָס איז פאַר דער נידעריקער נאַטור פונם מענטשן אַ מניעה, איז פאַר זיין העכערער לעבנס-פאָרם אַ אַנטוויקלונג-מעגלעכקייט.

אינדיען האָט פון סאַמע אָנהויב פון איר געשיכטע געהאַט איר אויפגאַבע: די ראַסנפּראָבלעם. עטנאָלאָגיש פאַרשידענע ראַסן זענען אין דאָזיקן לאַנד געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיטאַנאַנדער. אָט דער פאַקט איז תמיד געהען, און איז נאָך עד היום, דער וויכטיקסטער אין אונזער געשיכטע. און ס'איז אונזער הייליקסטער חוב נישט צו פאַרמאַכן אויף דער ראַסן-פּראָבלעם די אויגן, און באַווייזן אונזער טיפע מענטשלעכקייט, אַנטשיידנדיק איר אויפן גערעכטסטן אופן. כּל זמן מיר וועלן נישט דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע, וועלן מיר נישט וויסן פון גליק און בליאונג.

ס'זענען דאָ אויף דער וועלט פעלקער, וואָס דאַרפן גובר זיין שטערונגען מצד זייער נאַטור-סביבה, אָדער די סכנה מצד שטאַרקע שכנים. זיי האָבן אָרגאַניזירט זייערע כּוחות אין אַזאַ מאָס, אַז לא־די, וואָס זיי דאַרפן נישט מורא האָבן פאַר דער נאַטור אָדער פאַר די שכנים, זענען זיי גופא נאָך געוואָרן אַ סכנה פאַר אַנדערע, דורכן איבערפלוס פון זייערע כּוחות. אָבער אינדיענס געשיכטע, וועמעס שטערונגען ס'זענען אינער-לעכע, איז געוואָרן די געשיכטע פון שטענדיקע סאָציאַלע אויס-גלייכונגען און צופּאַסונגען, און נישט פון אָרגאַניזירטן כּח צו פאַרטיידיקן און אָנגרייפן.

דער ציל פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז נישט די פאַרבלאָזע צושוואומענקייט פון קאָסמאָפּאָליטיזם, און נישט די גאווהדיקע זעלבסט-פאַרגעטערונג פון דער נאַציע. און אינדיען האָט פּראָבירט צו דערפילן איר אויפגאַבע, פון איין זייט, פאַר-בינדנדיק אירע פאַרשידענע פעלקער אין איין סאָציאַלע אָרדנונג, און פון דער צווייטער זייט, פאַרשפּרייטנדיק דעם באַוווּסטזיין פון דער גייסטיקער איינהייט. זי איז באַגאַנגען גרויסע טעותן: זי האָט אויפגעבויט צו אומבאַוועגלעכע גרעניץ-ווענט צווישן אירע ראַסן; געוויסע שטאַנדן האָט זי, דורך איר קאַסטעס-צוטיי-לונג, דערשטיקט און פאַרמשפּט אויף אייביקער שפלות; אָפט האָט זי פאַרקריפּלט דעם גייסט פון אירע קינדער און איינגע-שרומפּט זייער לעבן, כּדי זיי צופּאַסן צו אירע סאָציאַלע סדרים;

אָבער אין משך פון יאָרהונדערטער האָט זי כסדר געמאַכט נייע פּרוּוון און געשאַפן נייע אויסגלייכונגען. אינדייען האָט געהאַט די אויפגאַבע פון אַ בעל-הביתטע, וואָס דאַרף צופרידנשטעלן אַ סך אורחים, וועמעס געוואוינהייטן און באַדערפנישן ס׳זענען פאַרשידן. כדי צו גובר זיין די אומצאָליקע שוועריקייטן, וועלכע ס׳שאַפט אַזאַ מצב, איז נויטיק נישט נאָר אַ געוויסער טאַקט, נאָר אויך מיטגעפיל און אַ אמתער באַגרייפן פון דער אחדות פונם מענטשלעכן מין. לטובת אָט דעם באַגרייפן האָבן געווירקט די גרויסע גייסטיקע לערער, אָנהויבנדיק פון דער פריער תקופה פון די אופּאַנישאַדן ביז אויף היינטיקן טאָג; זייער ציל איז געווען צו פאַרלעשן די מענטשלעכע פאַרשידנקייטן אינם אַלץ פאַרפלייצנדיקן ליכט פון גאָט-דערקענונג. און אין דער אמתן: אונזער געשיכטע באַשטייט נישט אינם אויפבליען און צעפאַלן פון מלוכות; אויך נישט אינם קאַמף פאַר פּאָליטישער ממשלה. די מסורות פון אַזעלכע געשעענישן זענען ביי אונז פאַרמאוסט און פאַרגעסן, ווייל נישט אין זיי באַשטייט די אמתע געשיכטע פון אונזער פאָלק. אונזער געשיכטע דערציילט פון סאָציאַלן לעבן און וועגן פאַרווירקלעכונג פון גייסטיקע אידעאַלן. מיר פילן אָבער, אַז אונזער אַרבעט איז נאָך נישט צום סוף. דער וועלט-מבול האָט פאַרשווענקט אונזער לאַנד, און נייע עלעמענטן זענען אין איר אַריינגעשטראָמט און גרעסערע צופּאַסונגען זענען נויטיק געוואָרן.

מיר פילן עס נאָך מער מחמת דעם, ווייל דער ביישפּיל און די לערע פון מערב איז ריכטיק דער היפּוך פון דעם, וואָס מיר האַלטן פאַר אינדייענס אויפגאַבע. דורכן נאַציאָנאַלן מעכאַניזם פון פּאָליטיק און האַנדל, ווערט די מענטשהייט אין מערב צו-זאַמענגעפּרעסט אין פּיינע באַלן, וואָס האָבן זייער געווינסן נוצן און היכן ווערט פאַרן מאַרק; זיי זענען אַרומגענומען מיט אייזערנע רייפן, באַקלעפּט מיט עטיקעטן, און מיט וויסנשאַפט-לעכער פּאָרזיכטיקייט און פּינקטלעכקייט אויסגעסאָרטירט. אָבער גאָט האָט דאָך באַשאַפן דעם מענטשן ער זאָל זיין מענטשלעך; און אָט דער מאָדערנער פּראָדוקט איז אַזוי גלייך צוגעשניטן

און אָפּגעפּאָלירט, און טראָגט אויף אַזוי פיל דעם שטעמפּל פון פאַבריק-סחורה, אַז גאָט אַליין וועט שווער זיין צו דערקענען אין אים אַ גייסטיקע באַשעפעניש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך אים אין זיין אייגענעם צלם.

אָבער איך פאַרלויף שוין פאָראויס. אָט וואָס כ'האָב געוואָלט זאָגן: אינדיען האָט זייט פינף טויזנט יאָר, לכל הפחות, געמאַכט דעם פרווו צו לעבן אין שלום אָן פּאָליטיק און נאַציאָנאַליזם. איר שטאָלץ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט אַנטדעקט אין דער וועלט אַ נשמה, מיט וועלכער זי לעבט יעדע מינוט פון איר לעבן, אין ענייוות-דיקער דבקות און פריידיקער דערקענטניש פון איר אייביקער און פערזענלעכער קרבות מיט איר. און אָט אויף דעם פאַרוואָרפענעם טייל פון דער מענטשהייט, אין וועלכן ס'האָבן זיך צונויפגע-טראָפן די פשוטקייט פון אַ קינד מיט דער חכמה פון אַ זקן, האָט זיך אַ וואָרף געטון די נאַציע פון מערב.

צו אַלע מלחמות, רמאותן און אינטריגעס פון איר פריערדיקער געשיכטע, האָט אינדיען גופא נישט געהאַט קיין שום שייכות. ווייל אירע הייזער און פעלדער, אירע טעמפּלען און אירע שולן (אין וועלכע די לערער מיט די תלמידים האָבן געמיינזאַם געלעבט אין דער אַטמאָספערע פון פשטות, גאָטס-פאָרכטיקייט און לערנען), די פרידלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונגען פון אירע דערפער מיט זייערע פשוטע געזעצן, — דאָס אַלץ האָט באמת געהערט צו אינדיען; אָבער נישט אירע טראָנען. זיי האָבן זיך אַדורכגעטראָגן איבער איר קאָפּ ווי וואָלקן, דאָ געפאַרבט אין פורפור-פראַכט, און דאָ שוואַרץ, אָנגעלאָדן מיט שטורם און דונער. אָפט פלעגן זיי מיט זיך ברענגען פאַרוויס-טונגען; זיי זענען אָבער גלייך געווען צו נאַטור קאַטאַסטראָפעס, וועמעס שפורן ס'ווערן גיך פאַרשוואונדן. אָבער היינטיקס-מאָל איז געווען עפּעס וואָס אַנדערש. נישט ווי אַמאָל, ווען ס'פלעגן זיך בלויז אַדורכטראָגן איבערן אויבערפלאַך פון איר לעבן: רייטער און פוס-סאָלדאַטן, עלפאַנטן מיט רייכע פּאַפּאַנעס, ווייסע ביידלעך און חופּה'ס, שורות געדולדיקע קעמלען, אָנגעלאָדן מיט משאות פון קעניגלעכן הויף, מתנות פון פּלייט-בלאָזער

און פויק־שלעגער, מאַרמאָרנע מאָשיי־טעמפּלען, פּאַלאַצן און קברים; דאָס אַלץ פלעגט קומען און פאַרגיין, ווי בלעזלעך אויף שוימענדיקן ווייַן, און מיט זיי צוזאַמען די געשיכטעס פון טרייקייט און בגידה, פון פּלוצלינגע עליות און ירידות און טראַגישע גורל־שפּילערייען. הייַנטיקס מאָל האָט די מערב־נאַציע אַרייַנגעשטעקט טיף אין אונזער באָדן, די שפּיר־פּיס פון איר מעכאַניזם. און דעריבער זאָג איך אייך, אַז מיר, הינדוסן, זענען באַרופן עדות צו זאָגן פאַר דער וועלט, וואָס אַזוינס איז די נאַציע פאַר דער מענטשהייט.

מיר זענען געקומען אין באַרירונג מיט די מחנות מאָנגאָלן און אַפגאַנען, וואָס האָבן זיך אַרייַנגעריסן אין אינדיען; מיר האָבן זיי אָבער געקענט אַלס מענטשלעכע ראַסן, מיט זייערע אייגענע רעליגיעס און מנהגים, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, — אָבער נישט אַלס נאַציעס; מיר האָבן זיי געליבט און געהאַסט, לויט דער פאָדערונג פון מצב; מיר האָבן געקעמפט פאַר זיי אָדער קעגן זיי, גערעדט מיט זיי אויף אַ געמייַנזאַמען לשון, און, אַזוי אַרום, זיך אַקטיוו באַטייליקט אינם אָנפירן מיטן גורל פון אונזער מלוכה. אָבער דאַמאָלט האָבן מיר צוטון נישט מיט קיסרים און נישט מיט מענטשלעכע ראַסן, — נאָר מיט אַ נאַציע, — מיר, וואָס זענען אַליין נישט קיין נאַציע.

זיך שטיצנדיק אויף אונזער אייגענעם נסיון, וועלן מיר איצט פּרוּוון ענטפערן אויף דער פראַגע: וואָס איז אַזוינס אַ נאַציע?

א נאַציע, אין זין פון אַ פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער פאַרייניקונג פון אַ פאָלק, שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַפעלקערונג, וואָס אָרגאַניזירט זיך לשם אַ מעכאַנישן צוועק. די מענטשלעכע געזעלשאַפט, אַלס אַזעלכע, האָט נישט קיין שום אויסערלעכע צוועקן. זי איז אַ ציל פאַר זיך. זי איז די נאַטירלעכע פאָרם אין וועלכער ס׳דריקט זיך אויס דער מענטש, אַלס סאָציאַלער וועזן. זי איז דער נאַטירלעכער סדר פון מענטשלעכע באַציאונגען, וואָס גיט זיי די מעגלעכקייט, אין געמייַנזאַמען שטרעבן צו אַנטוויקלען זייערע לעבנס־אידעאַלן. זי האָט אויך אַ פּאָליטישע

זייט, וואָס דינט אָבער נאָר אַ ספּעציעלן ציל: דעם ציל פון זעלבסטדערהאַלטונג. זי איז דער אויסדרוק פון מאַכט, אָבער נישט פון מענטשהייט-אידעאַלן. און די פּאָליטיק האָט טאַקע אין פריערע צייטן פאַרנומען אַ באַזונדערן אָרט אין דער געזעלשאַפט, און געלעגן אין די הענט פון פּאַכלייט. בעת אָבער אָט די קראַפט הויבט-אָן צו וואַקסן, און צו טראָגן פרובט פון עשירות מיט דער הילף פון דער וויסנשאַפט און דער פאַרפולקאָמטער אָרגאַניזאַציע, צוּבּרעכט זי מיט ערשטוינלעכער שנעלקייט אירע גרעניצן. זי פילט-אָן אירע שכנישע געזעלשאַפטן מיט תּאווה צו מאַטעריעלע רוחים, און, במילא, מיט קעגנזייטיקער קנאה, און מחמת זיי שרעקן זיך איינע פאַר דער צווייטער, איז יעדע געבייטיקט צו פאַרמערן איר מאַכט. איינגיכן איז שוין נישט מעגלעך קיין אָפּהאַלט, ווייל די קאָנקורענץ ווערט היציקער, די אָרגאַניזאַציע אַלץ ברייטער און דער עגאָיזם באַקומט די ממשלה. געווינענדיק פאַר זיך נוצן פון דער געלט-תּאווה און פון אומצוטרוי צווישן מענטשן, פאַרנעמט די פּאָליטיק אַלץ אַ גרעסערן אָרט אין דער געזעלשאַפט, און ווערט צום סוף איר הערשנדיקע מאַכט.

ס'איז זייער מעגלעך, אַז אַ דאַנק דער געוואוינהייט פילט איר נישט, ווי ס'רייסן זיך די לעבעדיקע נאַטירלעכע פאַרבינדונגען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, און זייער אָרט פאַרנעמט די ריין מעכאַנישע אָרגאַניזאַציע. אָבער אומעטום באמערקן זיך די סמנים דערפון. מאַן און פרוי געפינען זיך אין מלחמה-צושטאַנד, ווייל די נאַטירלעכע באַנד, וואָס פאַרבינדט זיי הארמאָניש, איז צוריסן; דער מאַן איז געזונקען צו דער מדרגה פון אַ בערופס-מענטש, וואָס שאַפט בלויז עשירות פאַר זיך און פאַר אנדערע, דרייענדיק תמיד דעם גרויסן ראָד פון מאַכט, לטובת דער וועלט-ביוראָקראַטיע בכלל, און זיך אליין בפרט; די פרוי האָט ער פאַרלאָזן צו וועלקן און שטאַרבן, אָדער צו קעמפן איר אייגענעם לעבנס-קאַמף אָן זיין הילף. אַזוי ארום האָט דעם אָרט פונם נאַטירלעכן צוזאַמענאַרבעטן פאַרנומען די קאָנקורענץ. ס'ענדערט זיך אפילו די פּסיכאָלאָגיע פון מאַן און

פרוי בנוגע זייער געגנזייטיקער באציונג, און זי ווערט די פסיכאָ־לאָגיע פון פרימיטיוו קעמפנדיקע סטיכיעס, אָבער נישט פון מענטשן, וואָס זוכן זייער השלמה אין אַ פארייניקונג, אויפן יסוד פון אַ געגנזייטיקער איבערגעבנקייט. די סיבה איז, וואָס די עלעמענטן, פארלירנדיק די נאטירלעכע לעבעדיקע פארבינדונג, פארלירן דעם זין פון זייער עקזיסטענץ. ווי גאַז־מאָלעקולן, צונויפגעפרעס־טע אין אַ ענגען רוים, קעמפן זיי תמיד צווישן זיך, ביז זיי רייסן אויף די כלי, וואָס פרעסט זיי צונויף.

דערמאָנט זיך אויך אן די, וואָס רופן זיך אָן אנארכיסטן, און פארטראָגן נישט דעם מינדעסטן דרוק פון מאַכט אויפן יחיד. די איינציקע סיבה פון זייער מרידה איז, וואָס די מאַכט איז געוואָרן צו אבסטראַקט, — זי איז אַ וויסנשאַפטלעכער פראָדוקט, געשאַפן אין דער פּאָליטישער לאַבאָראַטאָריע פון דער נאַציע, דורכן צושמעלצן די מענטשלעכע פערזענלעכקייט.

און וואָס באַדייטן אָט די שטרייקן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן, וואָס וואַקסן אויס מיט באַגייסטע כּוחות, ווי דערנער אויף אַ אומפרוכטבאַרן באָדן, יעדער מאָל ווען מ׳שניידט זיי אָפּ? וואָס, אויב נישט, אז דער מעכאַניזם, וואָס שאַפט עשירות, צו־וואַקסט זיך אָן אַ שיעור, און פארלירט יעדע פראָפּאָרציע צו אַלע אנדערע באַדערפנישן פון דער געזעלשאַפט, — און אז דער רעאַלער מענטש ווערט אַלץ מער און מער דערדריקט אונטער זיין משא? אַזאַ מצב ברענגט אומפארמיידלעך צו אייביקע קאַמפן צווישן די עלעמענטן, איבער וועלכע ס׳הערשט שוין נישט די שלימות און געזונטקייט פון מענטשלעכע אידעאַלן, און ארבעט און קאַפּיטאַל שטייען אין אייביקן ווירט־שאַפטלעכן קאמף צווישן זיך, ווייל די תאוה צו מאַכט און עשירות האט נישט קיין גבול, און אויסגלייכונגען אויפן יסוד פון עגאָיזם וועלן קיינמאָל נישט פירן צו אַ ענטגילטיקן שלום. זיי זענען פארמשפּט פול צו זיין מיט חשדים און קנאה ביז צום סוף, — און דער סוף קאָן נאָר זיין אַ פּלוצלונגע קאַטאַס־טראָפע, אָדער אַ גייסטיקע ווידערגעבורט. — בעת אָט די אָרגאַניזאציע פון פּאָליטיק און האַנדל, וועלכע מ׳רופט נאַציע,

ווערט אַלמעכטיק אויפֿן חשבון פֿון דער האַרמאָניע פֿונעם העכערן סאָציאַלן לעבן, דעמאָלט האַלט עס שלעכט מיט דער מענטשהייט. אַ קאָרטנשפּילער, ביי וועמען די התחיבֿותן לגבי זיין משפּחה טרעטן אָפּ אויפֿן צווייטן פּלאַן, איז שוין נישט קיין מענטש, נאָר אַ מאַשין, וואָס ווערט באַוועגט דורך געלט־תּאווה. ער איז פֿעיִק אָפּצוטאָן מעשׂים, מיט וועלכע ער וואָלט זיך געשעמט אין זיין נאָרמאַלן גייסטיקן מצב. און דאָס זעלבע קומט פֿאָר מיט דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. ווען זי לאָזט זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ פֿולקאָמענע אָרגאַניזאַציע פֿון מאַכט, איז שווער צו געפֿינען אַזאַ פֿאַרברעכן, אויף וועלכן זי איז נישט פֿעיִק. וויל דער מאַטעריעלער ערפֿאָלג איז דער צוועק און די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פֿון דער מאַשין, בעת דער ציל און צוועק פֿון מענטשן איז נאָר דאָס גוטע. בעת אָט די אָרגאַניזאַציע־מאַשין צוואַקסט זיך, און די מאַשין־אַרבעטער ווערן אירע חלקים, דעמאָלט בלייבט פֿון מענטשנס פּערזענלעכקייט נאָר אַ שאָטן; אַלץ פֿאַרוואַנדלט זיך אין פּאָליטיק, וואָס ווערט אויסגעפֿירט דורך די מענטשלעכע טיילן פֿון דער מאַשין אָן דעם מינדסטן געפֿיל פֿון מיטלייד, אָדער זיטלעכער אחריות. ס׳טרעפֿט אפֿילו, אַז אויך דורך דער נשמה׳לאָזער מאַשינעריע פּרובירט די זיטלעכע נאַטור פֿון מענטשן זיך דורכשלאָגן אַ וועג, אָבער אַלע רעדער און רימענס רוישן און קלאַפּן, אַלע כּוחות פֿון מענטשישן האַרצן פֿאַרפּענטען זיך אין די כּוחות פֿון דער מענטשלעכער מאַשין, און נאָר מיט גרויס מי קאָן דער זיטלעכער רצון זיך פֿאַרוויקלען אין אַ בלאַסן, צרה׳דיקן שאָטן פֿון זיין שטרעבן.

אָט די אַבסטראַקטע באַשעפֿעניש, די נאַציע, הערשט איבער אינדיען. עס ווערט ביי אונז רעקלאַמירט אַזאַ סאָרט קאָנסערוון, וואָס זענען, כּלומרשט, צוגעגרייט און פֿאַרפּאַקט, נישט ווערנדיק באַרירט דורך מענטשלעכע הענט. אָט די באַשרייבונג פּאַסט אַקוראַט צום אופֿן, ווי אינדיען ווערט רעגירט; אויך דאָ איז כּמעט נישט צו שפּירן קיין מענטשלעכע האַנט. די גובער־נאַטאָרן דאַרפֿן נישט קענען אונזער שפּראַך; זיי דאַרפֿן נישט

קומען מיט אונז אין פערזענלעכע באציאונגען, סיידן אלס באמטע; פון זייער גאוהדיקער דיסטאנץ קענען זיי אונז באהילפיק זיין, אדער שטערן אין אונזערע שטרעבונגען; זיי קענען אונז פירן אויף א געוויסן פאליטישן וועג, און דערנאך אונז צוריקציען אויפן שטריקל פון זייער אמטלעכער מאשינעריע; די ענגלישע צייטונגען, וואס דערציילן אויף גאנצע שפאלטן, מיטן פאסיקן פאטאס, וועגן אומגליקס-פאלן אויף די לאנדאנער גאסן, זענען יוצא מיט א קליינער נאטיץ וועגן אומגליקן, וואס טרעפן אויף גרויסע שטחים פון אינדיען, אפטמאל גרעסערע ווי די בריטישע אינזלען.

מיר אבער, איבער וועלכע מ'הערשט, זענען נישט בלויז קיין אבסטראקציעס. מיר זענען אינדיווידומס מיט לעבעדיקע געפילן. דאס, וואס קומט צו אונז אין דער פארם פון א טויטער פאליטיק, קאן אריינדרינגען ביז אין אונזער אינערסטן לעבנס-תוך, און אונז מאכן אומבאהאלפן שוואך, און שטעלן אין סכנה דעם עתיד פון אונזער גאנצן פאלק, אפילו נישט אנרירנדיק ביי איר אויף דאס מינדסטע די סטרונע פון מענטשלעכקייט, אדער איר באריר אין א סאמע אומגענוגנד שוואכער מאס. אזעלכע מעשים, פון אזא מוראדיקער אוניווערסאלער אחריות, חעט דער מענטש קיינמאל נישט באגיין מיט אזא מאס סיסטע-מאטישער זארגלאזיקייט, כל-זמן ער האנדלט אלס אינדיווידועלער מענטש. אזעלכע מעשים זענען נאר מעגלעך, בעת דער מענטש ווערט פארביטן דורך א פאליפ פון אבסטראקציעס, וואס שטרעקט אויס זיינע שלאנגען-הענט אין אלע זייטן און זויגט זיך איין מיט זיינע אומצייליקע זויג-שנויצן, אפילו אין דעם ווייטסטן עתיד. אונטער אזא ממשלה פון דער נאציע ווערן די רעגירטע פארפאלגט דורך חשדים; און דאס זענען חשדים פון א אומגע-הייערער ארגאניזירטער מאסע פון מח און מוסקולן. ס'ווערן ארויפגעלייגט שטראפן, וואס לאזן איבער אין אומצייליקע מענטש-לעכע הערצער בלוטיקע שפורן; אבער אט די שטראפן ווערן ארויפגעלייגט דורך א ריין אבסטראקטן כח, וואס האט פאר-שלונגען די מענטשלעכע פערזענלעכקייט פון א גאנצער באפעל-קערונג פון א ווייטן לאנד. כ'בין דא נישט אויסן צו באטראכטן

די פראַגע אויף וויפל זי איז נוגע מיין אייגענעם לאַנד, נאָר אויף וויפל זי איז נוגע דעם עתיד פון דער גאַנצער מענטשהייט. דאָ רעדט זיך נישט וועגן דער ענגלישער רעגירונג בפרט, נאָר בכלל וועגן דער רעגירונג פון דער נאַציע, — פון דער נאַציע, וואָס איז דער אָרגאַניזירטער עגאָאיזם פון אַ גאַנצן פאָלק, די פאַרקערפּערונג פון אַלץ, וואָס איז אַמווייניקסטן גייסטיק און מענטשלעך ביי אים. אינטימע קאָנטשאַפט האָבן מיר נאָר גע־שלאָסן מיט דער ענגלישער רעגירונג, און ס'איז דאָ אַ גרונט צום גלויבן, אַז אויף וויפל ס'האַנדלט זיך וועגן הערשונג פון אַ נאַציע בכלל, איז די ענגלישע נאָך איינע פון די בעסטע. חוץ דעם, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז דער מזרח נויטיקט זיך אין מערב. מיר פאַרפולקאָמען איינער דעם צווייטן דורך אונזער פאַרשידענעם אופן צו באַטראַכטן דאָס לעבן, וואָס האָט אונז געבראַכט צו פאַרשידענע אויפפאַסונגען פון אמת. על כן, אויב ס'איז אמת, אַז דער מערב האָט זיך אַדורכגעטראָגן ווי אַ שטורעמווינט איבער אונזערע פעלדער, האָט ער דאָך אויך מיטגעבראַכט לעבעדיקע זאָמען, וואָס זענען אומשטערבלעך. און אויב מיר, הינדוסן, וועלן זיין ביכולת צו אויפנעמען אין אונזער לעבן אַלץ, וואָס איז דאָ אייביקס אין דער מערב־קולטור, וועלן מיר זיין ביכולת צו מאַכן שלום צווישן אָט די ביידע גרויסע וועלטן. דעמאָלט וועט נעמען אַ סוף צו דער באַליידיקנדיקער הערשאַפט פון איין צד. חוצדעם, — און דאָס איז דאָס וויכ־טיקסטע, — דאַרפן מיר אייננזען, אַז אינדיענס געשיכטע איז נישט קיין אייגנטום פון איין באַשטימטער ראַסע, נאָר זי איז אַ שעפערישער פּראָצעס, אין וועלכן ס'האָבן אָנטיילגענומען פאַרשידענע ראַסן; — די דראַווידן און די אַריער, די אַלטע גריכן און די פּערסער, די מחמדאַנער פון מערב און די מחמדאַנער פון צענטראַל־אזיען. איצט ווען ס'איז געקומען די צייט, אַז ענגלאַנד זאָל באַרייכערן אָט דעם געשיכטלעכן פּראָ־צעס מיט איר לעבן, האָבן מיר נישט קיין רעכט און קיין מאכט צו שטערן דאָס דאָזיקע פאָלק צו שמידן דעם גורל פון אינ־דיען. דעריבער איז דאָס, וואָס כ'וועל זאָגן וועגן דער נאַציע,

מער נוגע דער געשיכטע פון דער מענטשהייט בכלל, ווי אינדיװידועל אינדיעס בפרט.

די מענטשלעכע געשיכטע איז אריינגעטראָטן אין אַ תקופה אין וועלכער דער זיטלעכער מענטש, דער פולקאָמער מענטש, טרעט־אָפּ אלץ מער זיין אָרט, — עס אליין נישט באמערקנדיק, — פאַרן פּאָליטישן מענטשן, פאַרן געשעפטסמאַן, פאַרן מענטשן מיט באַגרענעצטע צוועקן. אָט דער פּראָצעס, וואָס ווערט אונטער־שטיצט דורך די אומגעהייערע ערפאָלגן פון דער וויסנשאַפט, האלט אין כסדרדיקן שטייגן און ברענגט ארויס דעם מענטשן פון זיין זיטלעכער גלייכגעוויכט, אריבערוועגנדיק זיין מענטש־לעכקייט דורך דער גייסטלאָזער אָרגאַניזאַציע. זיין אייזערנע האַק האָט זיך פארמאָסטן אויפן שורש פון אונזער לעבן, און מיר מוזן אויפשטיין לטובת דער מענטשהייט און הלכיק מתרה זיין, אַז דער דאָזיקער נאַציאָנאַליזם איז אַ מוראדיקע עפּידעמיע פון שלעכטס, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דער מאָדערנער מענטשהייט און פרעסט אויף איר זיטלעכע לעבנס־קראַפט.

אַלס מענטשן האָב איך ליב די ענגלענדער און כ׳האָב פאַר זיי דעם טיפסטן דרך־ארץ. זיי האָבן גרויסע אנשי־מעשה, גרויסע דענקער און מענטשן מיט גרויסע וואַרימע הערצער. זיי האָבן געשאַפן אַ גרויסע ליטעראַטור. זיי ליבן גערעכטיקייט און פרייקייט, און האָבן פיינט שקרים. זיי זענען טריי אין פריינטשאַפט און אָפנהאַרציק; ערלעך אין זייערע מעשים; זייערע געלערטע און ליטעראַטן, מיט וועלכע כ׳בין געקומען אין פּער־זענלעכער פאַרבינדונג, האָבן אַרויסגערופן מיין באַוואונדערונג נישט נאָר דורך דער טיפקייט פון זייער געדאַנק און קראַפט פון אויסדרוק, נאָר אויך דורך זייער ריטערלעכער מענטש־לעכקייט. מיר האָבן געפילט די גרויסקייט פון דאָזיקן פאָלק, ווי מ׳פילט די זון; אָבער וואָס איז שייך דער נאַציע, איז זי פאַר אונז אַ געדיכטער, דערשטיקנדער נעפּל, וואָס פארדעקט אפילו די זון. אָט דער אָרט רעגירן דורך דער נאַציע, איז נישט דוקא אַ אייגנשאַפט פון די ענגלענדער, אָדער פון וועלכן נישט איז אַנדער פאָלק; ס׳איז בלויז אַ פּראַקטישע וויסנשאַפט,

און, במילא, אומעטום וואו מ'באנוצט איר, איז זי מער-ווייניק גלייך אין אירע גרונט-יסודות. זי איז געגליכן צו א הידרוילישן פרעס, וואס זיין דרוק איז אומפערזענלעך, און א דאנק דעם, פון א תמיד פולקאמער ווירקונג. די גרויס פון איר קראפט קאן זיין פארשידן ביי פארשידענע מאשינעס. פאראן אפילו אזעלכע, וואס ווערן באוועגט מיטן האנט, שאפנדיק דורכדעם א מעגלעכקייט פון א שוואכערן דרוק, אבער לויטן גייסט און מעטאדע איז זייער חילוק זייער קליין. ווען אונזער רעגירונג וואלט געווען זיין א האלענדישע, פראנצויזישע אדער פארטוגאלישע, וואלטן אירע הויפט שטריכן געבליבן די זעלבע, וואס איצט, נישט מער, אין איינצלנע פאלן וואלט אפשר די ארגאניזאציע נישט געווען אזוי אומבארחמנותדיק פולקאם און, במילא, וואלטן ביי די רעדער פון דער מאשין געבליבן פיצלעך מענטשלעכקייט, ביי וועלכע אונזער צאפלדיק הארץ וואלט געקענט באקומען א ענטפער, און מיר וואלטן געהאט צו טאן מיט עפעס, וואס איז ענלעך צו אונזער אייגענעם לעבעדיקן וועזן. איידער די נאציע האט באקומען איבער אונז די ממשלה, האבן מיר געהאט אנדערע פרעמדע רעגירונגען, און, ווי אלע רעגירונגען, האבן זיי אויך געהאט אין זיך געוויסע עלעמענטן פון א מאשין. אבער דער חילוק צווישן זיי און דער רעגירונג פון דער נאציע איז דערזעלבער, ווי צווישן א האנט-שטול און א דאמף-שטול. אין די אויסארבעטונגען פונם האנט-שטול לאזט זיך שפירן דער צויבער פון דער לעבעדיקער האנט פון מענטשן, און זיין רויקער זשומען הארמאנירט מיט דער מוזיק פון לעבן. דער דאמף-שטול אבער איז טויט, און אומבארחמנותדיק פינקטלעך און מאנאטאן אין זיין אויסארבעטונג.

מיר מוזן מודה זיין, אז בעת דער פערזענלעכער רעגירונג פון די פריערע תקופות, פלעגן פארקומען פאלן פון טיראנישקייט, אומגערעכטיקייט און געלט-אויספרעסונגען. זיי האבן אונז געבראכט פיין און אומרויקייט, און מיר זענען מכיר טובה, וואס מ'האט אונז פון זיי באפרייט. דער שוץ פון געזעץ איז נישט נאר א מתנה: ער איז אויך א ווערטפולע לערע פאר אונז. ער

לערנט אונז די דיסציפלין, וואָס איז נויטיק, כדי די קולטור זאָל האָבן אַ קיום און דער פּראָגרעס זאָל זיין דויער־האַפטיק. ער ווייזט אונז, אז ס'איז דאָ אַ אַלגעמיינע נאָרם פון גערעכטיקייט, וואָס גילט פאַר אלע מענטשן אָן אונטערשיד פון פאַרב און קאַסטע. אָט די הערשאַפט פון געזעץ ביי איינדלענס איצטיקער רעגירונג, האָט אַריינגעבראַכט אָרדנונג אין אונזער רחבות'דיקער לאַנד, וואָס איז באַוואוינט מיט פעלקער, וואָס זענען פאַרשידן לויט זייער ראַסע און מנהגים. זי האָט געגעבן די מעגלעכקייט די דאָזיקע פעלקער צו קומען אין אַ נאָענטערער באַרירונג מיטאַנאַנדער, און זיך פאַרבינדן לשם אַ העכערן שטרעבן.

אָבער דעם דאָזיקן פאַרלאַנג נאָך אַ ברודערלעכער אחדות צווישן די פאַרשידענע ראַסן פון אינדיען, האָט געוועקט דער גייסט פון מערב, אָבער נישט די נאַציע פון מערב. אַ וואו נאָר אַ אַזיאַטישע פאָלק האט באמת עפּעס געלערנט פון מערב, איז עס תמיד געשען קעגן דעם רצון פון דער מערב־נאַציע. נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס יאַפּאַן האט באַוויזן זיך אַנטקעגנצושטעלן דער הערשאַפט פון דער מערב־נאַציע, האָט זי געקענט באַקומען די מתנות פון דער מערב ציוויליזאַציע אין דער פולסטער מאָס. כאָטש כינע איז דורך דער נאַציע פאַרסמט געוואָרן אין איר זיטלעכן און פיזישן לעבנס־מקור, קאָן זי נאָך האָבן ערפאָלג אין איר קאַמף צו באַקומען פון מערב זיינע בעסטע לערעס, אויב די נאַציע וועט איר דערין נישט שטערן. דאָ נישט לאַנג האָט זיך פּערסיען אויפגעכאַפּט, ביים רוף פון מערב, פון איר דורות־לאַנגען שלאָף, כדי תיכף אויף ס'ניי צוטראָטן און גע־צוואונגען ווערן צום שווייגן דורך דער נאַציע. די זעלבע דער־שיינונג איז צו באַמערקן אויך ביי אייך אין אַמעריקע, וואו דאָס פאָלק איז גאַסט־פריינטלעך, אָבער נישט די נאַציע; זי איז מקבל פּנים אַ גאַסט פון מזרח אויף אַזאַ אופן, אַז ער פילט זיך דערנידריקט אלס אַ פאַרטרעטער פון זיין מוטערלאַנד.

אונז אין אינדיען קומט אויס צו ליידן פונם קאָנפליקט צווישן דעם גייסט פון מערב און דער נאַציע פון מערב. די

גוטס פון דער מערב־ציוויליזאַציע טיילט אונז איין די נאַציע אויפן קאַרגסטן אופן. זי פּרובירט צו איינהאַלטן, אויף וויפל ס'לאָזט זיך, אונזער באַשפּייזונג, האַרט לעם נול־פּונקט פון לעבנס־פעיקייט. די ערציאונג, וואָס אונזער פאָלק באַקומט, איז אַזוי לעכערלעך נישטיק, אַז ס'וואָלט בלתי ספק טיף באַליידיקט דעם געפיל פון אנשטענדיקייט ביי אַ איראָפּעער. אין די מערב־לענדער ווערט דאָס פאָלק אויף כלערליי אופנים אויפגעמונטערט, צוגעטריבן און פאַרזען מיט אַלע מעגלעכקייטן צו אויסבילדן און באַוואָפנען זיך פאַרן גרויסן קאָנקורענץ־קאַמף אויפן וועלט־מאַרק, בעת אין אינדיען טוט די נאַציע לחלוטין גאָרנישט פאַר אונז, חוץ חוזקן פון אונזער אָפּגעשטאַנענקייט. בעת זי פאַרשליסט פאַר אונז אַלע מעגלעכקייטן און דערפירט אונזער דערציאונג ביזן מינימום, וואָס איז נויטיק פאַרן קיום פון אַ פרעמדער רעגירונג, — באַרויקט זי איר געוויסן דערמיט, וואָס זי איז אונז מבזה, פאַרשפּרייטנדיק מיט התמדה די צינישע חכמה, אַז דער מזרח בלייבט מזרח און דער מערב — מערב, און אַז קיינמאָל וועלן זיך די דאָזיקע צוויי וועלטן נישט צונויפקומען. אויב ס'איז אמת, ווי אונזער מערב־לערער וואַרפט אונז שפּאָטיש פאָר, אַז נאָך צוויי יאָרהונדערטער פון זיין אַפּוטרופּסות איז אינדיען נישט נאָר געבליבן אומפעיק מיט זיך אַליין צו רעגירן, נאָר אויך אויפן גייסטיקן געביט האָט זי נישט באַוויזן קיין שום אָריגינאַליטעט, — צי האָבן מיר דאָס צו פאַרדאַנקען דעם כאַראַקטער פון דער מערב־קולטור און אונזער אייגנבאַרענער אומפעיקייט איר אויפצונעמען, אָדער דער אויסגערעכנטער קאַרגשאַפט פון דער נאַציע, וואָס האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו ציוויליזירן דעם מזרח? מיר זענען מודה, אַז דאָס יאַפּאַנישע פאָלק פאַרמאָגט פעיקייטן, וועלכע פעלן אונז, אָבער, אַז אונזער גייסט איז בטבע נישט שעפעריש אין פאַרגלייך מיט זיינעם, אין דעם קענען מיר אפילו מיט די נישט מסכים זיין, ווייל ס'איז סכנהדיק פאַר אונז צו דערווידערן. דער מערב־נאַציאָנאַליזם איז בעצם נישט געגרינדעט אויפן סאָציאַלן צוזאַמענאַרבעטן; פון אָנפאַנג אָן און ביז אין זיין איבערלעבסטן

תוך איז ער באַהערשט פון קאַמפּס-גייסט און פון דער תאווה צו באַהערשן: ער האָט אַנטוויקלט ביז צו דער העכסטער מדרגה די אָרגאַניזאַציע פון מאַכט, אָבער נישט קיין גייסטיקן אידעאַליזם. ער איז גלייך צו אַ טשאַטשע בלוטדורשטיקע חיות, וועלכע מוזן האָבן זייער רויב. פאַר קיין פאַל קאָן ער נישט דערלאָזן, זיינע יאַכט-שטחים זאָלן קולטיווירט ווערן. און בעצם קעמפן דאָך טאַקע די דאָזיקע נאַציעס צווישן זיך כדי צו פאַרברייטערן זייערע יאַכט-געביטן. מהאי טעמא שטעלט זיך אויף די מערב-נאַציע ווי אַ גרעבלע, כדי איינצוהאַלטן דעם פרייען פליסן פון שטראָם פון דער מערב-קולטור אין די לענדער, וואָס זענען נאָך נישט קיין נאַציעס. צוליב דעם, וואָס די דאָזיקע ציוויליזאַציע איז אַ ציוויליזאַציע פון מאַכט, איז זי בטבע גענייגט זיך איינצושליסן און וויל נישט עפענען די מקורים פון איר מאַכט פאַר די יעניקע, וועמען זי האָט אויסגעקליבן צו אירע עקספּלואַטאַציע-צילן. און דאָך איז דער זיטלעכער געזעץ דער געזעץ פון דער מענטשלעכער טבע. און די ציוויליזאַציע, וואָס פאַרשליסט זיך אין די אייגענע ד׳ אמות און בערט זיך פון די, וואָס געניסן נישט פון אירע חסדים, איז פאַרמשפּט צום טויט דורך איר זיטלעכער באַגרענעצטקייט. די קנעכטשאַפט, וואָס זי שאַפט פאַר אַנדערע, טריקנט אויס דעם קוואַל פון איר אייגענער פרייהייט-ליבע ביי איר גופא. די הילפלאָזיקייט, צו וועלכער זי פאַרמשפּט אירע קרבנות, פאַראַליזירט אירע אייגענע אברים, און ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען דער גרויסער טייל פון דער וועלט, וואָס פאַרלירט איר זעלבשטענדיקן לעבן דורך דער נאַציע, וועט ווערן די שרעקלעכסטע משא פאַר איר גופא און איר אַראָפּציען אין תהום פון פאַרניכטונג. בעת די מאַכט הויבט אָן אָפּצוראַמען אַלע מניעות, כדי אומגעשטערט ממשיך זיין איר וועג וואָס שנעלער, — דעמאָלט ענדיקט זיך איר טריומפירנדער נצחון-מאַרש מיט אַ פּלוצלינגער מפלה. איר זיטלעכער טאָרמאַז גיט נאָך, אומבאַמערקט, אַלץ מער און מער, און דער גליטשיקער וועג, אויף וועלכן ס׳לויפט זיך אַזוי לייכט, ווערט איר פאַטאַלער גורל.

פון אלע מתנות פון דער מערב־ציוויליזאַציע, האָט אונז איינגעטיילט די מערב־נאַציע ביד רחבה נאָר געזעץ און אָרדנונג. בעת די קליינע זויג־פלאַש, און וועלכער מ׳דערלאַנגט אונז דערציאונג, איז כמעט ווי פוסט, און דער סאַניטאַרער פאַרזאָרגונג קומט אויס זיך אויסציען און שטאַרבן פאַר יאוש, האָבן זיך די מיליטער־אָרגאַניזאַציע, די פאַרוואַלטונג־ און פאָליציי־אַמטן, די געהיים־פּאָליציי, די געהיימע שפּיאָנען־סיסטעם מוראדיק אָפּגעפּאַשעט און זיך ברייטלעך צולייגט אין אונזער גאַנצן לאַנד. אמת, זיי זענען נויטיק כדי אויפצוהאַלטן די אָרדנונג. צי איז אָבער די דאָזיקע אָרדנונג נישט בלויז אַ נעגאַטיווע טובה? דאַרף זי דען נישט שאַפן פאַרן פאָלקס־לעבן מער מעגלעכקייטן זיך פריי צו אַנטוויקלען? זייער אויפגאַבע איז די אויפגאַבע פון דער היי־שאָלעכטס, וואָס באַשטייט אינם באַשיצן דעם קורטשאַק מיט זיין שפּייז, אָבער נישט אין דער באַקוועמלעכקייט, וואָס זי שאַפט פאַרן מענטשן ביים פרישטיק־עסן. בלויזע אַדמיניסטראַציע איז אומפּרוכטבאַר, נישט שעפעריש, — ווייל זי איז אַ טויטע זאַך. זי איז מעכטיק ווי אַ דאַמף־וואַלץ, וואָס איז מעכטיק מיט זיין וואָג און קראַפט, און וואָס ברענגט אויך אַ געוויסן נוצן, אָבער פרוכטבאַר מאַכן דעם באָדן קאָן ער נישט. ווען זי קומט נאָכן אָפּטון איר קאָלאָסאַלע אַרבעט און ברענגט אונז איר מתנה פון רו און אָרדנונג, קענען מיר נאָר שטיל שעפּטשען: רויקייט איז גוט, אָבער בעסער איז לעבן, וואָס איז גאָטס אייגענע גרויסע מתנה.

פון דער אַנדערער זייט, האָט די פריערדיקע ממשלות געפעלט אַ סך מעלות פון דער איצטיקער רעגירונג. אָבער היות זיי זענען נישט געווען קיין ממשלות פון דער נאַציע, איז זייער געוועב געווען שיטער, לאָזנדיק גרויסע בלויזן, דורך וועלכע אונזער לעבן האָט אַדורכגעשאָסן זיינע אייגענע פעדים און אויסגעוועבט זיין אייגענעם מוסטער. בלתי ספק האָבן מיר אין יענע צייטן געמוזט שפּירן אַ סך אומאָנגענעמע זאַכן. מיר ווייסן אָבער, אַז גייענדיק באָרוויס, אויף וועגן באַדעקטע מיט קיזל־שטיינדלעך, פאַסן זיך ביסלעכווייז צו אונזערע פיס צו די קאַש־

ריזן פון דער נישט גאָסטפּריינטלעכער ערד; בעת אָבער דער קלענסטער פּיצל פון אַ קיזלשטיין פאַרקלייבט זיך צו אונז אינ־ווייניק אין שוך, לאָזט ער אונז קיינמאָל נישט רוען און פאַר־געסן זיין אַריינדרינגען. און אַזאַ מין שוך, איז די ממשלה פון דער נאַציע: ער איז ענג, און רעגולירט אונזערע טריט לויט אַ פעסטער סיסטעם, וואָס לאָזט נישט איבער פאַר אונזער פוס די קלענסטע פרייהייט, זיך אַליין אין אים צו איינאָרדנען. על־כּן, בעת איר שטעלט צונויף אייערע סטאַטיסטיקעס, וואָס פאַרגלייכן די גרויסע צאָל שטיינדלעך, אין וועלכע אונזערע פּיס פלעגן זיך אָנשטויסן פריער, מיט זייער קליינער צאָל ביי דער איצטיקער רעגירונג, טרעפט איר נישט דערמיט אין ציל. ווייל דאָ גייט נישט אין דער צאָל אויסערלעכע מניעות, נאָר אין דער לפי ערך׳דיקער מאַכטלאָזיקייט פון יחיד צו קעמפן מיט זיי. אָט די באַגרענצונג פון דער פרייהייט איז אַ צרה, וואָס איז שווער צו פאַרטראָגן, נישט אַזוי צוליב איר פאָרנעם, ווי צוליב איר אָרט. און מיר קענען נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף דער סתירה, אַז בעת דער גייסט פון מערב מאַרשירט אונטער דער פאָן פון פרייהייט, שמידט די נאַציע פון מערב די אייזערנע קייטן פון אָרגאַניזאַציע, וועלכע זענען די שטאַרקסטע און אומברחמנות־דיקסטע, וואָס זענען ווען נישט איז געשמידט געוואָרן, אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

בעת אינדיען האָט זיך נאָך נישט געפונען אונטער דער ממשלה פון דער אָרגאַניזאַציע, זענען די ענדערונגס־מעגלעכ־קייטן געווען גענוג גרויס, אויף צו אויפמונטערן קרעפטיקע און גייסטיק־רייכע מענער צו פילן, אַז זייער גורל געפינט זיך אין זייערע אייגענע הענט. די האָפנונג אויף דאָס אומערוואַרטעטע האָט קיינמאָל נישט געפעלט, און אַ פרייערע שפּיל פון כּח הדמיון הן מצד די באַהערשטע און הן מצד די הערשער, האָט משפּיע געווען אויפן גאַנג פון דער געשיכטע. מיר זענען נישט געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט אַ צוקונפט, וואָס איז ווי אַ טויטע ווייסע וואַנט פון גראַניט־פלאַטן, וואס שטעלט זיך תּמיד אַנטקעגן דער אויסלעבונג און אויסשפּרייטונג פון אונזערע

אייגענע כּוחות. און דערבײַ באַשטייט דאָס האָפענונגסלאָזע אין דעם, וואָס אונזערע כּוחות ווערן אַטראָפירט אין זייער שורש דורכן קינסטלעכן פּאַראַליזירונגס־פּראָצעס, ווײַל יעדער יחיד פון לאַנד, וואָס איז נישט קיין נאַציע, געפינט זיך לחלוטין אין רשות פון אַ גאַנצער נאַציע, וועמענס אומערמידלעכער וואַכזאַמקייט ס'פעלט די מדה פון לפנים־משורת־הדין, ווײַל זי איז די וואַכזאַמקייט פון אַ טויטן מעכאַניזם. ביים לייכטסטן דרוק אויף זיין קנאָפּקע, פאַרוואַנדלט זיך די אָרגאַניזירטע פאַרזעעניש דורך און דורך אין אויג, וועמענס אינקוויזיטאָריש־העסלעכן בליק ס'קאָן נישט אויסמיידן, קיין איין איינציקער פון דער אומגעהייערער מחנה באַהערשטע. ביים קלענסטן דריי פון זיין שרייפל, פילט יעדער פון דער צעלרייכער באַפעלקערונג, סיי מאַן, סיי פרוי, סיי קינד, איר פעסטע אַרומנעמונג, וואָס רויבט אַוועק דעם אָטעם, און פון וועלכער ס'איז נישטאָ קיין באַהעלטעניש, נישט אין אייגענעם לאַנד און נישט אין אַ וואַסער ס'איז פרעמדער לאַנד.

אונטער דעם דאָזיקן תּמיד'ן אומגעהייערן מעכאַנישן דרוק פון דאָס טויטע אויף דאָס לעבעדיק־מענטשלעכע, זיפצט די מאָדערנע וועלט. נישט נאָר די פאַרשקלאַפטע ראַסן, נאָר איר גופא, — איר, וועלכע מיינט, אַז איר זענט פריי, — זענט אויך מקריב טאָג־טעגלעך אייער פרייהייט און מענטשלעכקייט, דער עבודה זרה פון נאַציאָנאַליזם, און איר לעבט אין דער פאַרשטיקטער, פאַרסמטער לופט פון אומצוטרוי, גייציקייט און מורא, וואָס זענען גרויס ווי די וועלט.

כ'האָב געזען אין יאַפּאַן, ווי דאָס גאַנצע פאָלק וואַרפט זיך פרייוויליק אונטער דער באַאַרבעטונג פון זיינע מוחות און דער אַרומשניידונג פון זיין פרייהייט מצד זיין רעגירונג, וואָס רעגולירט דורך כּלערליי ערציערישע מיטלען זיינע געדאַנקען, פאַבריצירט זיינע געפילן, און ווערט חשדיש אויפמערקזאַם, ווען עס ווייזט אַרויס אַ נטיה צו פאַרנעמען זיך מיט גייסטיקע עניינים, און פירט אים דורך אַ שמאָלע וועג נישט צו זיין אמתן ציל, נאָר צו דאָס, וואָס איז נויטיק, לויט איר רעכעַנט, כּדי זיי צונויפשמעלצן צו איין גלייכפאָרמיקער מאַסע. און דאָס פאָלק

טוט אָן מיט פרייד און שטאָלץ דעם יאָך פון אַ דער אַלגע־מיינער גייסטיקער קנעכטשאַפט, ווייל עס האָט דעם קרענקלעכן פאַרלאַנג זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ קראַפט־מאַשין, וואָס הייסט נאַציע, און נאָכטאָן אנדערע מאַשינעס אין זייער קאָלעקטיוון עגאָאיזם. פרעגט איר אַזאַ איינעם פון די ניי־אויסגעבאַקענע פאַנאַטיקער פון נאַציאָנאַליזם, אין וואָס באַשטייט די חכמה פון זיין בייעם שטרעבן, ענטפערט ער אייך: כּל־זמן אין אונזער וועלט הערשן נאַציעס, האָבן מיר קיין רעכט נישט פריי צום אַנטוויקלען אונזער העכערע מענטשלעכקייט. יעדע קראַפט, וואָס מיר באַזיצן, איז אונז נויטיק אויף צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער שלעכטס, און צום בעסטן באַזיגן מיר איר, איר מאַכנדיק פאַר אונזער אייגנס, אין דער העכסטער מאָס. ווייל די איינציקע ברודערשאַפט, וואָס איז מעגלעך אין דער מאָדערנער וועלט, איז די ברודערשאַפט פון כוליגאַניזם. דער שליסן פון ברידערלעכן ליבע־בונד צווישן יאַפּאַן און רוסלאַנד, וואָס איז דאָ נישט לאַנג מיט אַזאַ שמחה באַגריסט געוואָרן אין יאַפּאַן, איז נישט קיין פּועל־יוצא פון פלוצלונגן אויפלעבן פון קריסטלעכן אָדער בודיסטישן גייסט, נאָר ער באַזירט, לויט די עיקרים פון דער מאָדערנער אמונה, אויף אַ סך אַ זיכערער פריינטשאַפט: אויף דער קעגנזייטיקער דראָאונג מיט בלוט פאַרגיסונג. יע, מ'מוז מודה זיין, אַז אַט דער פאַקט גיט אַ ריכטיקן בילד פון דער וועלט פון דער נאַציע. און זיין איינציקער מוסר־השכל איז אַז אַלע פעלקער פון דער ערד, זיינען אָנגעשטרענגט ביז דער העכסטער מדרגה זייערע פיזישע, גייסטיקע און מאָראַלישע כּוחות, כּדי צו פאַרניכטן איינער דעם צווייטן אינם גרויסן מאַטש־קאַמף פאַר מאַכט. אינם גרויען עבר, האָט ספּאַרטאַ דורכאויס געשטרעבט צו ווערן מעכטיק; זי איז עס געוואָרן, פאַרקריפּלנדיק איר מענטשלעכקייט, און איז געשטאָרבן פון דער אַמפּוטאַציע.

ס'איז אָבער פאַר אונז אַ קנאַפּע נחמת צו וויסן, אַז פון דער קרענקפון אונזער תּקופה: די אָפּשוואַכונג פון דער מענטשלעכקייט, ליידן נישט נאָר די פאַרשקלאַפטע ראַסן, נאָר אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס די יעניקע, וואָס האַלטן זיך פאַר פריי,

ווייל זיי אָנערקענען עס נישט פאר קיין קרענק, און לאָזן איר פרייוויליק זיך איינוואָרצלען ביי זיך. דער פארשאכערן פון אייערע אייגענע העכערע לעבנס-אידעאַלן פאר מאכט און רוחים, איז אַ זאך פון אייער פרייען רצון, און קיינער קאָן אייך נישט שטערן, צו שטיין ביי די חורבות פון אייער נשמה און זיך פרייען מיט אייער וואקסנדיקן אויסערלעכן ערפאָלג. וועט איר אָבער קיינמאָל נישט דארפן אָפגעבן קיין דין וחשבון, פארן אָרגאַניזירן אויפן פולקאָמסטן אופן די עגאָאיסטישע אינסטינקטן פון גאַנצענע פעלקער, האַלטנדיק עס פאר גוט? איך פרעג אייך: צי איז דען געווען אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אפילו אין אירע דונקלסטע תקופות, עפעס אַזוינס, וואָס זאָל זיך קענען גלייכן צו דער צרה פון דער נאַציע, וואָס לאָזט אריין אירע נעגל טיף אינעם נאַקעטן פלייש פון דער וועלט, און נעמט אָן אַלע פאַרזיכט-מיטלען, זי זאָל קיין איין רגע נישט קענען פריי אָפּעטעמען? איר, פעלקער פון מערב, וועלכע האָבן אַרויסגערופן צום לעבן אָט די פאַרזעעניש: קענט איר משער זיין דעם האָפנונגסלאָזן יאוש פון דער פארפאָלגטער און ליידנדיקער מענטשן-וועלט, וואָס געפינט זיך אין רשות ביי דער גאַכלאָזער, געשפענסטאַרטיקער אַבסטראַקציע פונם אָרגאַניזירנדיקן מענטשן? קענט איר זיך גופא פאַרשטעלן אויפן אָרט פון די פעלקער, וואָס זענען פארשקלאַפט, ווי ס'שיינט, צו אַ אייביקן פארלוסט פון זייער מענטשלעכקייט, וואָס ווערט כסדר דערגיוריקט, און וועלכע מוזן נאָך, חוצדעם, זינגען לויב-לידער פאר די חסדים פונם מעכאַנישן אַפּאַראַט, וואָס שפּילט די ראָלע פון זייער השגחה עליונה?

זעט איר דען נישט, אַז זינט ס'עקזיסטירט די נאַציע, שרעקט זיך פאר איר די גאַנצע וועלט, ווי פאר אַ שד? אז נאָר אַ פינסטערער ווינקל, דאָרט איז די מורא פאר איר פארבאָרגענער רשעות; און אַ וווּ זי דארף נישט מורא האָבן פאר אירע אויגן, שרעקט זי זיך פאר איר רוקן. יעדער קלאַנג פון טריט, יעדער גערויש פון דער קלענסטער באַוועגונג אין שכנהשאַפט, רופט אַרויס אַ ציטער פון שרעק אַרום און אַרום. און אָט די

שרעק רופט ארויס צום לעבן אלדאָס נידריקע, וואָס אין מענטשנס באַטור. אַ דאַנק אים, פאַרלירט ער כמעט לגמרי די הרפה פאַר זיין אוממענטשלעכקייט. מיט מייסטערהאַפטע ליגנס שטאָלצירט ער; אַ פייערלעכער צוזאָג, איז ביי אים אַ פּאַרס, — און דוקא צוליב זיין פייערלעכקייט. מיט אירע אַלע פאַרפּוצונגען פון מאַכט און ערפאָלג, מיט אירע פאָנען און פרומע הימנען, מיט אירע לעסטערדיקע תגלות אין די קירכעס און דעם לעכערלעכן נביאים-טאָן פון איר פּאַטריאָטישער באַרימעריי-ליטעראַטור, — מיט דעם אַלעם קאָן דאָך די נאַציע נישט פאַרבאָרגן די עובדה, אַז זי גופא איז דער גרעסטער אומגליק פאַר דער נאַציע, אַז אירע אַלע פאַרזיכט-מיטלען זענען געווענדט קעגן איר גופא, און אַז יעדע נייע געבורט פון אַ נאַציע, רופט ביי איר תמיד ארויס די מורא פאַר אַ פרישער סכנה. איר איינציקער ווונש איז, צו אויסניצן די שוואַכקייט פון דער איבעריקער וועלט, ווי בעת-טע אינזעקטן-מינים, וואָס לאָזן זייערע קרבנות, — אינם פאַ-אַליזירטן פלייש פון וועלכע זיי האָדעווען זייער יונגן דור, — אַזוי פיל לעבן, וויפל ס'איז נויטיק, זיי זאָלן בלייבן געניסבאַר און נאַר-האַפטיק.

דעריבער איז זי גרייט צו אריינלאָזן איר גיפט אין די לעבנס-אָרגאַנען פון אַנדערע לעבעדיקע פעלקער, וואָס זענען הילפלאָז, נישט זייענדיק קיין נאַציעס. און דערפאַר טאַקע האָט די נאַציע פון קדמונים אָן געהאַט איר רייכסטע פאַשע אין אזיען. די גרויסע כינע, וואָס איז רייך מיט אַלטער חכמה און סאָציאַלער עטיק, איז, מיט איר געוווינהייט צו ארבעט און זעלבסטבאַהערשונג, געגליכן צו אַ וואַלפיש, וואָס וועקט אויף די רויב-תאוה אינם האַרצן פון דער נאַציע. זי טראָגט שוין אין איר צאַפלדיקן פלייש די האַרפונען, וואָס ס'האָט אין איר גע-שליידערט די נאַציע, אָט די באַשעפעניש פון וויסנשאַפט און עגאָאיזם, וואָס פאַרפעלט קיינמאָל נישט איר ציל. איר קלאָגע-דיקער פרווו צו אראָפוואַרפן פון זיך די אַלטע טראַדיציעס פון מענטשלעכקייט און אירע סאָציאַלע אידעאַלן, און מיט די לעצטע אויסגעשעפּטע כחות זיך דערהויבן צו מאָדערנער טעטי-

קייט. ווערט ביי יעדן שריט צונישט געמאַכט דורך דער נאַציע. זי פאַרציט אַלץ פעסטער די פּעטליעס פון די פינאַנסיעלע התחיבותן אַרום איר קערפּער, זיך באַמיענדיק איר אַרויסצוציען אויף דער יבשה און צושניידן אויף שטיקער. און דעמאָלט גייען און אָפּריכטן אַ עפנטלעכע לויב-תּפילה צו גאָט, וואָס ער באַשיצט איין עקזיסטירנדיקע צרה און דערלאָזט נישט די אַנטשטייאונג פון אַ צווייטער. און פאַר דאָס אַלץ, פּרעטענדירט די נאַציע אויפן דאַנק פון דער געשיכטע און אויף דאָס רעכט, אייביק צו עקספּלואַטירן די וועלט; זי באַפעלט, מ'זאָל איר זינגען לויב-לידער פון איין עק וועלט ביזן צווייטן; זי דערקלערט זיך אַלס די זאַלץ פון דער ערד, אַלס די קרוין פון דער מענטשהייט, אַלס גאָטס ברכה, וועלכע ער שליידערט מיט זיין גאַנצן כּח אויף די אַנטבלויזטע שאַרבנס פון די, וואָס געהערן נישט צו קיין נאַציע. איך ווייס, וואָס איר עצהט אונז. איר זאָגט: ווערט אַליין אַ נאַציע, און שטעלט אַ ווידערשטאַנד די פאַרכאַפּונגען פון דער נאַציע. איז עס אָבער אַ ריכטיקע עצה? אַ עצה פון אַ מענטשן צו אַ מענטשן? הלמאַי זאָל עס זיין אַ גוטוועדיקייט? כ'וואָלט אייך זיכער פאַרשטאַנען, ווען איר זאָלט זאָגן: „זייט בעסער, גערעכטער, אמתער אין אייער באַציאונג צו מענטשן; צאַמט איין אייער גייציקייט, מאַכט געזונט אייער לעבן אין זיין פּשטות, און זאָל אייער גלויבן אין דאָס געטלעכע ביים מענטשן, זיך דערהויבן צו פולקאָמענהייט אין זיין אויסדרוק". צי דאַרפט איר אָבער זאָגן, אַז נישט די נשמה, נאָר די מאַשין איז דאָס ווערטפולסטע פאַר אונז, און אַז דעם מענטשנס גליק הענגט אָפּ פון זיין פולקאָמענער צופּאַסונג צום טויטן ריטם פון אַ מאַשינעריע? אַז אַ מאַשין דאַרף אַרויסטרעטן קעגן אַ מאַשין, אַ נאַציע קעגן אַ נאַציע, אינם ענדלאָזן אָקסן-קאַמף פון פּאָליטיקער?

איר זאָגט, אַז אָט די מאַשינען וועלן קומען צו אַ אויסגלייך, וואָס וועט באַזירן אויף זייער מורא פאַראַנאַנדער לשם זייער קעגנזייטיקער זיכערקייט. וועט אייך אָבער אָט דער בונד פון דאַמף-קעסלען לאָזן די נשמה, וואָס האָט איר געוויסן און

איר גאָט? און וואָס וועט ווערן פון יענעם גרויסן טייל וועלט, וועלכן איר האָט נישט מורא אָנצוגרייפן? דאָס, וואָס פאַרזיכערט אביסל ביי היינטיקן טאָג די לענדער, וואָס זענען נישט קיין נאַציעס, פון די אומגעזעטיקטע אַפעטיטן פון דער נאַציע, איז די געגנזייטיקע קנאה פון די מאַכטן. בעת אָבער די אומצייליקע, אָפּגעזונדערטע מאַשינעס, וועלן זיך פאַרייניקן אין אַ אָרגאַניזירטע סטאַדע פון פּאָליטישע און קאָמערציעלע פרעסער, כדי מיט געמיינזאַמע כחות בעסער צו באַפרידיקן זייערע אַפּעטיטן, וועלכע קלענסטע האָפנונג וועט בלייבן פאַר די יעניקע, וואָס האָבן געלעבט און געליטן, געליבט און מתפלל געווען, טיף נעטראַכט און עניותדיק געאַרבעט, און וואָס זענען באַגאַנגען דעם איינציקן חטא פון זיך נישט אָרגאַניזירן? איר זאָגט אָבער: „דאָס גייט אונז נישט אָן; די, וואָס פּאַסן זיך נישט צו, מוזן באַזייגט ווערן, — זיי מוזן שטארבן. דאָס איז וויסנשאַפט". „ניין", זאָג איך, „צוליב אייערטוועגן דאַרפן זיי לעבן און זיי וועלן לעבן".

ס'איז אומגעהייער העזהדיק פון מיין זייט עס צו זאָגן, אָבער איך פאַרזיכער, אַז די וועלט פונם מענטשן איז אַ זיטלעכע וועלט, נישט ווייל מיר זענען מרוצה געוואָרן בלינד אין דעם צו גלויבן, נאָר ווייל ס'איז באמת אַזוי, און ס'איז סכנהדיק פאַר אונז, דעם דאָזיקן אמת נישט צו וויסן. און די זיטלעכע נאַטור פונם מענטשן לאָזט זיך נישט אויסטייטשן פאַרשידן, לויט ווי ס'פּאַסט אייך. איר קענט איר נישט באַשיצן און איינהאַלטן פאַר אייער שטוביקן געברויך, בעת איר מאַכט איר אין פרעמדע לענדער אומגעהייער צופּאַסונגס-פעיק, צו אייערע אומגעזעטיקטע רויב-תאוות.

האָט זיך דען איצט נישט אַנטפּלעקט פאַר אייך אָט דער אמת, בעת די אכזריותדיקע מלחמה האָט אַריינגעשטעקט אירע נעגל אין אייראָפּעס איינגעווייד? בעת אירע אָנגעזאַמלטע אַ צרות גייען אַוועק מיטן רויך, און איר באַפעלקערונג ווערט צוריסן אויף אירע שלאַכט-פעלדער אין שטיקער? איר פרעגט מיט דערשטוינונג: פאַרוואָס קומט איר דאָס? דער תירוץ איז, אַז דער מערב האָט סיסטעמאַטיש פאַרשטיינערט זיין זיטלעכע נאַטור.

כדי צו שאַפן א סאָלידן יסוד, פאר די גיגאַנטישע אבסטראַקציעס פון איר בריה'שער טעטיקייט, ער האָט פסדר פארטאָרעט דעם פערזענלעכן מענטשן, כדי דער באַרופס־מענטש זאָל בליען. — דער פשוטער און נאַטירלעכער מענטש פון מיטלאַלטערישן אייראָפּע, מיט אלע זיינע שטאַרקע תאוות און פארלאַנגען, האָט געזוכט צו געפינען א אויסוועג פון קאָנפליקט צווישן קערפּער און גייסט. דורך דער גאנצער שטורעמדיקער צייט פון אייראָפּעס קרעפטיקער יוגנט, האָט סיי די גייסטיקע סיי די וועלטלעכע ממשלה שטאַרק משפיע געווען אויף דער נאַטור פונם אייראָפּעאישן מענטשן, און געפאָרמט פון אים א שלימותדיקע, זיטלעכע פערזענלעכקייט. אייראָפּע האָט צו פארדאַנקען איר גאַנצע מענטשלעכע גרויסקייט יענער צייט פון דערציאונג, — די דערציאונג פונם מענטשן אין זיין מענטשלעכער שלימות.

דערנאָך איז געקומען די תקופה פון אינטעלעקט, פון דער וויסנשאפט. מיר ווייסן אלע, אז דער אינטעלעקט איז אומפערזענלעך. אונזער לעבן און אונזער הארץ זענען איינס מיט אונזער „איך", אָבער דער שכל קאָן אָפּגעטיילט ווערן פונם פערזענלעכן מענטשן, און נאָר דעמאָלט קאָן ער זיך פריי באַוועגן אין זיין געדאנקען־וועלט. אונזער אינטעלעקט איז א אסקעט, וואָס טראָגט נישט קיין קליידער, שפּייזט זיך נישט, שלאָפט נישט, האָט נישט קיין פארלאַנגען, ווייס נישט פון ליבע, שנאה, אָדער רחמנות צו מענטשלעכע שוואַכקייטן, און וואָס שטייט אומבאַוועגלעך צווישן אלע ענדערונגען פון לעבן, און — דיינקט. ער דערגראָבט זיך ביז צום שורש פון יעטוועדער זאַך, ווייל אים פעלט די פערזענלעכע באַציאונג צו דער זאַך גופא. דער בעל־מדקדק גייט אָן א אָפּהאַלט, דורך יעדער פאָעזיע, צום שורש פון די ווערטער, ווייל ער זוכט נישט קיין לעבעדיקע ווירקלעכקייט, נאָר כללים. געפינט ער דעם כלל, איז ער ביכולת צו לערנען דעם עולם צו באַהערשן די ווערטער. דאָס איז א כח, — א כח, וואָס האָט זיך איר געוויסן נוצן און באַפרידיקט א געוויסע מענטשלעכע באַדערפעניש.

די ווירקלעכקייט אָבער איז די האַרמאָניע, וואָס פאַרבינדט די־

איינצלנע חלקים פון א זאך צו א גלייכגעוויכט פון א גאנצקייט. צושטערט אט די הארמאניע, און דאס גאנצע צופאלט אין באנדזשענדיקע זינלאזע אטאמען, וואס קעמפן צווישן זיך. די, וועלכע שטרעבן צו מאכט, באמיען זיך צו באהערשן די דאזיקע קעמפנדיקע אור־עלעמענטן און צווינגען זיי אריינצופליסן אין געוויסע שמאלע קאנאלן, כדי זיי שטעלן אין דינסט פון פארשידענע מענטשלעכע באדערפענישן.

אט די באפרידיקונג פונם מענטשנס באדערפענישן איז א גרויסע זאך. זי מאכט אים פריי אין דער מאטעריעלער וועלט. זי גיט אים הערשאפט איבער רוים און צייט. ער איז ביכולת פארטיק צו מאכן א זאך אין א קורצערער צייט און פארנעמען א גרעסערן שטח מיט מער נוצן. דעריבער קאן ער לייכט אריבעריאגן די יעניקע, וואס לעבן אין א וועלט פון א לאנגזאמערער צייט און א ווינציקער אויסגענוצטן שטח.

אט דער פראגרעס פון מאכט פארשנעלערט אלץ מער און מער זיין טעמפ. און היות ער איז א אפגעריסענער טייל פונם מענטשן, וועט ער איינגיכן איבעריאגן די גאנצע מענטשהייט. דער זיטלעכער מענטש בלייבט פון הינטן, ווייל ער האט צוטון מיט דער ווירקלעכקייט גופא, און נישט נאר מיט אירע אומפערזענלעכע אבסטראקטע געזעצן. בעת די אינטעלעקטועלע און מאטעריעלע כחות וואקסן א סך אריבער די זיטלעכע קראפט פונם מענטשן, איז ער געגליכן צו א קאריקאטור פון א זשיראף, וועמעס קאפ ס'האט פלוצלונג ארויסגעשפרונגען מיילנווייט פונם איבעריקן גוף, מאכנדיק כמעט ווי אוממעגלעך די פארבינדונג צווישן זיי. די דאזיקע זולל־וסובאדיקע קאפ מיט איר אומגעהייערן געביס, האט שוין אויפגעפרעסן אלע העכסטע בוימערשפיצן פון דער וועלט, אבער די נארונג דערגרייכט צו שפעט אין די פארדייונגס־ארגאנען און די הארץ ליידט פון בלוט־ארימקייט. ווי ס'שיינט, באמערקט גארנישט דער מערב, אין צופרידענער אומוויסנקייט, די דיסהארמאניע, וואס הערשט אין דער נאטור פונם מאדערנעם מענטשן. די אומגעהייערקייט פון זיין מאטעריעלן ערפאלג האט צוגעשמידט זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט אויף זיך און ער גראטולירט זיך גופא

מיט זיין צוואָקסנקייט. דער אָפּטימיזם פון זיין לאָגיק באַרעכנט זיין גליק לויט דער אומבאַגרענעצטער אויסשפּרייטונג פון זיינע באַן־רעלסן אין דער אומענדלעכקייט אַריין. ער איז געניג אויבער־פלעכלעך צו גלויבן, אַז אַלע מאָרגנס זענען גלייך צום היינט, מיטן תמידן צולייג פון פיר־און־צוואַנציק שעה. אים שרעקט נישט דער תהום, וואָס עפנט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ ברייטער און ברייטער, צווישן די איבערגעשטאָפּטע שפּייכלערס פון יחידים און דער אָרימקייט פון זיין הונגעריקער באַפעלקערונג. די לאָ־גיק ווייס נישט, אַז טיף אונטער די סופלאָזע שיכטן פון עשירות און באַקוועמלעכקייט גרייטן זיך ערדציטערנישן, וואָס וועלן אידער ברענגען אין גלייכגעוויכט די זיטלעכע וועלט, און אַז אין איין שיינעם פרימאָרגן וועט דער אָפענער תהום פון גייס־טיקער פוסטקייט פאַרשלינגען די חמרים פון חפצים, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן אין טומאה.

דער מענטש אין זיין גאַנצקייט איז נישט מעכטיק, נאָר פולקאָמען. ווילט איר אים פאַרוואַנדלען אין בלויזע קראַפט, מוזט איר אַרומשניידן וואָס מער זיין נשמה. בעת מיר זענען פולקאָמע מענטשן, קענען מיר נישט כאַפּן איינער דעם אַנדערן ביים גרגרת: די אינסטינקטן פון אונזער סאָציאַלן לעבן, די טראַדיציעס פון אונזערע זיטלעכע אידעאַלן דערלאָזן נישט דערצו. ווילט איר מיר פאַרוואַנדלען אין אַ שוחט פון מענטש־לעכע נפשות, מוזט איר אַ פריער צושטערן די גאַנצקייט פון מיין מענטשלעכקייט דורך אַ געוויסע דערציאונג, וואָס טויט מיין רצון, פאַראַליזירט מיינע געדאַנקען און מעכאַניזירט מיינע באַ־וועגונגען, און דעמאָלט ערשט וועט פון דער צופאַלונג פון דער פולקאָמער מענטשלעכער פערזענלעכקייט אַנטשטיין יענע אַב־סטראַקציע, יענע צושטערנדיקע קראַפט, וואָס האָט נישט דעם מינדסטן שייכות צו אמתער מענטשלעכקייט, און ווערט על־פּין זייער לייכט ברוטאַל און אויטאָמאַטיש. נעמט אַרויס דעם מענטשן פון זיין נאַטירלעכער סביבה, פון זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיט זיינע סאָציאַלע התחיבותן און זיין גאַנצער שפע פון ליבע און שיינקייט, און איר וועט זיין ביכולת צו פאַרוואַנדלען אים

אין אַ טייל פון אַ מאַשין צו באַשאַפן עשירות אין אַ ריזיקער מאָס. מאַכט פון אַ בוים אַ שייטל האָלץ און ס'וועט אייך געבן פייער אָבער נישט קיין בלומען און פרוכט.

אָט דער פּראָצעס פון פאַראומענטשלעכונג האָט זיך ממשיך געווען אין פּאָליטיק און האנדל. און נאָך לאַנגע חבלי־לידה פון דער מעכאַנישער ענערגיע, איז געבאָרן געוואָרן אָט דער גוט אויסגעשראָגענער אַפּאַראַט פון אויסגעצייכנטער קראַפט און אויסערגעוויינלעכן אַפּעטיט, וואָס איז אין מערב געטויפט געוואָרן מיטן נאָמען „נאַציע". ווי כ'האָב שוין פריער באַמערקט, האט זי מיט דער גרעסטער לייכטקייט אַריבערגעיאָגט דעם שלימותדיקן מענטשן אַדאנק דעם, וואָס זי איז אַ אַבסטראַקציע. און האָבנדיק אַ געוויסן פון אַ נשמהלאָזן געשפּענסט און די געפּיללאָזע פולקאָמענקייט פון אַ אויטאמאַט, איז זי די סבה פון קאַטאַסטראָפעס, וואָס פאַרשעמען די וואולקאַנישע אויסברוכן פון דער יונגער לבנה, מיט זייער צושטערנדיקער ווילדקייט. דער פּועל־יוצא איז, אז דער אומצוטרוי פון מענטש צו מענטש ברענט ווי קראַפּיווע אַלע אברים פון דער דאָזיקער ציוויליזאַציע. יעדע לאַנד וואַרפט איר נעץ פון שפּיאָנאַזש אין די שליימיקע וואַסערן פון דער אנדערער און פאַנגט אירע סודות,— די טודות פון בגידה, וואָס ווערן אויסגעטראָגן אין די שמוציקע טיפענישן פון די דיפּלאָמאַטן. וואָרום וואָס איז זייער געהיימע אַרבעט, אויב נישט די ביינאַכטיקע מלאכה פון דער נאַציע: גזילה, רציחה, בגידה און די אַלע העסלעכע פאַרברעכנס, וואָס וואַקסן־אויף אין די טיפענישן פון פאַרפוילטקייט? היות יעדע נאַציע האָט איר אייגענע געשיכטע פון גנבה, שקר און בגידה, קאָן דעריבער בליען ביי זיי נאָר אומצוטרוי און קנאה. און די אינטערנאַציאָנאַלע בושה איז געוואָרן בלוט־אָרים ביז צו דער מדרגה פון לעכערלעכקייט. די נאַציע האָט אויף איר פייפקע פון גערעכטיקייטס־צאָרן אַזוי אָפט געביטן די מעלאָדיע, לויט די צייט־פאַדערונגען און די שינוים אין די דיפּלאָמאַטישע פאַר־בינדונגען, אז מ'קאָן עס געניסן מיט פאַרגעניגן אַלס אַ וואַריעטע־פאָרשטעלונג אין פּאָליטישן קאַפע־שאַנטאַן.

כבין דאָ אָקאָרשט נישט לאַנג געקומען פון מיין נסיעה קיין יאַפּאַן, וואו כ'האָב אויפגעפאָדערט די דאָזיקע יונגע נאַציע, זיך האַלטן פעסט אָן אירע העכערע אידעאַלן פון מענטשלעכקייט, נישט גיין אין די דרכים פון מערב, וואס האָט געמאַכט פאַר זיין אמונה דעם אָרגאַניזירטן עגאָאיזם פון דער נאַציע; נישט האָבן קיין שלעכטע כוונות בנוגע דעם שכנס שוואַכקייט, און קיינמאָל נישט באַהאַנדלען געוויסנלאָז אַ שוואַכן, לגבי וועלכן ס'איז לייכט צו באַגיין אומבאַשטראָפט העלדישע געמיינהייטן, בעת מען שטעלט אונטער די רעכטע, פון מענטשליבע שטראַלנדיקע באַק, פאַרן פאַרוואונדערונגס-קיש פון די, וואס זענען בכח איר צו דערלאַנגען אַ פּראַסק. אייניקע צייטונגען האָבן געלויבט מיין רעדע פאַר אירע פּאָעטישע מעלות, באַמערקנדיק דערביי ברמיזה, אַז ס'איז די פּאָעזיע פון אַ באַזיגט פאָלק. כ'האָב געפילט, אַז זיי האָבן רעכט. יאַפּאַן האָט געלערנט אין אַ מאָדערנער שולע די תורה צו ווערן מעכטיק. די צייט פון איר למוד איז געענדיקט און זי דאַרף געניסן די פרוכט פון איר לערנען. דער מערב האָט, מיטן כח פון זיינע דונערדיקע האַרמאַטן, אויסגערופן ביי די טויערן פון יאַפּאַן: „זאָל זי ווערן אַ נאַציע"! — און זי איז געוואָרן אַ נאַציע. פאַרוואָס־זשע פילט איר נישט קיין אמתע שמחה איצט, בעת זי עקזיסטירט שוין, און איר זאָגט נישט, אַז ס'איז גוט? פאַרוואָס האָב איך געפונען אין אַ ענגלישער צייטונג אַן אויסדרוק פון פאַרביטערטקייט פאַר יאַפּאַנס באַרימעריי מיט איר קולטורעלן העכער-שטיין, — אַ זאַך, מיט וועלכער די ענגלענדער, אַזוי גוט ווי אַ סך אַנדערע נאַציעס, פאַרנעמען זיך זייט דורות, נישט רויט ווערנדיק פאַר בושה? דאָס איז דערפאַר, ווייל דער אידעאַליזם פון עגאָאיזם מוז זיך פאַרשכורן מיט סוף-לאָזע זעלבסטלויבערייען, אָבער די זעלבע חסרונות, וואס אין זייער אייגענעם לעבן זעען זיי אויס אַזוי נאַטירלעך און אומשולדיק, רופן אַרויס זייער פאַרוואונדערונג און אויפרעגונג בעת זיי געפינען זיי ביי אַנדערע. על־כן, בעת איר זעט ווי די יאַפּאַנישע נאַציע, וואָס איז געשאַפן לויט אייער בילד, לאָזט זיך שווימען אין די

מאסערן פון נאַציאָנאַלער באַרימערײַ, שאָקלט איר מיטן קאָפּ און זאָגט: „ס'איז נישט גוט". איז דען יאַפּאַן נישט געווען אײנע פון די סבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן בײַ אײַך דעם רוף צו באַוואָפענונג, כּדי צום שטײַן אַקעגן דער נײַער מאַכט פון שלעכטס מיט אַ גרעסערער מאַכט פון צושטערונג? יאַפּאַן פּראָטעסטירט און פּאַרזיכערט, אַז זי פּאַרמאָגט איר „בושידאָ" *), אַז קעגן אַמעריקע, וועמען זי איז שולדיק איר דאַנקבאַרקייט, וועט זי קײנמאָל נישט באַגײן קײן בגידה. אײַך איז אָבער שווער איר צום גלויבן, ווײַל די חכמה פון דער נאַציע באַשטײט נישט אין גלויבן אין דער מענטשהײט, נאָר אין להלוטנדיקן אומצוטרוי. איר ווײסט, אַז איר האָט דאָ צו טאָן נישט מיט דער יאַפּאַן פון „בושידאָ", מיט דער יאַפּאַן פון זינלעכע אידעאַלן, — נאָר מיט דער אַבסטראַקציע פון פֿאָלקס-עגאָאיזם, מיט דער נאַציע; און אײן נאַציע קאָן טרויען דער צווײטער כּל־זמן זײערע אינטערעסן זענען בשותפותע, אָדער זענען זיך נישט סותר, לכל־הפּחות. אײער אינסטינקט זאָגט אײַך, אַז דער אַרויסטריט פון אַ נײַ פֿאָלק אויף דער אַרענע פון נאַציאָנאַליזם פאַרגרעסערט דאָס שלעכטס, וואָס איז סותר אַלדאָס העכסטע בײַם מענטשן, ווײַל ווײַן ערפֿאָלג באַווײַזט, אַז געוויסנלאָזיקײט איז דער וועג צו הצלחה, גוטסקײט איז גוט פאַר שוואַכע און גאָט איז דער אײנציק געבליבענער טרײסט פאַר באַזיגטע. יע, דאָס אַלץ איז די לאָגיק פון דער נאַציע. זי וועט קײנמאָל נישט לײגן קײן אַכט אויף דער שטימע פון גערעכטיקײט און אמת. זי וועט ממשיך זײַן איר טאַנץ פון זיטלעכער פאַרדאָרבנקײט, פאַרמערנדיק איר שטאָל און מאַשינעס און צוטרעטנדיק אַלע צאַרטע בלומען פון פּשוטן גלויבן, פון די לעבעדיקע אידעאַלן פונם מענטשן.

מיר רעדן זיך אָבער אײַן, אַז אין אונזער צײַט הערשט

---

*) „בושידאָ", געהײַנגלעך איבערזעצט מיט „ריטערלעכקײט", איז דער קאָדעקס שבעל־פּה פונם יאַפּאַנישן ריטערטום (סאַמוראַי), בכלל, דער מהות פון די זיטלעכע גרונט־כּללים פונם יאַפּאַנישן פֿאָלק.

מער מענטשלעכקייט, ווי ווען נישט אין פריער. דער גרונט פון אט דער זעלבסט-נארעריי איז, ווייל די לעבנס-באדערפענישן פונם מענטשן ווערן אין א גרעסערער מאס באפרידיקט, און זיינע פיזישעליידן — געהיילט מיט מער ערפאלג ווי פריער. אבער דאס איז, בעיקר, נישט קיין פועל-יוצא פון מסירת-נפשדיקער זיטלעכער הילף, נאר פון אינטעלעקטועלער קראפט. אין כמות איז דאס דאזיקע גוטע גרויס, אבער זי שטאמט נישט פון דער שיפעניש און בלייבט אויף דער אויבערפלאך. וויסן און טיכטיקייט זענען מעכטיק אין זייער ווירקונג אויף דאס אויסערלעכע, זיי זענען אבער נאר משרתים ביים מענטשן און נישט דער מענטש גופא. זייער באדינונג איז געגליכן צו הכנסיה-באדינונג, וו אלץ איז איינגעארדנט אויפן בעסטן אופן, אבער דער בעל-הבית פעלט; עס איז מער באקוועם, ווי גאסטפריינדלעך. דעריבער טארן מיר נישט פארגעסן, אז די וויסנשאפטלעכע ארגאניזאציעס, וואס צעוואקסן זיך ברייט אין אלע זייטן, פארשטארקן אונזער קראפט, אבער נישט אונזער מענטשלעכקייט. מיטן וואקסן פון דער נאציעס קראפט, וואקסט אויך איר עבודה-זרה צו זיך גופא און באקומט די ממשלה. דער יחיד לאזט דער נאציע רייטן אויף זיין ריקן און דער פועל יוצא איז די אומנאטירלעכע דערשיינונג, וואס קאן ברענגען צום גרעסטן אומגליק: דער יחיד ברענגט די גרעסטע קרבנות צו א געטש, וואס שטייט זיטלעך א סך נידריקער פאר אים. ס'וואלט קיינמאל דערצו נישט דערגאנגען, ווען דער געטש וואלט אויך געווען אזוי ממשותדיק ווי דער מענטש. ערלויבט מיר צו אילוסטרירן אט דעם געדאנק מיט א בולטן ביישפיל. אין געוויסע טיילן פון אינדיע איז אנגענומען אלס א צייכן פון גרויס פרומקייט, אז א אלמנה מוז פאסטן איין מאל אין צוויי וואכן א גאנצן טאג. אט דער מנהג ברענגט אפט צו זינלאזער און אוממענטשלעכער אכזריות. אין דאך זענען מענטשן בטבע נישט אזוי אכזריותדיק. היות אבער די דאזיקע פרומקייט איז בלויז א טויטער באגריף, טויט ער לגמרי דעם זיטלעכן געפיל פונם מענטשן. א מענטש, וואס וואלט אן א הכרח נישט געטון דעם מינדסטן לייד א חיה, פייניגט

אכזריותדיק אָן אַ שעור אומשולדיקע באַשעפעניש, בעת ער פאַרטויבט זיין געפיל מיט דער אבסטראַקטער אידעע פון „ספאָרט". היות אָט די אידעען זענען באַשעפענישן פון אונזער אינטעלעקט, לאָגישע קלאַסיפיקאַציעס, דעריבער קענען זיי מיט אַזאַ לייכטקייט פאַרשלינגען רעם פערזענלעכן מענטשן אין זייער גופא.

און די אידעע פון דער נאַציע איז איינע פון די שטאַרקסטע נאַרקאָטישע מיטלען, וואָס דער מענטש האָט דערפונדן. אונטער דער ווירקונג פון זיינע פאַרעס, קאָן אַ גאַנץ פאָלק אויספירן זיין סיסטעמאַטישע פראָגראַם פון סאַמע גרעסטן עגאָאיזם, נישט זייענדיק אויף דאָס מינדסטע אויפגעוועקט פון זיין מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט. אדרבא, נאָך ווערנדיק מוראדיק אויפגערעגט, ווען מען מאַכט אים אויף דעם אויפמערקזאַם. צי קאָן אָבער אייביק דויערן אָט די כסדרדיקע פאַרוויסטונג פון אונזער זיטלעכער פילבאַרקייט? וועט זי זיך סוף-כל-סוף נישט נוקם זיין? געפינט זיך נישט אין אונזער וועלט אַ גרעניץ, אָן וועלכן אָט די ריזיקע אָרגאַניזאַציע-מאַשין זאָל זיך אָנשטויסן אין איר משוגענעם לויפן און צושמעטערט ווערן? גלויבט איר באמת, אַז דאָס שלעכטס קאָן אייביק געהאַלטן ווערן אין שאַך דורך אַנטקעגנשטעלן שלעכטס, און אַז פאַרזיכט-קאָנפערענצן קענען אויפהאַלטן דעם טייוול אַ געשמידטן, אין שטייג פון קעגנזייטיקע אפמאַכן?

אָט די אייראָפעישע מלחמה פון נאַציעס איז אַ מלחמה פון באַצאָלונג. דער מענטש, אלס פערזענלעכקייט, מוז פראָטעסטירן מיט זיינע אַלע כחות, ווען טויטע זאַכן פאַרבייטן די האַרץ, און סיסטעמען און פאָליטיק הערשן אָנשטאָט לעבעדיקע מענטשלעכע באַציאונגען. ס'איז געקומען די צייט, ווען לטובת דער גאַנצער באַליידיקטער מענטשהייט מוז אייראָפע דערפילן אין דער פולסטער מאָס אויף איר אייגענעם קערפער, די שרעקלעכע זינלאָזיקייט פון דאָס, וואָס רופט זיך — נאַציע.

די נאַציע האָט לאַנג געבליט אויפן חשבון פון דער פאַרקריפלטער מענטשלעכקייט. די מענטשן, גאָטס שענסטע באַ-

שעפעניש, קומען אַרויס מאַסנווייז פון דער נאַציאָנאַלער פאַב-
ריק אַלס געלט- און מלחמה מאַכנדיקע מאַריאָנעטקעס, לעבערלעך
שטאָלצע מיט זייער קלאָגעדיקער פולקאָמענקייט פון אַ מעכאַניזם.
די מענטשלעכע געזעלשאַפט פאַרוואַנדלט זיך אַלץ מער אין אַ
מאַריאָנעטן-טעאַטער פון פאָליטיקער, סאָלדאַטן, פאַבריקאַנטן און
ביוראָקראַטן, באַוועגט דורך דראָט-איינריכטונגען פון אַ וווּנדער-
באַרער פונקציאָנירונג. אָבער די פועל-יוצאס פון פאַרגרעבטן
עגאָאיזם: שנאה און געלט-תאווה, מורא און צביעות, חשד און
אכזריות, זענען נישט קיין בני-קימא. די דאָזיקע פאַרזעענישן
צוּוואַקסן זיך ריזיק, אָבער זיי פעלט די האַרמאָנישע גלייכ-
געוויכט פונם לעבן. און דער גוף פון דער נאַציע, וואָס באַ-
שטייט נישט פון פלייש און בלוט, נאָר פון שטאָל, דאַמף און מלוכה-
בנינים, קאָן זיך אַלץ מער צוּוואַקסן צו אַ פאַנטאַסטישער גרויס, ביז
זיין אומגעלומפּערטער פאַרנעם וועט זיך נישט קענען מער אויפ-
האַלטן און אָנהויבן פּלאַצן און קראַכן, שפּייען מיט רויך און
פייער, און זיין גסיסה-כאָרכלען וועט זיך הערן אינם האַרמאַטן-
דונער; אין אָט דער מלחמה האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די גסיסה-
ליידן פון דער נאַציע. איר גאַנצער מעכאַניזם איז פּלוצלונג
משוגע געוואָרן און אָנגעהויבן צו טאַנצן אַ שדים-טאַנץ, צושמע-
טערנדיק אירע אייגענע גלידער און צוּוואַרפניק זיי אין שטויב.
ס'איז דער פינפטער אַקט פון דער טראַגעדיע פון דאָס נישט-
דעצלע. פאַר די יעניקע, וואָס גלויבן נאָך אין דער מענטשהייט,
בלייבט פון גאַנצן האַרצן צו האָפן, אַז די נאַציע וועט זיך
שוין ווידער נישט אויפריכטן אין איר פריערדיקער געשטאַלט:
מיט אירע אַלע ציין און נעגל, מיט אירע אייזערנע, אַלץ אַרומ-
כאַפנדיקע אָרעמס און מיט איר אומגעהייערער אינערלעכער פּוסט-
קייט, וואו אַלץ איז מאָגן, אָן אַ פיצל האַרץ; זיי בלייבט צו
האָפן, אַז דער מענטש וועט אויף ס'ניי געבאָרן ווערן אין דער
פרייקייט פון זיין פּערזענלעכקייט פון די נעפּלדיקע אַבסטראַק-
ציעס, וואָס וויקלען אים איין. אָט די שרעקלעכע מלחמה האָט
אויפגעהויבן דעם שלייער, און דער מערב איז געשטאַנען פּנים
אל פּנים מיט זיין אייגענער באַשעפעניש, צו וועלכער ער האָט

מקריב געווען זיין נשמה. איצט מוז שוין ער וויסן, וואָס פאַר א באשעפעניש עס איז. דער מערב האָט קיינמאָל נישט געפילט דעם פּראָצעס פון אָפּשטארבונג און צופוילונג, וואָס קומט פאָר לאַנגזאם און אומבאמערקט אין זיין זיטלעכער באטור. אָט דער פּראָצעס פלעגט אָפט נתגלה ווערן אין סקעפּטישע לערעס, אָבער אָפטער און אויף א סך א געפערלעכערן אופן פלעגט ער קומען צום אויסדרוק אינם מערבס נישט באגרייפן די פארקריפּלונג און באליידיקונג, וואָס ער פארשאפט א גרויסן טייל פון דער מענטשהייט. איצט מוז ער וויסן דעם אמת פון זיין אייגענער. דערפארונג.

און צווישן זיינע אייגענע קינדער וועלן אויפשטיין אזעלכע, וואָס וועלן זיך באפרייען פון דער הערשנדיקער אילוזיע, פון אָט דער פארדאָרבענער ברודערליכקייט אויפן יסוד פון עגאָאיזם יי וועלן דערקענען, אז זיי זענען גאָטס קינדער, און נישט די קנעכט פון א מאשינעריע, וואָס פארוואנדלט נשמות אין סחורה און צוטיילט דעם לעבן אין אָפּטיילונגען, וואָס דראבעט אויס מיט אירע אייזערנע נעגל דאָס הארץ פון דער וועלט און ווייס נישט, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן. און מיר, באציאָנלאָזע, וועמעס קאָפּ ס'איז געבויגן צום שטויב, ווייסן, אז אָט דער שטויב איז הייליקער פאר די ציגל, מיט וועלכע די מאכט בויט אויס איר שטאָלצן שלאָס. ווייל אָט דער שטויב איז פרוכטבאר מיט לעבן, מיט שיינקייט און גאָטספאָרכטיקייט. מיר דאנקען גאָט, וואָס אונזער גורל איז צוווארטן אין שווייגן די גאנצע נאכט פון יאוש, צו טראָגן אויף זיך די באליידיקונג פון שטאָלצן און די לאַסט פון מעכטיקן; וואָס אין שווערסטן ליידן, כאָטש אונזער הארץ האָט געציטערט פון ספקות און מורא, האָבן מיר קיינמאָל נישט בלינד געגלויבט אין דער דערלייזונג דורך דער מאַשין, און נישט פארלוירן דעם צוטרוי צו גאָט און דער

מענטשלעכער הארץ, און מיר האָפן, אז בעת די מאכט וועט זיך שעמען צו בלייבן זיצן אויף איר טראָן, און וועט גרייט זיין אָפּטרעטן איר אָרט פאר דער ליבע; ווען דער פרימאָרגן וועט קומען, צו רייניקן די בלוטיקע שפורן פון דער נאַציעס טריט אויף איר וועג דורך דער מענשהייט, וועט מען אונז רופן, כדי מיר זאָלן ברענגען אונזער געפעס מיט הייליקן וואסער, צו רייניקן די מענטשלעכע געשיכטע און צו שענקען דעם צו־טראָטענעם שטויב פון די יאָרהונדערטער די ברכה פון פרוכטבאַרקייט.

# באַציאָנאַליזם אין יאַפּאַן

## I.

די ערגסטע קנעכטשאַפֿט איז די קנעכטשאַפֿט פֿון יאוש. ער רויבט אַוועק ביים מענטשן דעם גלויבן אין זיך אַליין, און שמידט אים אין האָפֿנונגסלאָזע קייטן. מ'האָט אונז נישט איינמאָל געזאָגט, און נישט לחלוטין אָן אַ גרונט, אַז אויף לעבט אין איר עבר, — זי איז געגליכן צו אַ רייכן קבר, וואָס שטעלט אַרויס זיין גאַנצע שיינקייט, כדי צו מאַכן אומשטערבלעך דעם טויטן. מ'האָט וועגן אויף אָפּגעסדרט, אַז דער וועג פֿון אַנט־וויקלונג איז פֿאַר איר געשלאָסן, ווייל תמיד קוקט זי הינטער זיך. מיר האָבן אָנגענומען אָט דעם פֿאָרוואורף און צום סוף אים באַטראַכט אַלס אַ כשר־פֿאַרדינסט. כ'ווייס, אַז אַ גרויסער טייל פֿון אינדיענס אינטעליגענץ, פֿאַרמאַטערט פֿון בזיון־געפֿיל, וואָס ליגט אָט אין דער באַשולדיקונג, פּרובירט מיט אַלע מיטלען פֿון זעלבסט־באַרעריי צו דערקלערן די באַשולדיקונג אַלס אַ שבח און זיך מיט איר צו באַרימען. באַרימעריי אָבער איז הרפּה אונטער אַ פֿאַלשער מאַסקע; באמת גלויבט זי אַליין נישט אין זיך.

אָט ביי דעם מצב, בעת מיר, די איינוווינער פֿון אויף, האָבן זיך היפּנאָטיזירט צום גלויבן, אַז עס מוז שוין אייביק אַזוי בלייבן און בשום אופֿן קאָן שוין אַנדערש נישט ווערן, האָט יאַפּאַן זיך פּלוצלונג אויפֿגעכאַפּט פֿון איר שלאָף; מיט ריזנטריט אָנגעיאָגט די יאָרהונדערטער, וואָס זי האָט פֿאַרחלומט אין בטלה, און אָט שטייט זי שוין מיט איר'ע ערפֿאָלגן אין דער פֿאָדערשטער שורה פֿון די מאָדערנע פֿעלקער.

ס'איז צושטערט געוואָרן דער כשוף־קרייז אין וועלכן מיר זענען געלעגן געפּענטעט, גלויבנדיק, אַז אונזער גורל איז דער

אומפארמיידלעכער גורל פון געוויסע פעלקער אין געוויסע געאָגראַפישע גרענעצן. מיר האָבן, הפנים, פארגעסן, אז אין אַדיע זענען אמאָל געגרינדעט געוואָרן גרויסע מלוכות; אז פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט, קונסט און ליטעראַטור האָבן ביי איר געבליט, און די וויג פון אַלע גרויסע אמונות איז אין איר געשטאַנען. מען קאָן על כן נישט זאָגן, אז די ערד און דער קלימאַט פון אַזיע טראָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז גורם צו גייסטיקער בטלה און דערשטיקט ביים מענטשן אין שורש דעם דראַנג צו אנטוויקלונג. הונדערטער יאָרן האָבן מיר געהאַלטן הויך דעם פאַקל פון קולטור, בעת דער מערב האָט נאָך געדרעמלט אין פינסטערניש, און דאָס קאָן דאָך, לכל הד/ו״ז, נישט דינען אלס סימן פון ענגע האָריזאָנטן און גייסטיקער נײַגעפֿקייט. דערנאָך האָט זיך די פינסטערניש פון דער נאַכט פארשפרייט איבער אַלע לענדער פון מזרח. דער שטראָם פון דער צייט האָט זיך, ווי פלוצלונג, אָפּגעשטעלט, און אַזיע האָט אויפגעהערט אויפצונעמען פרישע שפייז; זי האָט זיך אָנגעהויבן שפייזן פון איר עבר, ד. ה. זיך אליין צו פארצערן. זי איז געלעגן אין טויטער שטילקייט, און דער קול, וואָס האָט אזוי הילכיק מבשר געווען אייביקע אמתן און דורות־לאַנג דערהאַלטן אין ריינקייט דעם מענטשלעכן לעבן, ווי דער לופט־אוקיאַנוס, וואָס באַשווענקט די ערד און רייניקט איר, — אָט דער קול איז פארשטומט געוואָרן.

אָבער לעבן נויטיקט זיך אין שלאָף, אין צייטן פון רו, בעת מ׳באַוועגט זיך נישט, ס׳נעמט נישט אויף קיין פרישע שפייז און מ׳לעבט אויפן חשבון פון עבר. ער ווערט אומבאַהאָלפן; זיינע מוסקולן ווערן אָפּגעשוואַכט און ס׳איז לייכט אָפּצולאַכן פון זיין פארגליווערטקייט. אין ריטם פון לעבן זענען אַזוינע הפסקות נויטיק, כדי דער לעבן זאָל זיך קענען אָפּפרישן. אַ טעטיקער לעבן פארשווענדעט זיך גיך, ברענט אויס זיין גאַנצן אייל. אָט די פארשווענדונג קאָן נישט אייביק דויערן. נאָך איר מוז קומען אַ צייט פון פאַסיווקייט, ווען דאָס איינציק נויטיקע איז רוען, כדי די לעבנס־כחות זאָלן קענען קומען צו זיך.

אונזער גייסט איז בטבע שפּאָרעוודיק. ער באַנוגנט זיך

מיט רגילותן און באַוועגט זיך אויף אויסגעטראָטענע דרכים, וואָס באַפרייען אים פון באַקלערן און באַטראַכטן יעדן שריט. ירושה־אידעאַלן מאַכן פויל דעם גייסט; ער האָט מורא צו פאַרלירן זיין פאַרמעגן, קעמפנדיק פאַר פרישע רייכטימער. ער פּרובירט צו פאַרזיכערן זיין פאַרמעגן און שליסט עס איין אין אַ פעסטונג פון רגילותן. דערמיט אָבער רויבט ער אוועק ביי זיך יעדע מעגלעכקייט צו געניסן פון זיין פאַרמעגן, ווייל דאָס איז קאַרגשאַפט. לעבעדיקע אידעאַלן מוזן תמיד קומען אין באַרירונג מיטן לעבן, וואָס וואַקסט און ענדערט זיך. באמת פריי זענען זיי נישט אין פאַרזיכערטע גרעניצן, נאָר אויפן ברייטן שליאַך פון לעבן, מיט אַלע זיינע סכנות און אומצאָליקע מעגלעכקייטן פון נייע דערפאַרונגען.

אין איין שיינעם פרימאָרגן איז די גאַנצע וועלט נשתומם געוואָרן: בין לילה האָט יאַפּאַן צובראָכן די מויערן פון אירע אַלטע געוווינהייטן און מיט גרויס הצלחה פון זיי אַרויסגעקראָכן. ס'איז געשען אין משך פון אַזאַ אומגלויבלעך קורצער צייט, ווי ס'פאָדערט זיך ביים איבערטון אַ מלבוש, אָבער נישט ביי אַ לאַנגזאַמען בויען פון אַ נייעם בנין. די נייע יאַפּאַן האָט איינצייטיק אַרויסגעוויזן הן דעם זיכערן קראַפט־באַוואוסטזיין פון רייפן עלטער און הן די פרישקייט און אומענדלעכע מעגלעכקייטן פון אַ ניי־דערוואַכטן לעבן. מ'האָט אין אָנהויב גערעכנט, אַז מ'האָט דאָ צוטאָן מיט אַ פלוצלונגן קאַפּריז פון דער געשיכטע, מיט אַ קינדערשפּיל פון דער צייט, מיט אַ זייפנבלאָז, וואָס איז טאַקע באמת פולקאָם אין זיין רונדקייט און פאַרבנשיינקייט, אָבער דאָך אינווייניק פוסט, אָן אַ תוך. אָבער יאַפּאַן האָט איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַוויזן, אַז די פלוצלונגע אַנטפּלעקונג פון איר קראַפט איז נישט קיין וווּנדער מיט קורצע יאָרן, אַ צופעליקע און פאַריבערגייענדיקע דערשיינונג אויפן שטראָם פון דער צייט, אַרויסגעשליידערט פון פינסטערן תהום, כדי באַלד אוועקגעטראָגן צו ווערן מיט די כוואַליעס אין ים פון פאַרגעסנקייט.

דער אמת איז, אַז יאַפּאַן איז מאָדערן און אַלט אינאיינעם. זי האָט באַקומען ירושה פון דער אַלטער מזרח קולטור, — פון

דער קולטור, וואָס לערנט דעם מענטשן צו זוכן די אמתע עשירות אין די אמתע קראַפט אין זיך גופא, אין דער אייגענער נשמה, וואָס גיט אַ אינערלעכע אחיזה ביי אבדות און סכנות; וואָס מאַכט קרבן־פעיק, נישט טראַכטנדיק וועגן פּרייז פון קרבן און נישט האָפנדיק אויף שכר; וואָס לערנט אים צו באַגעגענען דעם טויט אָן מורא, און צו ערפילן די אומצייליקע סאָציאַלע התחייבותן לגבי די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט אין וועלכער מען לעבט. זי פאַרמאָגט די ירושה פון יענער קולטור, וואָס האָט אונז באַוויזן אין אַלץ, וואָס איז פאַרגענגלעך, דאָס אין־סופיקע, און אַ דאַנק וועלכער מיר ווייסן, אַז די וועלט איז אַדורכגעזאַפּט מיט לעבן און איז נישט קיין ריזיקע מאַשין, וואָס איז אַמאָל אַרויסגעשפּרונגען פון דעם טייוול־צופאַל, אָדער באַשאַפן געוואָרן דורך אַ טעלעאָלאָגישן גאָט, וואָס וווינט אין די ווייטע הימלען. בקיצור, די מאָדערנע יאַפּאַן האָט אַרויסגעשפּראָצט פון אַלטן מזרח, ווי דער לאָטוס־בלום, וואָס וויגט זיך אין דער לופט באַנאַכט און לייכט און איז דאָך פעסט און טיף פאַרוואָרצלט אין באָדן, פון וועלכן ער שטאַמט.

און יאַפּאַן, דאָס קינד פון אַלטן מזרח, האָט זיך העזהדיק אַ כאַפּ געטון צו אַלע מתנות פון דער מאָדערנער תקופה. זי האָט באַוויזן איר דרייסטן גייסט, צוברעכנדיק די תפיסה פון אירע געוווינהייטן, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך דער גייסטיקער פוילקייט, וואָס זוכט זיכערקייט אונטער זיבן שלעסער. אַזוי אַרום איז זי געקומען אין באַרירונג מיטן לעבן, און האָט מיט אַ וווּנדערלעכער התמדה און אויסערגעוויינלעכער פעיקייט גענומען אויף זיך די התחייבותן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע.

און אָט דאָס האָט צוגעגעבן מוט דעם איבעריקן מזרח. מיר האָבן איינגעזען, אַז מיר פאַרמאָגן קראַפט און לעבן; מ'דאַרף נאָר אַראָפּוואַרפן פון זיך די פאַרטריקנטע קאָרע און נאַקעטערהייט זיך אַריינוואַרפן אין שטראָם פון דער צייט, וואָס פאַריוגנט. מיר האָבן איינגעזען, אַז באַזיצן זיך מיט טויטעס — הייסט טויט זיין, און אַז נאָר דער לעבט, ווער ס'נעמט אויף זיך די

גאַנצע ריזיקע פונם אָפענעם לעבן.

איך, פון מיין זייט, קאָן נישט גלויבן, אַז יאַפּאַן איז געוואָרן דאָס, וואָס זי איז, נאָר אַ דאַנק איר נאָכמאַכן דעם מערב. ס'איז אוממעגלעך נאָכצומאַכן לעבן, און מיר קענען נישט פעלשן קראַפּס אויף לאַנג. אדרבא, בלויז נאָכמאַכן איז אַ מקור פון שוואַכקייט, ווייל עס פעלט אונזער אמתע טבע און שטערט אונז אומעטום. ס'איז ריכטיק, ווי אַרויפציִען אויף זיך אַ פרעמדע הויט און אַזוי אַרום שאַפן אַ אייביקע רייבעניש צווישן דער הויט און אונזערע ביינער.

באמת איז דאָך וויסנשאַפט נישט אין מענטשנס טבע; ס'איז אַ זאַך פון לערנען און אויסבילדונג. דער וויסן די כללים פון דער אויסערלעכער נאַטור ענדערט אויף קיין האָר נישט אונזער טיפערע מענטשלעכקייט. וויסן קאָן מען באָרגן ביי אַנדערע, אָבער נשמה אייגנשאַפטן נישט. אָבער אין תחילת פון אונזער לערנען, בעת דאָס איינציקע, וואָס מיר טוען, איז נאָכמאַכן, אונטערשיידן מיר נאָך נישט צווישן דעם עיקר און דעם טפל; צווישן דאָס, וואָס לאָזט זיך איבערנעמען, און דאָס, וואָס איז נישט צום איבערנעמען. ס'איז געגליכן צום גלויבן פון אַ פרימיטיוון גייסט אינעם כשוף-כח פון צופעליקע אויסערלעכע ערשיינונגען, וואָס באַגלייטן די אַנטפּלעקונג פון אַ אמת. מיר האָבן מורא אויסנצולאָזן עפּעס ווערטפולעס און, השפעהדיקס, נישט פאַרשלינגנדיק די שאָלעכטס צוזאַמען מיטן קערן. אָבער בעת אונזער תאווה צו פרעסן האָט הנאה פון פאַרשלינגען אַלץ איינגאַנצן, איז די אויפגאַבע פון די לעבנס-אָרגאַנען צו פאַרדייען באָר די נאַרונגס-שטאָפן, און דאָס איז דער איינציק ריכטיקער אופן אויף וועלכן אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם באַשפּייזט זיך. לעבן דערהאַלט זיך נאָר דורך אויפנעמען דאָס נוצלעכע און אַרויסשכויסן דאָס שעדלעכע לויט זיינע באַדערפעענישן. דער לעבעדיקער אָרגאַניזם וואַקסט נישט אַריין אין זיין שפּייז, נאָר פאַרקערט: די שפּייז וואַקסט אַריין אין אים, און נאָר אויף אַזאַ אופן ווערט ער שטאַרק, אָבער נישט אין ראַל, ווען ער זאַפּט סתם אויף אין זיך שפּייז און ווערט אין איר בטל.

יאַפּאַן האָט פון מערב גענומען נאָר די שפּייז אָבער נישט די לעבנס־אָרגאַנען. זי קאָן זיך נישט אינגאַנצן פאַרלירן אין די ווינשאַפטלעכע פּוצערייען, וואָס זי האָט גענומען פון מערב און אינגאַנצן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ נאָכגעמאַכטער מאַשין. זי האָט איר אייגענע נשמה, פאַר וועלכער זי איז מחויב צו זאָרגן פריער ווי פאַר אַלע אַנדערע באַדערפעניש. אַז זי איז עס ביכולת צו טון אין אַז זי קאָן פאַרדייען די דערגרייכונגען, באַווייזן די סמנים פון קרעפּטיקער געזונטקייט, וואָס מיר באַמערקן אין יאַפּאַן. און איך גלויב באמת, אַז יאַפּאַן וועט קיינמאָל נישט אָנווערן דעם גלויבן אין איר אייגענער נשמה צוליבן שטאָלץ מיט איר פרעמדן פאַרמעגן, ווייל אַזאַ שטאָלץ איז אַ דערנידערונג, וואָס פירט אומפאַרמיידלעך צו אָרימקייט און שוואַכקייט. ס'איז דער שטאָלץ פון אַ פראַנט, וועמען די הוט איז טייערער פאַר זיין קאָפּ.

די גאַנצע וועלט וואַרט אָפּ, וואָס וועט אָנהויבן צו טון אָט דאָס גרויסע פאָלק פון מזרח מיט די מעגלעכקייטן און התחיבותן, וואָס עס האָט באַקומען פון דער מאָדערנער צייט. וועט עס זיין בלויז אַ אָפּשפּיגלונג פון מערב, וועלן די גרויסע האָפנונגען, וואָס זי האָט אויפגעוועקט, נישט מקוים ווערן, ווייל גרויסע פראַגעס האָט געשטעלט די מערב־ציוויליזאַציע און קיין ענטפער האָט זי נישט געגעבן אויף זיי. דער פירוד צווישן יחיד און מלוכה, פון אַרבעט און קאַפּיטאַל, פון מאַן און פרוי; דער פירוד צווישן גייעג נאָך רוחים און דער באַדערפעניש פון אַ גייסטיקן לעבן; צווישן אָרגאַניזירטן עגאָאיזם פון די פעלקער און די העכערע אידעאַלן פון מענטשלעכקייט, און די אַלע מאוסע קאָנפליקטן, וואָס פליסן אַרויס פונם געגנזאַץ צווישן די ריזיקע אָרגאַניזאַציעס פון האַנדל און מלאכה און די נאַטירלעכע אינסטינקטן פון מענטשן, וואָס רייסן זיך צו שיינקייט, פּשוטקייט און פרייער צייט, — אָט דאָס אַלץ דאַרף האַרמאָניש פאַרבונדן ווערן אויף אַן אופן, וועלכן קיינער זעט נאָך נישט פאָרויס.

מיר האָבן געזען, ווי דער גרויסער מערבדיקער ציוויליזאַציע שגעם איז פאַרלייגט און אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך די חורבות

שטיקער, וואָס זענען אָנגעשווומען אין אים דורך זייגע אומצייי־ליקע קאַנאַלן. מיר האָבן אויך געזען, אַז נישט קוקנדיק אויף איר אַזוי פיל געלויבטער מענטשנליבע, האָט זיך די ציוויליזאַציע אַרויסגעוויזן אַלס די גרעסטע סכנה פאַרן מענטשן, נאָך אַ סך אַ ערגערע, ווי די פּלוצלינגע אָנפאַלן פון ווילדע נאָמאַדן, פון וועלכע די מענטשן פון פריערע תקופות האָבן געליטן. מיר האָבן אויך געזען, אַז די ציוויליזאַציע, נישט קוקנדיק אויף דער באַרימערייי מיט איר פרייהייט־ליבע, האָט דאָך געשאַפן ערגערע פאַרשקלאַפונגס־פאָרמען פון די, וואָס האָבן ווען נישט איז געהערשט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, — אַ פאַר־שקלאַפונג, וועמענס קייטן מ׳קאָן נישט צורייסן מחמת זייער פאַרבאָרגנקייט, אָדער מחמת דעם, וואָס זיי טראָגן אויף זיך דעם נאָמען און דעם אויסערלעכן שיין פון פרייהייט. מיר האָבן געזען, אַז פאַרסמט דורך דער שרעקלעכער ציוויליזאַציע־געמיינ־קייט, פאַרלירט דער מענטש זיין גלויבן אין אַלע הייליקע אידעאַלן פון לעבן, וואָס האָבן אים גרויס געמאַכט.

מחמת די אַלע טעמים קענט איר, יאַפּאַנער, נישט אָננע־מען מיט אַ ריינעם געוויסן די מאָדערנע ציוויליזאַציע מיט אירע אַלע טענדענצן, מעטאָדן און אָרדנונגען גלויבנדיק, אַז דאָס אַלץ איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט איר. איר מוזט אָנווענדן אייער מזרח־געפיל, אייער גייסטיקע קראַפט, אייער ליבע צו פשוטקייט און אייער פאַרשטענדניש פאַר סאָציאַלע התחיבותן, כדי צו אויסטרעטן אַ נייעם וועג פאַרן גרויסן, אומגעלומפּערטן טריאומפוואָגן פון פּראָגרעס, וואָס קייקלט זיך גרילצנדיק. און די אומגעהייערע קרבנות אין מענטשן און פרייהייט, וועלכע ער פאָדערט ביי יעדן טריט זיינעם, מוזט איר דערפירן צו אַ מינימום. פיל דורות האָט איר אויף אַ אייגנאַרטיקן אופן געפילט, געטראַכט און געאַרבעט; זיך געפרייט און געדינט צו אייערע געטער. אָט די אייגנאַרטיקייט אייערע קענט איר נישט אַראָפּ־וואַרפן פון זיך ווי אַ אַלטע קלייד, ווייל זי געפינט זיך אין אייער בלוט, אין מאַרך פון אייערע ביינער, אין געוועב פון אייער פלייש, אין די פאַלדן פון אייער מוח, און אויף אַלץ, וואָס

איר באַרירט, מוזט איר אָפּרופֿדריקן אייער שטעמפּל אָן אייער וויסן, און, אפֿילו, געגן אייער רצון. איר האָט דאָך אַמאָל געפֿונען אַן ענטפֿער אויף די מענטשלעכע פּראָבלעמען, וואָס האָט אייך באַפֿרידיקט, און איר האָט געהאַט אייער אייגענע לעבנס־פֿילאָזאָפֿיע און אייער אייגענע לעבנס־קונסט. אָט דאָס אַלץ מוזט איר צופּאַסן צו אייער איצטיקן מצב און ס'וועט אַנטשטיין אַ נייע יצירה; נישט קיין פּשוטע איבערחזרונג פֿון דאָס אַלטע, נאָר אַ יצירה, וואָס איז אַ בולטער אויסדרוק פֿון אייער פֿאָלקס־נשמה, און וואָס טראָגט אַריין מיט שטאָלץ אויך איר חלק אין דעם אַלגעמיינעם גליק פֿון דער מענטשהייט. פֿון אַלע גרויסע מזרח־פֿעלקער האָט נאָר איר, יאַפּאַנער, די פֿרייהייט צו באַנוצן לויט אייער פֿאַרשטענדעניש און באַדער־פֿעניש דאָס, וואָס איר האָט באַקומען פֿון מערב. איר אַליין האָט דאָס גליק נישט צו זיין געשטערט פֿון אויסן; דעריבער איז אייער אחריות נאָך גרעסער, ווייל אין נאָמען פֿון גאַנץ אַזיע ענטפֿערט איר אויף די פֿראַגעס, וואָס אייראָפּע האָט געשטעלט דער מענטשהייט. אין אייער לאַנד זענט איר ממשיך די פּרוּוון, דורך וועלכע דער מזרח וועט ענדערן דעם פּרצוף פֿון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, אַריינאָטעמדיק לעבן דאָרט וואו זי איז נאָר מעכאַניש; פֿאַרבייטנדיק איר קאַלטע אויס־רעכנונג מיטן וואַרימען מענטשן־געפֿיל און שטרעבנדיק אָנשטאָט צו קראַפֿט און ערפֿאָלג, צום האַרמאָנישן און לעבעדיקן וואַקסן, צו שיינקייט און אמת.

איך מוז אייך דערמאָנען אָן יענע צייטן, ווען דער גאַנצער מזרח־טייל פֿון אַזיע, פֿון בירמאַ ביז יאַפּאַן, איז געווען פֿאַרבונדן מיט אינדיע דורך נאָענסטער פֿריינטשאַפֿט, — דעם איינציק נאַטירלעכן אופֿן, אויף וועלכן פֿעלקער קענען זיין פֿאַרבונדן צווישן זיך. ס'האָט געהערשט אַ אוממיטלבאַרע פֿאַר־בינדונג פֿון האַרץ צו האַרץ; מיר האָבן אַלע צוזאַמען געבילדעט איין לעבעדיקע נערוון ־ סיסטעם, און אַלע האָבן גלייכצייטיק געשפּירט די טיפֿסטע באַדערפֿענישן פֿון דער מענטשהייט. מיר האָבן נישט געלעבט אין שטענדיקער מורא איינער פֿאַרן צווייטן;

מיר האָבן זיך נישט געדאַרפט באַוואָפענען, כדי איינער דעם צווייטן צו האַלטן אין שאַך. נישט געגאָאיזם און געלט־תאוה האָבן אונז צונויפגעפירט, — מיר האָבן זיך געביטן מיט געדאַנקען און אידעאַלן, מיר פלעגן געבן און באַקומען מתנות פון העכסטער ליבע. דער חילוק אין שפּראַך און מנהגים האָט נישט געשטערט אונזער נשמה־אחדות; אונזערע באַציונגען זענען נישט געשטערט געוואָרן דורך ראַסן־שטאָלץ אָדער דורך דער חוצפּהדיקע גאוה מחמת דעם קערפּערלעכן אָדער גייסטיקן העכער שטיין; אונטער דער זון־ליכט פון מענטשנליבע האָבן נייע בלעטער און בלומען אַרויסגעשפּראָצט אויפן באָדן פון אונזער קונסט און ליטעראַטור, און ראַסן פון פאַרשידענע לענדער, שפּראַכן און עבר האָבן געגלויבט אין דער העכסטער אחדות פון מענטשן און אין דער טיפסטער פאַרבינדונג דורך ליבע. זאָל אונז דען אויך נישט קומען אויפן רעיון, אז אין יענער גאָלדענער תקופה, בעת די מענטשן האָבן געשטרעבט צו די העכסטע צילן פון לעבן, האָט אייער נאַטור אָנגעזאַמלט יענעם אומשטערבלעכקייט־באַלזאַם, וואָס האט אייער פאָלק געהאָלפן אויפשטיין תחית־המתים אין אַ נייער תקופה, און אים געגעבן כח צו באַנייען זיין אָפּגעלעבטן גוף און אַרויסגיין בשלום פון דער אויפטרייסלונג פון דער וואונדערלעכסטער רעוואָלוציע, וועלכע די וועלט האָט ווען נישט איז געזען?

די פּאָליטישע ציוויליזאַציע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון אייראָפּע און זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד ווי ווילדע גראָז, באַשטייט אינם כלל פון „אני ואפסי עוד". זי איז תמיד אויף דער וואַך צו האַלטן פרעמדע אין שאַך, אָדער זיי צו פאַרניכטן. לויט אירע נטיות איז זי מענטשן־פרעסעריש; זי שפּייזט זיך מיט די לעבנס־מקורים פון אַנדערע פעלקער און האָט חשק איינצושלינגען זייער גאַנצע צוקונפט. זי איז תמיד אין איין שרעק פאַרן אויפשטייגן פון אַנדערע ראַסן, האַלטנדיק עס פאַר אַ סכנה, און זי איז גרייט צו דער־שטיקן אין שורש יעדע שפּראָצונג פון גרויסקייט ביי אַנדערע, בזיגנדיק צו דר'ערד די שוואַכערע ראַסן, כדי זיי זאָלן אויף

אייביק פארבלייבן אין זייער שוואכקייט. אמת, שׂיך איידער אָט די פּאָליטישע ציוויליזאַציע האָט דערגרייכט איר ממשלה און האָט ברייט צועפּנט איר הונגעריקן פּיסק, כּדי איינצושלינגען גאַנצע וועלט-טיילן, האָבן מיר געהאַט מלחמות, רויבערייען און טראָן-פאַרכאַפּונגען מיט זייער טרייען באַגלייטער — עלנט, אָבער קיינמאָל האָט נאָך די וועלט נישט געזען אַזאַ שרעקלעכע און האָפנונגסלאָזע תאווה צום רויבן, אַזאַ קעגנזייטיקן אויפפרעסן זיך פון פעלקער, אַזעלכע ריזן מאַשינעס צו חרוב מאַכן גאַנצע ערד-טיילן, און אַזאַ בּוראַדיק פאַרקריפּלטע קנאה, וואָס האַלט שטענדיק אָנגעגרייט אירע עקלהאַפטע ציין און נעגל אויף צו צורייסן איינער דעם צווייטן. אָט די פּאָליטישע ציוויליזאַציע איז וויסנשאַפטליך אָבער נישט מענטשליך. זי איז מעכטיק, ווייל זי פאַרבינדט אָן אירע אַלע כּחות אויף איין ציל, ווי דער מיליאָנער, וואָס שאַפט זיך עשירות אויפן חשבון פון זיין נשמה. זי איז בוגד אין דעם, וואָס טרויט איר; אומפאַרשעמט שפּינט זי נעצן פון ליגנס; אין אירע טעמפּלען שטעלט זי אויף ריזן-בילדער פון איר געטש — די גייציקייט, און שטאָלצירט מיט די פּאַרשווענדערישע צערעמאָניעס פון איר עבודה-זרה, וואָס זי האָט אַ נאָמען געגעבן — פּאַטריאָטיזם. און מ'קען מיט זיכערקייט נביאות זאָגן, אַז צו אַזעלכע מעשים מוז נעמען אַ גיכער סוף, ווייל דער זימלעכער געזעץ פון אונזער וועלט הערשט נישט נאָר איבער יחידים, נאָר אויך איבער אָרגאַניזירטע קבוצים. איר קענט נישט שטענדיק אויסלאַכן אָט די געזעצן אין נאָמען פון אייער נאַציע און געניסן אלס אינדיווידומס פון זייערע פּירות. דער עפנטליכער צונישט-מאַכן פון די מענטשליכע אידעאַלן לאָזט איבער זיינע שפּורן אויף יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט; בהדרגה און אומבאַמערקט מאַכט ער אים שוואַך און שאַפט דעם צינישן אומגלויבן לגבי אַלץ, וואָס איז הייליק אין דער נאַטור פונם מענטשן, און דאָס איז דער זיכערסטער סימן פון זקנה. איר מוזט נעמ'ן אין אכט, אַז די פּאָליטישע ציוויליזאַציע, אָט די אמונה פון נאַציאָנאַלן פּאַטריאָטיזם, האָט נאָך נישט אויסגעהאַלטן קיין לאַנגע פּראָבע. דער

פאקל פון אלטן גריכנלאנד האט זיך אויסגעלאָשן אין דער לאַנד, אין וועלכער ער איז צוערשט אָנגעצונדן געוואָרן. די מאַכט פון רוים ליגט טויט און באַגראָבן אונטער די חורבות פון איר גרויסער מלוכה. אָבער די קולטור, וועמענס יסוד ס'איז די נאַטירלעכע געזעלשאַפט און די גייסטיקע אידעאַלן פון די מענטשן, לעבט ביז אויף היינטיקן טאָג אין אינדיע און כינע. און כאָטש זי איז קליין און שוואַך, בעת מען מעסט איר מיט דער מאָס פון דער מעכאַנישער קראַפט פון אונזער תקופה, איז זי דאָך ווי די קליינע קערנער אין וועלכע ס'איז דאָ לעבן. און דער לעבן וועט אַרויסשפּראָצן און וואקסן, צושפּרייטן זייַנע מול-ברכה דיקע צווייגן און שענקען בלומען און פרוכט, ווען די צייט וועט קומען און ס'וועט אַריינשטראָמען אין אים די באַ־פרוכטנדיקע ברכה פון הימל. אָבער די חורבות פון וואָלקן־קראַצערס און צובראָכענע מאַשינעס, די קלאָגעדיקע רעשטלעך פון מאַכט און געלט-תאווה וועט גאָטס ברכה אַליין נישט קענען אויפריכטן, ווייל זיי זענען נישט געווען קיין קינדער פון לעבן, נאָר, אדרבה, שונאים פון אלץ וואָס איז לעבעדיק, — זיי זענען שפּורן פון אַ מרידה, וואָס איז צושמעטערט געוואָרן אין קאַמף קעגן דאָס אייביקע.

מ'וואַרפט אונז אָבער אויף, אַז אונזערע אידעאַלן זענען אומבאַוועגליך, זיי פעלט די שטויס-קראַפט, וועלכע פירט צו נייע האָריזאָנטן; זיי ענטדעקן נישט פאַר אונז קיין נייע געביטן פון וויסן און מאַכט; אונזערע פילאָזאָפישע סיסטעמען, — זאָגט מען, — דער עמוד התוך פון דער פאַרפוילטער מזרח־קולטור, באַציען זיך מיט בטול צו אַלע אויסערלעכע באַווייזן און זענען נאַריש צופרידן אין זייער סוביעקטיוו-אינערלעכער זיכערקייט. אָבער דאָס באַווייזט נאָר, אַז דער מענטש איז גענייגט אַרויס-צוואַרפן די אומקלאָר־קייט פון זיין וויסן אויפן חשבון פון אָביעקט פון זיין וויסן. פאַר אַ אייראָפּעישן באַטראַכטער איז אונזער קולטור גאָלע מעטאַפיזיק, אַזוי ווי קלאַוויר-שפּילן איז פאַר אַ טויבן בלויז פינגער־באַוועגונג, אָבער נישט קיין מוזיק. ער קאָן נישט גלויבן, אַז אָט די קולטור באַזירט אויף אַ טיפער

לעבעדיקערווירקלעכקייט, אויף וועלכער מיר האָבן אויפגעבויט אונזער לעבן. צום אומגליק איז דער איינציקער באַווייז פאַר דער ווירקלעכקייט פון אַ זאַך איר ממשותדיקע פאַרקערפּערונג, אין דער ווירקלעכקייט פון דער אויסערלעכער סביבה גלויבט איר. ווייל איר זעט איר, ס'איז אָבער שווער אויפצווייזן אַ אומגלויביקן, אַז אונזער קולטור איז נישט קיין ועפּלדיקע סיס־טעם פון אַבסטראַקטע ספּעקולאַציעס, אַז זי האָט אונז געשענקט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַ ממשותדיקער אמת, — אַ אמת, וואָס באַשיצט און שפּייזט די מענטשלעכע האַרץ. זי האָט ביי אונז אַנטוויקלט אַ אינערלעכן חוש, די פעיקייט צו דערזען אין אַלע פאַרגענגלעכע זאַכן דאָס אין־סופיקע. „אָבער", — זאָגט דער אייראָפּעער, — „איר פּראָגרעסירט דאָך נישט, איר זענט דאָך אומבאַוועגלעך". איך פרעג אים: פון וואַנעט נעמט איר דאָס? מען מוז דאָך משפּטן וועגן פּראָגרעס לויט זיין ציל. אַ באַן פּראָגרעסירט צו זיין לעצטער סטאַציע, — דאָס הייסט, ער באַוועגט זיך. אָבער אַ אויסגעוואַקסענער בוים באַוועגט זיך נישט אויף אַזאַ אופן; זיין פּראָגרעס באַשטייט אינם פּראָצעס פון זיין לעבן גופא; ער לעבט, און זיין שטרעבן צו ליכט רוישט אין זיינע בלעטער און באַוועגט זיך אין זיין שטילן זאַפט.

אויך מיר האָבן יאָרהונדערטער געלעבט און לעבן נאָך און שטרעבן צו אַ ווירקלעכקייט, די פאַרווירקלעכונג פון וועלכער ס'איז ניט אַ סוף, — צו אַ ווירקלעכקייט, וואָס לעבט איבער דעם טויט און גיט אים אַ זין; וואָס שטייט העכער פון אַלע פּלאָגע־רייען און יעדער עלנט פון דער וועלט, און וואָס ברענגט רו און ריינקייט מיט איר צופרידענעם בטול היש.

די פרוכט פון אָט דעם אינערלעכן לעבן איז לעבעדיקע פרוכט, — נאָך איר בענקט דער יונגער נע־ונדניק, וואָס קערט זיך אום אַהיים אַ מידער און פאַרשטויבטער, און דער פאַרוווּנ־דעטער סאָלדאַט; נאָך איר בענקט מען, ווען די עשירות איז שוין פאַרהוליעט און דער שטאָלץ געבראָכן; ווען די מענטשלעכע האַרץ רופט דעם אמת, בלאָנדזשענדיק אינם תהו ובהו פון פאַקטן, און — די האַרמאָניע, וואָס ערלייזט איר פון קאַמף צווישן אירע

בטילות. איר ווערט באַשטייט נישט אין איר אויסערלעכער שפּע נאָר אין איר אינערלעכער שלימות.

פאַראַן זאַכן, וואָס לאָזן נישט וואַרטן. ווילט איר קעמפן קעגן דער באַקומען דעם בעכטן פּלאַץ אויפן מאַרק, מוזט איר זיך אַריר טון, לויפן און באַפאַלן. איר שטרענגט אָן ביז דער העכסטער מדרגה אייערע נערוון און ווערט שטענדיק אויף דער וואַך. ווען איר ווילט נישט אַדורכלאָזן קיין געלעגנהייטן, וועלכע מ'קאָן דערכאַפּן נאָר אין זייער פאַרבייפליען. עס זענען אָבער דאָ אידעאַלן, וועלכע שפּילן נישט אין באַהעלטעניש מיט אונזער לעבן; זיי וואַקסן לאַנגזאַם פון קערנדל צום בלום און פון בלום צו דער פרוכט; זיי נויטיקן זיך אין אומגעהייער פיל פרייקייט און זונען-ליכט, כדי צייטיק צו ווערן. און די פרוכט, וואָס זיי ברענגען, קענען ליגן פאַרגעסענע און פאַרשפּאָטענע יאָרן-לאַנג און נישט פוילן. דער מזרח מיט זיינע אידעאַלן, וואָס האָט באַהאַלטן אין זיין ברוסט די ליכט פון דער זון און דעם שווייגן פון די שטערן זייט הונדערטער דורות, קאָן רויק וואַרטן ביז דער מערב, וועלכער יאָגט זיך נאָך רוחים, וועט זיך פאַרסאַפּען און אָפּשטעלן.

זיך איילנדיק צו אירע געשעפטן, וואַרפט אייראָפּע פון וואַגאָן-פענסטער אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג אויפן שניטער, וועלכער שניידט אויפן פעלד זיין תבואה, און אין דער משוגענער שנעלקייט פון פאָרן מוז איר זיך אויסדאַכטן, אַז דער שניטער באַוועגט זיך קוים, אַז ער גייט כסדר צוריק...

אָבער די איילעניש וועט נישט דויערן אייביק; די געשעפטן וועלן פאַרלירן זייער זין און די הונגעריקע האַרץ פון אייראָפּע וועט יאָמערן נאָך שפּייז, ביז זי וועט סוף-כל-סוף קומען צום צניעותדיקן שניטער, וואָס שניידט זיין גערעטעניש אין זונען-ליכט. ווייל אויב דער געשעפט, מיט זיין קויפן און פאַרקויפן, אָדער די תאוה צו תענוגים קענען נישט וואַרטן, וואַרט די ליבע יאָ, און צוזאַמען מיט איר די שיינקייט און די טיפע חכמה, וואָס קומט פון ליידן, און די פרוכט, וואָס ס'ברענגט דער מקבל באהבה זיין און דער גלויביקער זיך מקריב זיין. און דער מזרח

ווען ווארטן ביז ס'וועט שלאָגן זיין שעה.

איך וויל אָבער אויך נישט פאַרלייקענען די גרויסקייט, וואָס אייראָפּע פאַרמאָגט, ווייל זי פאַרמאָגט עס בלתי ספק. מיר באַוווּנדערן און מיר ליבן פון גאַנצן האַרצן אָט די אייראָפּע, פון וועלכער ס'פליסט אַן אייביקער שטראָם פון שיינקייט און אמת אין ליטעראַטור און קונסט, וואָס באַפרוכטיקט אַלע לענדער און אַלע תקופות; די אייראָפּע, וואָס מעסט אויס מיט אַ טיטאַנישן גייסט און מיט תמיד פרישע כּחות די הויכן און תהומען פון קאָסמאָס, וואָס איז תופס מיט איר וויסן דאָס אין־סופיק גרויסע און דאָס אין־סופיק קליינע, און וואָס ווענדט אָן אַלע כּחות פון איר האַרץ און מח, כּדי צו אויסהיילן די קראַנקע און צו לינ־דערן די גאַנצע נויט, מיט וועלכער מיר האָבן, פאַריאושטע, שלום געמאַכט; די אייראָפּע, וואָס נויט דער ערד צו שענקען מער פרוכט, ווי מ'האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך, דורך צווינגען אַלע גרויסע כּחות פון דער נאַטור צו דינען דעם מענטשן. אָזאַ אמתע גרויסקייט קאָן זיין נאָר אַ פּועל־יוצא פון אַ שטאַרקן גייסט, ווייל נאָר דער מענטשלעכער גייסט קאָן גובר זיין אַלע שטע־רונגען אין דער זיכערקייט פון זיין ענדלעכן נצחון; ער אַליין קאָן וואַרפן זיין פּראָזשעקטאָר־ליכט ווייטער פון דאָס איצטיק־ממשותדיקע, און מיט שמחה ווען אַ מערטירער פאַר ווייטע צילן, וועלכע ער גופא וועט קיינמאָל נישט דערגרייכן, און קיין שום מפּלות וועלן אים נישט צווינגען צו אָנטזאָגן זיך פון זיי. אין אייראָפּעס האַרץ פליסט דער ריינסטער שטראָם פון מענטשנליבע, פון ליבע צום אמת און פון ווילן זיך מקריב צו זיין פאַר העכערע אידעאַלן. די הונדערטער יאָרן פון קריסטלעכער קולטור זענען אַריינגעדרונגען טיף ביז אין מאַרך פון אירע ביינער. און תמיד האָבן זיך געפונען אין אייראָפּע נשמה־יתרהדיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען פאַר די מענטשלעכע רעכט אָן אונטערשיד פון פאַרב אין גלויבן; וועלכע האָבן געקעמפט פאַר דער זאַך פון דער מענטשהייט, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף בלבולים און זידלערייען מצד פון זייער אייגענעם פאָלק; וועלכע זענען מוטיק ארויסגעטראָטן קעגן די ווילדע אָרגיעס פון מילי־

טאַריזם און קעגן דעם ברוטאַלן חילדעווען פון נקמה־ און רויבתאוות, וואָס באַהערשן ציטנווייז גאַנצע פעלקער. זיי זענען תמיד גרייט צו פאַרגעלטן די עוולות, וואָס זייערע אייגענע פעלקער זענען אין עבר באַגאַנגען קעגן אַנדערע. און אומזיסט מאַטערן זיי זיך צו אָפּהאַלטן די פאַרפלייצונג פון פּחדנישער אומגערעכטיקייט, וואָס שטראָמט אַלץ ווייטער און ווייטער אומגעשטערט, ווייל דער ווידערשטאַנד מצד די געשעדיקטע איז שוואַך און אָן ערפאָלג. זיי זענען דאָ די וואנדערנדיקע ריטער פון דער מאָדערנער אייראָפּע, וואָס האָבן נאָך נישט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין פרייהייט־ליבע לשמה, און אין אידעאַלן, וואָס אָנערקענען נישט קיין נאַציאָנאַלן עגאָאיזם און קיין שום געאָגראַפישן גרעניץ. זיי זענען דאָ און באַווייזן אונז, אַז די קוואַלן פון אייביקן לעבן זענען נאָך נישט אויסגעטריקנט אין אייראָפּע, און אַז פון זיי וועט שטענדיק אַרויסקוועלן איר אויפלעבונג. דאָרט אָבער, ווו אייראָפּע טרעט צו מיט איר גאַנצער אויסגערעכנטקייט צום אויפבויען איר מאַכט־געביידע, און פאַרלייקנט און פאַרשפּאָט איר בעסערע נאַטור, דאָ דערגרייכן אירע פאַרברעכנס ביז צום הימל, ווייל זי פאַרזייט אויף דער גאַנצער ערד דעם גיפט פון פיזישער און מאָראַלישער העסלעכקייט, און דורך אירע האַרצלאָזע מעשים באַליידיקט זי חוצפּהדיק דעם מענטשלעכן געפיל פאַר דאָס שיינע און גוטע. אייראָפּע איז זייער גוט אין אירע מעשים־טובים כל זמן זי האָט אין זינען די גאַנצע מענטשהייט, און זי איז זייער שלעכט אין אירע מעשים־רעים, ווי נאָר זי האָט אין זינען איר אייגענעם אינטערעס און פאַרווענדט די גאַנצע קראַפט צו גרויסקייט אויף צילן, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דאָס אייביקע און אומשטערבלעכע, וואָס אין מענטשן.

מזרח־אַזיע איז זיך אַלץ געגאַנגען איר אייגענעם וועג און אנטוויקלט אַ קולטור, וואָס איז נישט פּאָליטיש, נאָר סאָציאַל, וועמענס מעשים ס'זענען נישט רויבעריש און מעכאַניש, נאָר גייסטיק, און וואָס באַזירט אויף די פאַרשידנאַרטיקסטע טיפערע באַציונגען צווישן מענטשן. אין שטילער התבודדות האָט זי זיך דערטראַכט צו ריכטיקע אויסוועגן פאַר די לעבנס־פּראָבלעמען

פון די פעלקער און זיי פארווירקלעכט אונטערן שוץ פון איר אָפּגעזונדערטקייט, כמעט ווי נישט ווערנדיק באַריערט דורך די דינאַסטיע-ענדערונגען און די אָנפאַלן פון פרעמדע פעלקער. איצט אָבער, ווען די אויסערלעכע וועלט האָט זיך צו אונז אַריינגעריסן, איז אונזער אָפּגעשלאָסנקייט שוין אויף אייביק פאַרשוואונדן. פונדעסטוועגן דאַרף עס אונז נישט מצער זיין, ווי ס'דאַרף נישט מצער זיין דעם פלאַנץ, ווען ער ווערט אַרויסגעצויגן אויף דער ליכטיקייט פון דער פינסטערער ערד. איצט איז געקומען די צייט, ווען די אויפגאַבע פון דער גאַנצער וועלט מוז ווערן אונזער אויפגאַבע. מיר מוזן זען, אַז דער גייסט פון אונזער קולטור זאָל זיך קענען צופּאַסן צו דער געשיכטע פון אַלע נאַציעס פון דער ערד. מיר דאַרפן זיך נישט איינשפּאַרן אין נאַרישן שטאָלץ דווקא צו פאַרבלייבן אין דער שאָלעכטס פון די קערנער און אין דער קאָרע פון דער ערד, וואָס באַשיצן און שפּייזן אונזערע אידעאַלן; ווייל ביידע, סיי די שאָלעכטס, סיי די קאָרע דאַרפן אַדורכגעריסן ווערן, אויב דאָס לעבן וויל אויפבליען אין זיין גאַנצער קראַפט און שיינקייט, כדי פאַרצווייגן דער וועלט אין ליכטיקייט פון טאָג זיינע מתנות.

אָט די אויפגאַבע פון אַדורכברעכן די צוימען און אַרויסגיין אויף דער פרייער וועלט, האָט פריער פאַר אַלע פעלקער פון מזרח גענומען אויף זיך יאַפּאַן. זי האָט באַלעבט מיט האָפענונג די האַרץ פון גאַנץ אַזיע. און די דאָזיקע האָפנונג גיט אונז דעם פאַרבאָרגענעם פלאַם, אין וועלכן ס'נויטיקט זיך יעדע שעפּפערישע אַרבעט. אַזיע הויבט אָן צו פילן, אַז זי מוז באַוויזן איר לעבעדיקייט דורך שאַפן לעבעדיקע מעשים; אַז זי דאַרף נישט ליגן אין בטלה-שלאָף אָדער קראַפטלאָז נאָכטון דעם מערב, פאַרבלענדט דורך מורא אָדער חניפה. דעריבער דאַנקען מיר דער לאַנד פון דער אויפגייענדיקער זון און מיר פאַרשווערן איר תמיד צו געדענקען, אַז ס'ליגט אויף איר דער חוב צו ערפילן די מיסיע פון גאַנצן מזרח. זי מוז אין האַרצן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע אַריינגיסן די לעבנס-זאַפטן פון

טיפער מענטשלעכקייט. זי דאַרף איר נישט לאָזן דערשטיקט ווערן אין אונטערוואַלד, נאָר זי מוז איר אַרויספירן העכער צו ליכט און פרייהייט, צו ריינער לופט און ווייטקייטן, וו זי זאָל דערהערן אין ליכטיקייט פון טאָג און אין פינסטערניש פון נאַכט די שטימע פון הימל. זאָל זיך פאַר אַלעמען אַנטפּלעקן די קדושה פון אירע אידעאַלן, ווי איר שניי־באַקריינטער פודזשי־יאַמאַ, וואָס שטייגט אַריין אין ספערע פון אין־כוף פון מיטן פון איר לאַנד, און טיילט זיך שטאָלץ אַרויס פון זיין סביבה, שיין ווי אַ מיידל אין דעם וואונדערלעכן אויפשוועבן פון זייגע ליניעס און דאָך פעסט און שטאַרק און מאַיעסטעטיש רויק.

II.

כ׳בין אַרומגעפאָרן אין אַ סך לענדער, זיך געטראָפן מיט מענטשן פון כלערליי שטאַנדן, אָבער אין קיין אָרט האָב איך נישט געפילט אַזוי שטאַרק די קעגנוואַרט פון דאָס מענטשלעכע, ווי אָט דאָ אין דעם לאַנד. אין אַנדערע גרויסע לענדער זענען שטאַרק קענטיק געווען די סימנים פונם מענטשנס מאַכט. און כ׳האָב געזען ריזיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַנטוויקלען אַ פיבער־האַפטע טעטיקייט. די פראַכט און די מותרות פון זייער קליידונג, פון זייער איינריכטונג און פאַרוויילונגען זענען שרעקלעך. מ׳פילט זיך ביי זיי פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, ווי אַ אומגעבעטענער גאַסט אויף אַ שמחה; אויף העלפט איז מען פול מיט קנאה, און אויף העלפט — אָן אַטעם פון שטוינען. דאָרט פילט זיך נישט, אַז דער מענטש איז דאָס העכסטע, ווייל מ׳שטויסט זיך אָן כסדר אין טויזנט וואונדערלעכע זאַכן, וואָס צושיידן מיטן מענטשן. אין יאַפּאַן אָבער איז דער הערשנדער לעבנס־עלעמענט נישט די אַרויסווייזונג פון מאַכט. אומעטום באַמערקט מען סימנים פון ליבע און באַוואונדערונג און נישט פון כבוד־זוכעניש און געלט־תאווה. מ׳זעט אַ פאָלק, וואָס האָט ברייט צועפנט זיין האַרץ און איר אַוועקגעשענקט מיט אַ ברייטער האַנט אי פאַר דער פשוטסטער כלי צום טאָג־טעגלעכן געבויך, אי פאַר זיינע סאָציאַלע מוסדים, אי פאַר זיינע צו שלימות דערהויבענע לעבנספאָרמען, וועלכע ער כאָוועט

מיט ליבשאַפט, און אי דעם אָרט באַנעמען זיך מיט יעטוועדער זאַך, וואָס איז נישט נאָר געשיקט, נאָר אויך אין יעדע באַוועגונג זיינער באַחנ׳ט.

דעם גרעסטן רושם האָט אויף מיר געמאַכט אין דעם לאַנד מיין איינזען, אַז נישט דורך אַ מעטאָדישער צוגלידערונג, נאָר דורכן אינטואיטיוון אויפנעמען האָט איר באַגריפן די סודות פון דער נאַטור. איר האָט דערהערט די שפּראַך פון אירע ליניעס און די מוזיק פון אירע פאַרבן; איר האָט דערזען די סימעטריע אין אירע נישט פּראָפּאָרציאָנעלע פאָרמען און דערפילט דעם ריטם אין דער פרייקייט פון אירע באַוועגונגען; איר האָט דערזען ווי זי פירט די אומגעהײַ׳ע מתנות פון אירע ברואים און מיידט אויס יעדע רייבונג צווישן זיי, און אפילו דער קאַמף, וואָס קומט יאָ פאָר צווישן אירע באַשעפעניש ענדיקט זיך אין טאַנץ און מוזיק, און אַז איר איבערפלוס אין די שפע פון רייכעם זיך מקריב זיין אָבער נישט קיין באַרימערישע פאַרשווענדונג. איר האָט איינגעזען, אַז די נאַטור זאַמלט אויף איר קראַפט אין פאָרמען פון שיינקייט און אָט די שיינקייט איז די יעניקע, חצלכע נערט, ווי אַ מוטער, אַלע ריזן-כוחות מיט איר ברוסט, און האַלט זיי אויף אין השפעה-רייכער טעטיקייט און דאָך אין מצב פון רו. איר האָט איינגעזען, אַז די נאַטור-כוחות היטן זיך אָפּ פון אויסשעפּונג דורך דעם ריטם פון פולקאָמענער באַחנ׳טקייט, און אַז דורך דער צאַרטקייט פון זייערע ליניען באַפרייען זיי פון פאַרכאַטערטקייט די מוסקולן פון דער יועלט. כ׳האָב דערפילט, אַז אייך האָט זיך איינגעגעבן אָט די אַלע סודות צו פאַרקערפּערן אין אייער לעבן, און אייערע נשמות האָבן אויפגענומען אין זיך דעם אמת, וואָס געפינט זיך אין דער שיינקייט פון יעטוועדער זאַך. דעם בלויז וויסן וועגן זאכן קאָן מען זיך אין אַ קורצער צייט פאַרשאַפן, אָבער הונדערטער יאָרן פון ערציאונג און אויסגע-האַלטנקייט זענען נויטיק, כדי זייער גייסט זאָל אַריינדרינגען אין אונזער פלייש און בלוט. צו באַהערשן די נאַטור פון אויסן איז אַ סך לייכטער ווי צו פאַראייניקן זיך מיט איר אין ליבע, ווייל דאָס לעצטע קאָן נאָר אַ באמת שעפּפערישער גייסט. און אייער פאָלק האָט באַוויזן אָט דעם כח-היצירה. ער האָט נישט איינגע-

שאַפֿט, נאָר — געשאַפֿן; ער האָט נישט געמאַכט קיין אויס־שטעלונגען, נאָר אַנטפּלעקט זיין אייגענעם אינערלעכן מהות.

אָט דעם שעפֿערישן גייסט באַזיצן אַלע פֿעלקער; ער באַוועלטיקט די מענטשלעכע נאַטור און פֿאָרמט איר לויט זיינע אידעאַלן. אָבער אָט דאָ אין יאַפּאַן האָט ער, הפּנים, שוין פֿאַרענדיקט זיין אויפֿגאַבע: ער באַהערשט דעם גייסט פֿון גאַנצן פֿאָלק און האָט אַדורכגעדרונגען זיינע מוסקולן און נערוון. אייערע אינסטינקטן זענען זיכער; אייערע חושים שאַרף, און אייערע הענט האָבן באַקומען די מייסטערשאַפֿט פֿון דער נאַטור. דער שעפֿערישער גייסט פֿון אייראָפּע האָט געשאָנקען זיינע פֿעל־קער די קראַפֿט צום אָרגאַניזירן, וועלכע ווייזט זיך אַרויס דער עיקר אין דער פּאָליטיק, אינם האַנדל און אין דער וויסנשאַפֿט. אָבער דער שעפֿערישער גייסט פֿון יאַפּאַן האָט אייך געוויזן די שיינקייט אין דער נאַטור און אייך געגעבן די קראַפֿט איר צו פֿאַרקערפּערן אין לעבן.

אין יעדער אייגנאַרטיקער אָרגאַניזאַציע דריקט זיך אויס אַ אייגנאַרטיקע מענטשלעכע דערפֿאַרונג. אייראָפּע האָט, הפּנים, באַגריפֿן טיפֿער פֿון אַלץ דעם קאַמף, וועלכן ס׳פֿירן צווישן זיך די טיילן פֿון קאָסמאָס, וועלכע מיקען באַהערשן נאָר דורך באַזיגן זיי. דעריבער איז זי שטענדיק גרייט צום קאַמף און האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט אָרגאַניזירן כּחות. יאַפּאַן אָבער האָט געשפּירט אין איר וועלט די נאָענטקייט פֿון אַ יש, פֿאַר וועלכן איר נשמה האָט מיט יראת־הכּבֿוד געקניט. זי באַ־רימט זיך נישט דעריבער מיט איר באַהערשן די נאַטור, נאָר, אדרבה, זי ברענגט איר די קרבנות פֿון איר ליבע מיט אַן אין־סוף׳יגער התלהבות. איר קרובֿהשאַפֿט מיט דער וועלט איז די טיפֿע נשמה־קרובֿהשאַפֿט.

אָט דער גייסטיקער קשר פֿון ליבע פֿאַרבינדט איר מיט די בערגלאַך פֿון איר לאַנד, מיטן ים און מיט די טייכן, מיט די וועלדער און מיט איר גאַנצער רייכקייט פֿון שיינקייט און געמיטלעכקייט. זי האָט אויפֿגענומען אין איר נשמה דעם רוישן, דעם שעפּטשן און דעם זיפֿצן פֿון אירע וועלדער און דעם

יאָמער פון אירע כוואַליעס; מיט אַ שטילן שטויבען האָט זי באַגלייט דעם וועג פון דער זון בייטאָג און פון דער לבנה ביינאַכט און באַגריפן דעם טויזנטפאָרמיקן שפּיל פון זייער ליכט און שאָטן. זי פרייט זיך צו קענען שליסן די פאַבריקן און קראָמען, כדי צו באַגריסן דעם אָנקומען פון די יאָר־תקופות אין אירע פרוכט־גערטנער און קאָרן־פעלדער.

אויף אַזאַ אופן צו עפענען די האַרץ פאַר דער וועלט־נשמה איז נישט די פּריווילעגיע פון איירע הערשנדע קלאַסן; עס איז נישט קיין קינסטלעך־אויסגעוואַקסענער עקזאָטישער קולטור־פּראָדוקט, נאָר ער איז טיף פאַרוואָרצלט אין אַלע פרויען און מענער פון אַלע שטאַנדן. אייער נשמה האָט דערשפירט אין תוך פון דער וועלט אַ פּערזענלעכן יש און אייער קולטור האָט אייער דערקענטניש פאַרקערפּערט. זי איז געוואָרן די קולטור פון ברידערלעכקייט. אפילו אייער התחיבות צו דער מלוכה האָט ביי אייך אָנגענומען דעם נאַטירלעכן כאַראַקטער פון קינדער־התחיבותן. און אייער פאָלק איז געוואָרן איין גרויסע משפּחה, בראש פון וועלכער עס שטייט דער קיסר. אייער נאַציאָנאַלע אחדות באַזירט נישט אויף געווער־ברודערשאַפט צו פאַרטיידיקן און אָנגרייפן, אָדער אויף וויל־ברודערשאַפט לשם געמיינזאַמע רויבערייען, ביי וועלכע יעדער חבר האָט דעם גלייכן חלק אין ריזיקע און ריוח. זי איז נישט קיין פּועל־יוצא פון דער נויטווענדיקייט צום אָרגאַניזירן זיך צוליב אַ וואסער נישט איז אויסערלעכן ציל, — זי איז נאָר די אויספּרייטונג פונם פאַמיליע־געפיל אי לויטן רוים און אי לויט דער צייט. דער יסוד פון אייער קולטור איז דער אידעאַל פון „מאַאיטרי״ *) — מאַאיטרי לגבי דעם מענטשן און מאַאיטרי לגבי דער נאַטור. און דער אמתער אויסדרוק פאַר אָט דער ליבע איז די שפּראַך פון דער שיינקייט, וואָס איז טאַקע די אַלגעמיינע שפּראַך פון

*) מאַאיטרי — אין סאַנסקריטישן „פריינטשאַפט״ — איז אין בודיזם אַ אויסדרוק פאַר גינציקייט (איינער פון די פיר געפילן — גינציקייט, רחמנות, פריילעכקייט, גלייכגילטיקייט — וואָס דאַרפן אדורכגעמאַכט ווערן אלס אַ פאָרבאַרייטונג צום העכערן גייסטיקן שטרעבן).

אייער לאַנד. און אַ דאַנק איר שטייט נישט דער פרעמדער מיט אַ געפיל פון קנאה אָדער דערנידערונג אַנטקעגן די אַלע אנט־פּלעקונגען פון שיינקייט און שאַפונגען פון ליבע, נאָר, אדרבה, מיט שמחה און באַגייסטערונג לויבט ער די גרויסקייט און די פּראַכט פון דער מענטשלעכער הארץ, אויף וועלכע זיי זאָגן עדות.

דערפאַר טאַקע שפיר איך די סכנה פון פאַרענדערונג, וואָס שוועבט איבער דער יאַפּאַנישער קולטור, ווי אַ סכנה פאַר מיר אַליין; ווייל די אומגעהייערע אַנדערשאַרטיקייט פון דער מאָדערנער תקופה, וואו דער נוצן איז דאָס איינציקע, וואָס פאַרבינדט מענטשן, איז ערגעץ נישט אַזאַ מוראדיקע סתירה צום ווערט און דער פאַר־באָרגענער קראַפט פון דער שטילער שיינקייט, ווי דאָ אין יאַפּאַן.

און די סכנה באַשטייט אין דעם, וואָס די אָרגאַניזירטע עקלהאַפטיקייט שטורעמט דעם גייסט און באַזיגט אים דורך דער שווערקייט פון איר משא, דורך דער עקשנותדיקייט פון איר אָנגריף און דורכן כח פון איר שכאָט, מיט וועלכן זי טרעט אַרויס קעגן די טיפערע געפילן פון הארצן. איר חוצפהדיקער קריכן אין די אויגן שמידט צו אויף איר מיט געוואַלט אונזער ב״יק און אונטער־טעניגט אונזערע חושים,— און מיר זענען מקריב אויף איר מזבח, ווי דער ווילדער איז מקריב צו זיין פעטיש, וואָס איז אין זיינע אויגן מעכטיק מחמת זיין שרעקלעכער עקלהאַפטיקייט. דעריבער איז איר קעגנערשאַפט אַזוי געפערלעך פאַר זאַכן, וואָס זענען שטיל, טיף און צאַרט.

בלתי ספק זענען ביי אייך פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר אייערע אידעאַלן; זיי ווילן נאָר פאַרדינען, אָבער נישט וואַקסן. זיי באַרימען זיך ויסן קול, אַז זיי האָבן מאָדערניזירט יאַפּאַן. אויב אָבער כ׳בין מיט זיי מסכים, אַז דער גייסט פון אַ פאָלק דאַרף גיין האַנט ביי האַנט מיטן גייסט פון דער צייט, מוז איך זיי אָבער אויך אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם, אַז דאָס מאָדערניזירטע איז אויף אַזוי פיל דאָס אמת מאָדערנע, אויף וויפל פערזנמאַכעריי איז די אמתע פּאָעזיע. עס איז לחלוטין נאָכמאַכעריי. מער נישט, וואָס די נאָכמאַכעריי

אין שרייאיקער פונם אָריגינאַל און קאָפּירט אים קנעכטיש. מיר דאַרפן וויסן, אַז די יענע, וואָס זענען באמת באַהערשט פון מאָדערנעם גייסט מאָדערניזירן נישט, ווי אמת מוסיקע זענען נישט קיין באַרימערס.

דאָס מאָדערנע באַשטייט נישט אין אייראָפּעאישע מלבושים, אָדער אין עקלהאַפטע בנינים, אין וועלכע מ׳שפּאַרט איין די קינדער בעתן למוד, אָדער אין די פּירקאַנטיקע קאַסטן־הייזער, מדורכגעלעכערטע מיט פּאַראַלעלע שורות פון פענסטער, אין וועלכע די מענטשן געפינען זיך ווי אין אַ תפיסה זייער גאַנצן לעבן. און אויך נישט אין דאַמען־היט, וואָס זענען באַלאָדן מיט כלערליי נאַרישקייטן, אַנטפּלעקט זיך דער מאָדערנער גייסט. אָט די אַלע זאַכן זענען נישט מאָדערנע, נאָר אייראָפּעישע. דאָס אמת מאָדערנע איז די פרייקייט פון גייסט, אָבער נישט די קנעכטשאַפט פון געשמאַק. עס איז די זעלבשטענדיקייט פון טראַכטן און טאָן, אָבער נישט די אַפּוטרופּסות פון די אייראָפּעישע רביים. ס׳איז וויסנשאַפט, אָבער נישט איר פאַלשע אָנווענדונג אין לעבן, ווייל דאָס הייסט נאָכטון אונזערע אייראָפּעישע וויסנשאַפט־לערער, וועלכע פאַרוואַנדלען איר אין אַ נאַרישן אַבערגלויבן, פאָדערנדיק איר הילף צו כלערליי אוממעגלעכע ציל.

אַ לעבן, וואָס באַזירט בלויז אויף היס־שאַפט האָט פאַר אַ סך אַ געוויסע צוציאונגס־קראַפט, ווייל עס טראָגט אויף זיך דעם כאַראַקטער פון ספּאָרט: עס שטעלט זיך פאָר אַלס אַ ערנסט אין איז אין תוך געבומען נאָר אַ פאַרווייילונג. גייט איר אויף יאַכט דאַרפט איר וואָס וויניקער וויסן פון רחמנות; איר האָט איין ציל: צו פאַרפאָלגן די חיה, איר צו טויטן, צו פילן, אַז איר זענט די שטאַרקערע חיה און אַז אייער מעטאָדע צו אויסראָטן איז גרינדלעך און וויסנשאַפטלעך. און אַ לעבן, וואָס ווערט אינגאַנצן פאַרשלונגען פון דער וויסנשאַפט איז נישט מער ווי אַזאַ אויבערפלעכלעכער ספּאָרט־לעבן. ער שטרעבט כסדר אַוועק געשיקט נאָך ערפאָלגן און קוקט זיך גאָר נישט אַרום אויף דער העכערער נאַטור פונם מענטשן. די אָבער, וואָס זענען

אויף אזוי פיל פאַרגרעבט צו בויען זייער לעבן אויפן גלויבן, אַז דער מענטש איז נישט מער ווי אַ יעגער און זיין גן-עדן איז דער גן-עדן פון די ספּאָרט-לייט, די יעניקע וועלן אכזריותדיק אויפגעוועקט ווערן פון זייער חלום צווישן זייערע טראָפייען פון סקעלעטן און שאַרבנס.

כ'בין דערמיט נישט אויסן צו זאָגן, אַז יאַפּאַן דאַרף זיך נישט זען באַזאָרגן מיט מאָדערנע געווער אויף צו פאַרטיידיקן זיך. אָבער זי דאַרף פאַר קיין פאַל נישט אַריבערטרעטן דעם גרענעץ, וואָס דער געזעץ פון זעלבסטדערהאַלטונג פאָדערט. יאַפּאַן מוז געדענקען, אַז די אמתע קראַפט ליגט נישט אין די געווער גופא, נאָר אין מענטשן, וועלכער טראָגט די געווער; און אויב זי וועט אין איר התמדה'יקן שטרעבן נאָך מאַכט פאַרמערן די באַוואָפנונג אויפן חשבון פון דער נשמה, וועט זי זיך גופא שטעלן אין אַ גרעסערער סכנה, ווי אירע שונאים.

דאָס לעבעדיקע איז לייכט צו פאַרווונדן, דעריבער דאַרף מען עס אָפּהיטן. אין דער נאַטור באַשיצט זיך דאָס לעבן דורך הייטלעך, וואָס זענען אַליין אויך פון אַ לעבנסשטאָף. זיי וואַקסן צוזאַמען מיטן לעבן, אָדער זיי פאַלן אָפּ צו דער ריכטיקער צייט און ווערן פאַרגעסן. דער אמתער שוץ פונם לעבעדיקן מענטשן זענען זיינע גייסטיקע אידעאַלן, וואָס שטייען אין אַ לעבעדיקער פאַרבינדונג מיט זיין לעבן און וואַקסן צוזאַמען מיט אים. אָבער צום אומגליק זענען נישט אַלע זיינע שוץ-הייטלעך פון לעבנס-שטאָף; אַ טייל פון זיי זענען געמאַכט פון טויטן שטאָף און זענען מעכאַניש. דעריבער מוז דער מענטש, באַנוצנדיק זיי, אַכטונג געבן, זיי זאָלן נישט ווערן קיין אכזרן איבער אים. אויב ער אָבער שוואַך און מאַכט זיך קלענער, כדי זיך צופּאַסן צו זיי, באַגייט ער אַ לאַנגזאַמען זעלבסטמאָרד, ווייל זיין נשמה וועט ביסלעכווייז איינגעשרומפּן ווערן. וויל אָבער יאַפּאַן אויסמיידן אָט די סכנה, מוז זי גלויבן אין זיטלעכן געזעץ פון לעבן און זיין איבערצייגט, אַז די פעלקער פון מערב גייען אויפן וועג פון זעלבסטמאָרד; ווייל זיי דערשטיקן זייער מענטשלעכקייט אונטערן געוואַלדיקן דרוק פון זייערע אָרגאַניזאַציעס, כדי אַליין

צו הערשן אין די אַנדערע צו האַלטן אין קנעכטשאַפט.

פאר יאַפּאַן איז דאָס געפערלעכסטע נישט דער נאָכמאַכן די אויסערלעכע דערשיינונגען פון דער מערב-קולטור, נאָר דער איבערנעמען אירע אינערלעכע טרייב-פעדערן. אירע סאָציאַלע אידעאַלן הויבן אָן אָפּטרעטן אין זייער קאַמף מיט דער פּאָליטיק, און זי ווייזט שוין אַרויס אַ נייגונג צום פּאָליטישן אַזאַרט-שפּיל, אין וועלכן מ'שטעלט אין קאָן די נשמה, כדי די שפּיל צו געווינען. איך זע איר מאָטאָ איבערן איינגאַנג פון איר איצטיקער געשיכטע, געשריבן מיט גרויסע אותיות: „דאָס איבערלעבן פון די פּאַסיקסטע", — די מאָטאָ, וואָס זי האָט איבערגענומען פון דער נאַטורוויסנשאַפט און וואָס באַ-דייט: „העלף זיך און זאָל דיר נישט אַרן אויף וועמענס חשבון דו טוסט עס"; — די מאָטאָ פון בלינדע, וואָס גלויבן נאָר אין דעם, וואָס זיי טאַפּן אָן, ווייל זיי קענען נישט זען; אָבער די, וואָס זעען, ווייסן, אַז מענטשן זענען אַזוי ענג פאַרבונדן צווישן זיך, אַז בעת זיי שלאָגן אַנדערע פאַלן די קלעפּ אויף זיי גופא. די גרעסטע אַנטדעקונג, וואָס דער מענטש האָט ווען נישט איז געמאַכט, איז די אַנטדעקונג פון זיטלעכן געזעץ, אַז דער מענטש ווערט אויף אַזוי פיל גערעכטער, אויף וויפל ער דערקענט און דערפילט זיך גופא אין אַנדערע. צו דער אמת האָט נישט וא״ אַ סוביעקטיוון ווערט, נאָר ער אַנטפּלעקט זיך אין יעדער טייל פון אונזער לעבן. און פעלקער, וואָס קולטיווירן די זיטלעכע בלינדקייט אין געשטאַלט פון פּאַטריאָטיזם, וועלן פלוצלונג און אויף אַ אומנאַטירלעכן אופן אונטערגיין.

אין פריערע תקופות האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין פון אָנפאַלן פון פרעמדע זיגער; ס'האָט נישט געפעלט קיין אכזריות און בלוטפאַרגיסונג, קיין קנאה-אינטריגעס און געלט-תאוה. אָבער אין איר טיפעניש איז די פאָלקס-נשמה פון דעם אַלעם נישט אָנגערירט געוואָרן, ווייל דאָס פאָלק, אַלס גאַנצעס, האָט זיך נישט באַטייליקט אַקטיוו אין די מעשים-תעתועים. דאָס גאַנץ איז געווען אַ פּועל-יוצא פון כבוד-זוכעניש פון יחידים. דאָס פאָלק

גופא, נישט טראַגנדיק קיין אחריות פאַר יענע נידעריקע און פאַרברעכערישע מעשים, האָט, אדרבה, געהאַט פון זיי אַ מאָראַלישן נוצן: זיי האָבן אַנטוויקלט זיינע מענטשלעכע און זיינע גבורה-איינגשאַפטן; זיין בירגער-טריישאַפט; זיין מסירת-נפשדיקן ערפילן פון געוויסע התחיבותן; זיין פעיקייט זיך איינגאַנצן צו מקריב זיין און די אומדערשראָקנקייט פאַרן טויט און סכנות. דעריבער איז די פּאָליטיק פון די מלכים און פון די אַרמיי-פירער נישט געווען קיין גרויסע סכנה פאַר די אידעאַלן, מיט וועלכע דאָס פאָלק האָט געלעבט.

איצט אָבער, בעת די ממשלה איז איבערגעגאַנגען צום גייסט פון דער מערב-ציוויליזאַציע, שפּייזט מען די שנאה און די כבוד-תאוה ביים פאָלק פון קינדווייז אָן דורך כלערליי מיטלען: דורך פעלשן אויף אַ העלפט אָדער אינגאַנצן די געשיכטע; דורך שאַפן פאַלשע פאָרשטעלונגען וועגן פרעמדע פעלקער און דורך דערוועקן צו זיי שנאה-געפילן; געשעענישן, וואָס מען דאַרף לטובת דער מענטשלעכקייט וואָס גיכער פאַרגעסן, ווערן דערהאַלטן אין זכרון דורך ספּעציעלע שריפטן, און על-פי-רוב נאָך אין אַ פאַלשער באַלויכטונג; אַזוי אַרום שאַפן זיך שטענדיק סכנהדיקע דראָאונגען קעגן די שכנים און פרעמדע פעלקער. דאָס הייסט דאָך אָבער פאַרסמען דעם מקור פון דער מענטשלעכקייט; ס'הייסט דאָך אָבער צונישט מאַכן די אידעאַלן, וואָס עס האָבן אונז געשענקט אונזערע ג-עסטע און בעסטע; ס'הייסט דאָך אָבער אויפשטעלן פונם עגאָאיזם אַ ריזיקן אָפּגאָט פאַר אַלע פעלקער פון דער ערד!

אַלץ קענען מיר אָננעמען פון דער וויסנשאַפט, אָבער נישט אָט דעם עלעקסיר פון זיטלעכן טויט. גלויבט נישט קיין איין מאָמענט, אַז דער אומגליק, וואָס איר ברענגט אויף אַנדערע פעלקער, וועט אייך אויסמיידן, און אַז די שנאה, וואָס איר זייט אַרום זיך, וועט אייך אייביק אַרומרינגלען ווי אַ פעסטונג. פאַרזייפטן דעם גייסט פון אַ גאַנצן פאָלק מיט גרעניצלאָזער פוסטער גאווה צוליב זיין מפלומרשטן העכער-שטיין; לערנען אים שטאָלצירן מיט זיין זיטלעכער פאַרגרעבטקייט און זיין אָנגעגאָסענער

עשירות. פארלענגערן די דערנידערונג פון באזיגטע פעלקער דורך אויסשטעלן נצחון־טראפייען, און זיך באנוצן מיט זיי אין די שולן, כדי צו דערוועקן אין קינדערשע הערצער פאראכטונג צו אנדערע, — דאס אלץ הייסט נאכטון דעם מערב גראד אין דעם פונקט, ווו ער האט אגעשוויר, וואס הייטערט זיך און פרעסט זיך איין אלץ טיפער און טיפער, — ביז אין זיין לעבנסתוך.

די פלאנצן, מיט וועלכע מיר דערנערן זיך, זענען א פראדוקט פון א איבערגעגעבענער הארעוואניע זייט הונדערטער יארן. אבער די פלאנצן, וואס מיר פארוואנדלען נישט אין אונזער לעבנסזאפט, נויטיקן זיך נישט אין געדולדיקער אויפזיכט מצד גאנצע דורות. ס'איז שווער פטור צו ווערן פון ווילדע געוויקסן, ס'איז אבער זייער לייכט צו פארווילדן די קולטור־פלאנצן דורך אונזער פסדרדיקער נאכלעסיקייט. און אויך אייער קולטור, וואס האט זיך מיט אזא ליבשאפט צוגעפאסט צו אייער באדן און זיך צונויפגעוואקסן מיט אייער לעבן און מענטשלעכקייט, האט נישט נאר אין פריערע צייטן געפאדערט דאס איבערגראבן און דאס בעליען, נאר אויך איצט נויטיקט זי זיך אין פלייסיקער ארבעט און השגחה. דאס, וואס איז בלויז מאדערן, ווי די נאטורוויסנשאפט, למשל, אדער די ארגאניזאציע, לאזט זיך איבערפלאנצן. אבער דאס, וואס געהערט צו טיפער מענטשלעכקייט, האט אזעלכע פיינע פעדים און אזא גוזמא פון ווייט פארצווייגטע ווארצלען, אז ס'שטארבט אפ ווען מען רייסט עס אויס פון זיין באדן. דעריבער שרעקט מיר אזוי דער שווערער דרוק פון די פאליטישע מערב־אידעאלן אויף אייערע אייגענע. אין דער פאליטישער ציוויליזאציע איז די מלוכה א אבסטראקטער באגריף, און דער יסוד פון מענטשן־פארייניקונג איז דער נוצן־פרינציפ. און ווייל אזא ציוויליזאציע ווארצלט נישט אין געפיל, איז איר אזוי מסוכנדיק לייכט צו איינשאפן. א יובל יארן האט אייך געסטייעט אויף צו איינארדנען איר גאנצע מאשין, און ס'געפינען זיך שוין ביי אייך פערזאנען, וועמען זי איז ליבער פאר די לעבעדיקע אידעאלן, וואס זענען געבארן געווארן צוזאמען מיט אייער פאלק

און וועלכע איר האָט געכאָוועט זייט הונדערטער יאָרן. ווי קינדער זענען זיי, וואָס גלויבן אין דער באַגייסטערונג פון שפּיל, אַז די שפּילצייג זענען זיי טייע׳ער פאַר דער מאַמען.

דאָס גרעסטע ביים מענטשן דערגרייכט נישט צו זיין באַוואוסטזיין. אייער קולטור, וועמענס הויפּט־מקור ס׳איז דער כּלל־געפיל, האָט זיינע וואָרצלען אין דער טיפעניש פון אַ געזונט לעבן, וואו דער פאָרשנדער בליק פון דער זעלבסט־קריטיק דערגרייכט נישט. אָבער אַ סתם פּאָליטישע פאַרייניקונג איז דורך און דורך אַ זאַך פון אַ באַוואוסטזיין; זי איז אַ פּלוצלינג אויפגעפלאַקערטע תאווה צו אָנגרייפן. איבער־געוואַלד האָט זי איצט באַהערשט אייער נשמה, און ס׳איז געקומען די צייט, ווען מען מוז אייך אויפוועקן צום פולן באַוואוסטזיין, כּדי איר זאָלט באַצייטנס דערקענען אייער אמתן לעבנס־קוואַל, כּל־זמן ס׳איז נאָך נישט שפּעט. דעם עבר האָט אייך גאָט געשענקט, אָבער דעם הוה מוזט איר אַליין אויסקלייבן.

דעריבער דאַרפט איר זיך אַליין שטעלן די פראַגע: צי האָבן מיר פאַרשטאַנען פאַלש די וועלט, און אונזער באַציאונג צו איר איז געגרינדעט אויף דער אומבאַקאַנטשאַפט מיט דער מענטשלעכער נאַטור? צי איז דער מערב־אינסטינקט גערעכט, ווען ער וויל אויפבויען זיין נאַציאָנאַלן גליק הינטער אַ וואַנט פון אומצוטרוי צו דער גאַנצער מענטשהייט? איר האָט, מסתמא, שטענדיק געשפּירט אַ שטאַרקן בייקלאַנג פון מורא, בעת דער מערב האָט גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט עס זאָל אויפשטיין אַ מזרח־פאָלק. ס׳איז דערפאַר, ווייל די מאַכט, מיט דער הילף פון וועלכער דער מערב הערשט, איז אַ שלעכטע מאַכט; און כּל־זמן נאָר ער אַליין באַנוצט זיך מיט איר, לעבט ער אין זיכערקייט בעת די איבעריקע וועלט ציטערט. פאַר דער איצטיקער ציוויליזאַציע פון אייראָפּע איז אַ לעבנס־פראַגע צו זען, אַז דער טייוול מיט זיינע כּוחות זאָל נאָר שטיין אין איר רשות. איר גאַנצע קריגס־באַוואָפענונג און איר גאַנצע דיפּלאָמאַטיע האָבן ־מאַקי אין זינען נאָר אָט דעם ציל. אָבער די אַלע טייערע השבעה־צערעמאָניעס פונם כּח־הטומאה פירן דורך דעם וועג פון

אויסערלאַכן ערפאָלג צום ברעג פון תהום. די שרעקלעכע רוחות, וואָס דער מערב האָט ארויסגעלאָזן פריי אויף גאָטס וועלט, וועלן זיך אומקערן, כדי צו שטעלן אין סכנה אים אליין. און וועלן אים טרייבן צו אַלץ שרעקלעכערע באַוואָפנונגען; ער וועט נישט האָבן קיין רו און וועט אַלץ פאַרגעסן, חוץ די סכנות, וואָס ער האָט געשאַפן פאַר אַנדערע און וועלכע ער לאָדט אָן אויף די אייגענע פּלייצעס. צו דער עבודה זרה פון אָט דער טייוואָנישער פּאָליטיק איז ער מקריב פרעמדע לענדער. ער שפּייזט זיך פון די געהרג׳עטע און ווערט פעט פון זיי כל זמן די בר־טינג׳ס זענען נאָך פריש; זיי וועלן אָבער סוף כל סוף נעמען פוילן און די טויטע וועלן נעמען נקמה, פאַ־שפּרייטנדיק וויט אַרום זיך זייערע אומריינע שטאָפן און פאַרגיפטנדיק די לעבנסקראַפט פון זייערע פרעסערס.

יאַפּאַן האָט פאַרמאָגט אוצרות פון מענטשלעכקייט, באַגייסטערונג פאַר העלדישקייט און שיינקייט, א וואונדערלעכע קראַפט זיך צו באַהערשן און צו פאַרקערפּערן ,יר יש אין דער קונסט; פונדעסטוועגן האָבן די מערב־פעלקער נישט געהאַט פאַר איר קיין דרך־ארץ ביז זי האָט זיי באַוויזן, אַז די בלוט־דורשטיקע הינט פון שטן ווערן געהאָדעוועט נישט נאָר אין אייראָפּעס הינט־בודעס, נאָר אַז אויך אין יאַפּאַן קען מען זיי מכניע זיין און פאַשן זיי מיטן עלנט פון מענטשן. יאַפּאַנס גלייכבארעכטיקונג האָבן זיי ערשט אַנערקענט דעמאָלט, ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז אויך זי באַזיצט דעם שליסל צו עפענען צו יעדער צייט די שליוזן פון גיהנום און צו פאַרפלייצן מיט זיינע כוואַליעס אונזער שיינע וועלט; אַז אויך זי קען טאַנצן, אונטערן טאַקט פון זייער אייגענער מעלאָדיע, דעם שדים־טאַנץ פון רויבעריי, רציחה און פרויען־שענדונג, בעת די וועלט ווערט חרוב. מיר ווייסן, אַז דער זיטלעך־אומרייפער מענטש האָט דרך־ארץ נאָר פאַר דעם גאָט, פאַר וועמענס פאַלשקייט ער שרעקט זיך. צי איז עס אָבער דער אידעאַל פון א מענטשן, מיט וועלכן מיר זאָלן קענען שטאָלצירן?

אַך יאָרהונדערטער פון ציוויליזאַציע האָבן די פעלקער

מורא איינער פארן צווייטן, ווי ביי נאכט די רויב־חיות אויפן געיעג נאך רויב; זיי האלטן פארשלאסן זייערע אומגאסטפריינטלאכע טירן; זיי פארייניקן זיך נאר צום אנגרייפן אדער צום פארטיידיקן זיך; זיי באהאלטן אין זייערע היילן זייערע האנדלס־כלוכה־און באוואפנונגס־כוונות; יעדער בארוהיקט די בילנדיקע הינט פון צייטן מיט פרעמדע פלייש; זיי שטערן מיט געוואלט די געפאלענע פעלקער צום דערהויבן זיך, ווייל די שוואכקייט פון דער גאנצער איבעריקער מענטשהייט איז זייער זיכערקייט; זייער רעכטע האנט טראגט אונטער די שוואכע פעלקער רעליגיע, בעת די לינקע בארויבט זיי, — איז דען דא אין דעם אלעם עפעס אזוינס, וואס קען ארויסרופן ביי אונז א קנאה־געפיל? זאלן מיר טאקי קניען פארן גייסט פון אט דער ציוויליזאציע, וואס זייט איבער דער גאנצער ערד מיט א ברייטער האנט די קערנער פון מורא, געלט־תאוה, אומצוטרוי און אנגעפודערטע ליגנס וועגן זיין שלום־ליבע, זיין גוטן רצון און וועגן אלגעמיינער ברודערשאפט? זאלן מיר אן וא לעניש איילן אויפן מערב־מארק, כדי אויסצובייטן אונזער ירושה אויף אט יענע אויסלענדישע פירות? כ'ווייס ווי ס'איז שווער זיך אליין צו קענען: דער שכור לייקנט אפ, ווילדעוועדיק, זיין שכורקייט; און דאך איז דער מערב אליין באזארגט פון זיינע חסרונות און ער טראכט וועגן רפואות פאר זיי. דער מערב איז אבער געגליכן צו א זולל־וסובא, וועלכער איז שוואך צו גובר זיין די תאוה צו פרעסן און וועלכער כאפט זיך אן אין דער נארישער האפנונג, אז ס'וואלט מעגלעך געווען אויסצוהיילן דורך רפואות זיין שלעכטן פארדייען. איירא[פע] האט נישט קיין חשק צו אנטזאגן זיך פון איר אוממענטשלעכער פאליטיק און פון די אלע נידעריקע תאוות, וואס זענען מיט איר פארבונדן; זי גלויבט נאר אין שנוי פון דער סיסטעם, אבער נישט אין א ענדערונג פון גייסט.

מיר וועלן זיך איינשאפן זייערע מאשינעס, אבער נישט מיטן הארצן נאר מיטן מוח. מיר וועלן בויען פאר זיי שאפעס, אבער אין אונזער שטוב און אין אונזער קדשי־קדשים וועלן מיר

זיי נישט אַריינלאָזן. פֿאַראַן פֿעלקער, וואָס פֿאַרהייליקן די חיות, וועלכע זיי שחטן; מיר קענען ביי זיי קויפֿן פֿלייש בעת מיר זענען הונגעריג, אָבער זייער קולט וועלן מיר צוזאַמען מיטן פֿלייש נישט איבערנעמען. מיר דאַרפֿן נישט פֿאַרסמען די הערצער פֿון אונזערע קינדער מיטן אָבערגלויבן: געשעפֿט איז נאָר געשעפֿט; מלחמה איז נאָר מלחמה; פּאָליטיק איז נאָר פּאָליטיק. מיר מוזן וויסן, אַז דער געשעפֿט דאַרף זיין ביים מענטשן עפּעס מער ווי געשעפֿט, און דאָס זעלבע מיט פּאָליטיק און מלחמה. איר האָט געהאַט אין יאַפּאַן אַ אייגענע אינדוסטריע; אויף איר הערלעכקייט און גוטן קוואַליטעט זאָגן עדות די פּראָדוקטן אירע, מיט זייער שיינקייט און נוצבאַרקייט און די געוויסנהאַפֿטע אויסאַרבעטונג פֿון די קלענסטע פּרטים, וועלכע מ'באַמערקט גאָרנישט ביים קויפֿן. איז אָבער די פֿאַרפֿלייצונג פֿון שווינדל אָנגעקומען אין אייער לאַנד פֿון יענעם טייל ערד, וואו געשעפֿט איז נאָר געשעפֿט און הערלעכקייט ווערט דערביי באַנוצט אַלס די בעסטע פּאָליטיק. האָט איר קיינמאָל נישט געפֿילט קיין חרפּה, זעענדיק, ווי נישט נאָר די גאַנצע שטאָט ווערט באַקלעפּט מיט ליגנס און גוזמאות פֿון די רעקלאַמעס, נאָר אויך אין די גרינע פֿעלדער דרינגען זיי אַריין, וואו דער פּויער באַשעפֿטיקט זיך מיט זיין הערלעכער אַרבעט, און אויף די שפּיצן פֿון די בערגלעך קריכן זיי אַרויף, וואָס ווערן באַגריסט פֿון ערשטן, ריינעם פֿרימאָרגן-שיין? ס'איז אַזוי לייכט צו פֿאַרטעכן אונזער איידלקייט און דעם געפֿיל פֿאַר הערלעכקייט דורך דער שטענדיקער רייבעניש, וואָס קומט פֿון דעם, וואָס דער ליגן גייט שטאָלץ אַרום אין נאָמען פֿון האַנדל, פּאָליטיק און פּאַטריאָטיזם, און יעדער פּראָטעסט קעגן זיין כסדרדיקן אַריינדרינגען אין אונזער לעבן ווערט פֿאַררעכנט אַלס סענטימענטאַליטעט, וואָס פּאַסט גאָרנישט פֿאַר קיין רעכטן מענטשן. און ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז די יורשים פֿון יענע העלדן, וועלכע וואָלטן נישט געבראָכן זייער וואָרט אפֿילו ביי אַ לעבנס-געפֿאַר, וועלכע וואָלטן געהאַלטן פֿאַר אַ פּחיתת-הכּבֿוד צו אָפּנאַרן מענטשן צוליב אַ קליינלעכן נוצן, וועלכע וואָלטן בעסער אויסגעקליבן אַ מפּלה אין קאַמף איידער אַ אומערלעכן נצחון, — אַז די יורשים באַנוצן זיך אָן חרפּה מיט כל-ערליי

ליגנס, אַבי צו געווינען פאַר זיך אַ געווויסן נוצן. און דאָס אַלץ
איז אַ פּועל-יוצא פון כשוף-וואָרט „מאָדערן". אָבער אויב די בלויזע
נוצלעכקייט איז מאָדערן, איז דאָך די שיינקייט אייביק; אויב
דער נידעריקער עגאָאיזם איז מאָדערן, זענען דאָך די מענטש-
לעכע אידעאַלן נישט קיין נייע דערפינדונגען. און מיר מוזן
זיין איבערצייגט, אַז ווי מאָדערן ס'זאָל נישט זיין די טעכנישע
געשיקטקייט, וואָס פאַרקריפּלט און פּאַסט צו די מענטשן צו
מאַשינעס און מעטאָדעס, צו קיין זקנה וועט זי נישט דער-
לעבן. בעת מיר פּרובירן זיך אָבער צו באַפרייען פון
אייראָפּעס צו גאוהדיקע פּרעטענזיעס און פון אונזער אייגענער
פאַרבלענדעניש, קענען מיר לייכט אריינפאַלן אין אַ פאַרקערטן
טעות און פאַרמאַכן די אויגן אויפן אמת צוליב אומצוטרוי צום
מערב. די רעאַקציע פון אנטוישונג איז פּונקט אַזוי ווייט פון
דער ווירקלעכקייט, ווי ס'איז די ערשטע באַגייסטערונג מיט אַ
אילוזיע. מיר מוזן זיך אומקערן צום נאָרמאַלן געמיט-צושטאַנד,
כדי צו קענען קלאָר איינזען די סכנה און איר אויסמיידן, נישט
באַגייענדיק קיין אומרעכט לגבי דער סבה פון דער סכנה. מיר
דאַרפן ביישטיין דעם פאַרשטענדלעכן נסיון צו צאָלן אייראָפּע
מיט איר אייגענער מטבע: מיט פאַראַכטונג פאַר פאַראַכטונג,
מיט שלעכטס פאַר שלעכטס; ווייל ס'וואָלט הייסן נאָכצוטון איי-
נעם פון אייראָפּעס ערגסטע נאַטור-אייגנשאַפטן, וואָס ווייזט זיך
אַרויס אין איר באַנעמונג מיט פעלקער, וועלכע זי באַצייכנט אַלס
געלע אָדער רויטע, אַלס ברוינע אָדער שוואַרצע. (אגב אורחא
איז דאָ דער אָרט, ווו מיר, מזרח-פעלקער, דאַרפן זיך שלאָגן על
חטא און מודה זיין, אַז אונזער זינד איז נאָך געווען אפשר
גרעסער, בעת מיר האָבן באַליידיקט דאָס מענטשלעכע, באַ-
האַנדלענדיק מענטשן פון אַן אַנדער גלויבן, פאַרב אָדער קאַסטע
מיט אַ שרעקלעכער אכזריות און פאַראַכטונג). נאָר דערפאַר, ווייל
אונז שרעקט אונזער אייגענע שוואַכקייט, וואָס פאַלט זיך אַראָפּ ביי
זיך באַטראַכטנדיק יענעמס מאַכט, פּרובירן מיר איר פאַרבייטן
מיט אַן אַנדער שוואַכקייט, וואָס מאַכט אונז בלינד פאַר דער
אמתער גרויסקייט פון מערב. אָבער נאָר דערקענענדיק די איי-

ראָפּע, וואָס איז באמת גרויס און גוט, זענען מיר ביכולת זיך צו באַשיצן פון דער אייראָפּע, וואָס איז נידעריק און גייציק. ס'איז לייכט צו אורטיילן פאַלש בעת מען שטייט פּנים אל פּנים מיטן מענטשלעכן עלנט, — און פּעסימיזם איז אַ פּועל-יוצא פון שאַפן טעאָריעס, בעת עס ליידט דער גייסט. זיך מיאש זיין אין דער מענטשהייט איז נאָר מעגלעך דאַמאָלט, בעת מיר פאַרלירן דעם גלויבן אין אמת, וואָס גיט איר תמיד פרישע כחות צו דערהויבן זיך פון שפּלדיקסטן מצב און שאַפן אויף אירע חורבות אַ נייעם לעבן. מיר מוזן איינזען, אַז אייראָפּע האָט אַ לעבעדיקע נשמה, וועלכע פירט אַ שטילן קאַמף קעגן די ריזיקע אָרגאַניזאַציעס, אונטערן יאָך פון וועלכע ס'ווערן צוריבן מענער, פרויען און קינדער, ווייל זייער מעכאַניזם ווייסט נישט פון קיין מענטשלעכע און גייסטיקע געזעצן, — אַ לעבעדיקע נשמה, וועמעס געפיל ס'לאָזט זיך נישט פאַרטעמפּן לחלוטין דורך דער סכנהדיקער רגילות צו באַהאַנדלען אומברחמנותדיק די יעניקע פעלקער, צו וועלכע זיי פילט נישט קיין נאַטירלעכע סימפּאַטיע. דער מערב וואָלט זיך קיינמאָל נישט דערהויבן צו דער מדרגה, וואָס ער פאַרנעמט, ווען זיין כח וואָלט נאָר זיין דער כח פון אַ ווילדער חיה, אָדער מאַשין. דאָס געטלעכע ביי אים אין האַרצן ווערט געפּייניקט פון די וווּנדן, וואָס זיין האַנט מאַכט דער וועלט, — און פונם דאָזיקן ליידן פון זיין בעסערער נאַטור פליסט דער געהיימער באַלזאַם, וואָס וועט היילן אָט די אַלע וווּנדן. נישט איינמאָל האָט ער געקעמפט קעגן זיך אַליין און צובראָכן קייטן, מיט וועלכע זיינע אייגענע הענט האָבן געשמידט הילפלאָזע אברים. און כאָטש ער האָט צוליב געלט-תאווה געצוואונגען גרויסע פעלקער צו אויסטרינקען דעם גיפטיקן כוס, וואָס ער האָט דערלאַנגט, פלעגט ער דאָך אָבער אַליין דערוואַכן צום באַגרייפן זיינע מעשים און זיך פון זיי ריינצוואַשן. דאָס אַלץ באַווייזט, אַז אונטער מכלומרשט וויסטע אומפּרוכטבאַרע ערטער פליסן פאַרבאָרגענע קוואַלן פון מענטשלעכקייט. עס באַווייזט, אַז דער טיפערער תוך פון זיין נאַטור, וואָס קען איבערלעבן אָט די אַלע פחדנישע אכזריותן, איז נישט קיין עגאָאיזם, נאָר אַ

יראת־הכבוד פאר אָן־פניותדיקע אידעאַלן. ס׳וואָלט הייסן באַגיין אַ אומרעכט אי לגבי אייראָפּע, אי לגבי זיך אַליין, ווען מ׳וואָלט זאָגן, אַז נאָר מיט פּשוטער באַווייזונג פון מאַכט האָט זי באַצויבערט דעם מאָדערנעם מזרח. דורכן רויך פון די האַרמאַטן און דורכן שטויב פון די מערק האָט העל געלויכטן די ליכט פון איר זיטלעכער נאַטור און אונז געבראַכט דעם אידעאַל פון זיטלעכער פרייהייט, וועמענס יסודות ס׳זענען טיפער פאַר די געזעלשאַפטלעכע מנהגים און וועמענס השפּעה־געביט ס׳איז די גאַנצע וועלט.

דער מזרח האָט אינסטינקטיוו געשפּירט, נישט קוקנדיק אויף זיין עקל־געפיל, אַז ער האָט אַ סך צו לערנען פון אייראָפּע נישט נאָר בנוגע די מאַטעריעלע מיטלען פון איר מאַכט, נאָר אויך בנוגע די אינערלעכע קוואַלן אירע, וואָס האָבן אַ שייכות צום גייסט און צו דער זיטלעכער נאַטור פונם מענטשן. חוץ די התחייבותן צו אונזער משפּחה און צו אונזער שבט האָט אונז אייראָפּע געלערנט די העכערע התחייבותן צום כלל; זי האָט אונז געלערנט די הייליקייט פון די געזעצן, וואָס באַפרייען די געזעלשאַפט פון די קאַפּריזן פון יחידים, און זיכערן איר אַ דויערדיקן פּראָגרעס און גלייכע רעכט פאַר אַלע מענטשן אָן אַ חילוק פון זייער שטאַנד. אָבער דער עיקר האָט אייראָפּע אין יאָרהונדערטער־לאַנגע ליידן און קאַמפן געהאַלטן הויך פאַר אונזער גייסט די פאָן פון פרייהייט, — פרייהייט פון געוויסן, פרייהייט פון טראַכטן און טאָן און פרייהייט פאַר זיינע אידעאַלן אין דער קונסט און ליטעראַטור; און ווייל מיר האָבן געהאַט פאַר אייראָפּע אַזאַ טיפן דרך־ארץ, איז זי געוואָרן אַ סכנה פאַר אונז דורך אירע שוואַכקייטן און פאַלשקייטן, — געפערלעך ווי סם, וואָס מ׳שיט אַריין אין אונזער ליבסטן מאכל. נאָר איין רעטונגס־מיטל איז דאָ פאַר אונז, אויף וועלכן מיר קענען האָפן: מיר קענען זיך פאַרבינדן מיט אייראָפּע גופא אין קאַמף קעגן אירע פאַרפירונגען און פאַרגוואַלדיקונגען; היות זי האָט תמיד געהאַלטן הויך איר זיטלעכן אידעאַל, קענען מיר איר מעסטן לויט אים און איר אויפווייזן ווי נידעריק זי איז געפאַלן; מיר

קענען איר שטעלן פאַר איר אייגענעם משפט און איר ברענגען צו חרפה, — צו חרפה, וואָס איז דער סימן פון אַ אמתן אַדל-שטאַנד.

מיר האָבן אָבער מורא, אַז דער סם קאָן זיין ווירקזאַמער פאַרן מאכל, און דער כח, וואָס אייראָפּע ווייזט אַרויס, איז נישט קיין סימן פון געזונטקייט, נאָר, אדרבה, איר היפוך; ער קאָן זיין אַ ציַיטווײַליקער פועל-יוצא פון צושטערטן לעבנס-גלייכגע-וויכט. מיר האָבן מורא, אַז דאָס שלעכטס, אָננעמענדיק אַזויגע ריזיקע פאָרמען, באַקומט אַ פאַרדאַרבנדיקע צוציאונגס-קראַפט, — און כאָטש סוף-כל-סוף פאַרלירט זי דעם גלייכגעוויכט, אַ דאַנק איר משוגעדיקער אומפּראָפּאָרציאָנעלקייט, איז דאָך דער אומ-גליק, וואָס זי ברענגט איידער זי ווערט געניזוקט, שוין אפשר אוממעגלעך צו פאַרריכטן.

דעריבער בעט איך אייך: האָט די קראַפט פון גלויבן און די קלאָרקייט פון גייסט, כדי איינצוזען, אַז דער אומגעלומפּערטער בנין פון מאָדערנעם פּראָגרעס, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן דורך די אייזערנע רייפן פון נוצלעכקייט, און וואָס קייקלט זיך אויף רעדער פון כבוד-זוכעניש, קאָן זיך לאַנג נישט האַלטן. ס'וועלן בלי-ספק פאָרקומען צוזאַמענשטויסן; ווייל ער מוז זיך באַוועגן אויף שינעס פון דער אָרגאַניזאַציע — זיין שווערקייט לאָזט אים נישט פריי אויסקלייבן זיין וועג, — און בעת ער וועט אַראָפּ פון די רעלסן וועט ער מיטשלעפּן מיט זיך זיינע אומצאָליקע וואַגאָנעס. ס'וועט קומען אַ טאָג און ער וועט צוברעכן ווערן אויף שטיקער און ווערן אַ עדנסטע פאַרקער-שטערונג פאַר דער וועלט. צי דען זעען זיך שוין איצט נישט קיין סימנים דערפון? צי דען הערן מיר נישט קיין שטימע דורכן ליאַרם פון מלחמה, דורכן געשריי פון שנאה, דורכן יאָמער פון יאוש און דורך דער אויפרויאונג פונעם איינגעלעגענעם שמוץ, וואָס האָט זיך אין משך פון יאָר-הונדערטער אָנגעזאַמלט אין דעם פונדאַמענט פון אָט דעם נאַציאָ-נאַליזם, — אַ שטימע, וואָס זאָגט אַן אונזער נשמה, אַז דער טורעם פונעם נאַציאָנאַלן עגאָאיזם, וואָס הייסט פּאַטריאָטיזם און לאָזט פרעך פלאַטערן צום הימל זיין פאָן פון בגידה, וועט זיך באַלד אַ

מאָל טאָן און מיט אַ גוואַלדיקן טראַסק צושאָטן ווערן, אַראָפּגעצויגן דורך זיין אייגענער שווערקייט. און זיין פֿאָן וועט קיין די ערד און זיין שיין וועט פֿאַרלאָרן ווערן? מיינע ברידער, ווען די רויטע פֿלאַמען פֿון אָט דער גוואַלדיקער שׂרפֿה וועלן שיקן קנאַקנדיק זייער בעלעכטער צו די שטערן, זאָלט איר לייגן אייער האָפֿנונג אויף די שטערן און נישט אויפֿן פֿאַרניכטנדיקן פֿייער-ווייל נאָכדעם ווי די שׂרפֿה וועט זיך אַליין פֿאַרצערן און פֿאַרלאָשן ווערן, לאָזנדיק נאָך זיך אַ הויפֿן אַש אַלס זכרון, וועט ווידער אָנהויבן שיינען די אייביקע ליכט פֿון מזרח, — פֿון מזרח, וואו ס'איז געבאָרן געוואָרן די פֿרימאָרגן-ליכט פֿון דער מענטשהייט. און ווער ווייס, אפֿשר גרויס שוין אָט דער טאָג, אפֿשר איז שוין אויפֿן מזרח-האָריזאָנט פֿון אַזיע אויפֿגעגאַנגען די זון? אויב אַזוי, טאָ באַגריס איך ווי די זינגער פֿון מיינע אָבֿות דעם מאָרגנשטערן פֿון דער מזרח-זון, וועלכער ס'איז באַשערט צום צווייטן מאָל צו באַלויכטן די גאַנצע וועלט.

כ'ווייס, אַז מיין שטימע איז צו שוואַך כּדי איבערצושרייען דעם ליאַרעם פֿון אונזער פֿאַרהאַוועטער צייט. יעדער גאַסן-יונג קען מיר נאָכשליידערן דעם וואָרט „אומפּראַקטיש"; ער וועט זיך צוקלעפּן צו מיר און וועט זיך נישט לאָזן אָפּווישן, און דער פּועל-יוצא וועט זיין, אַז אַלע חשובֿע מענטשן וועלן זיך אָפּקערן פֿון מיר. כ'ווייס, ווי סכּנהדיק ס'איז צו גילטן ביים קרעפֿטיקן המון אַלס אידעאַליסט; בפֿרט היינט, ווען טראַכטן האָבן פֿאַרלאָרן זייער חשיבֿות, נבֿיאים זענען נישט מער ווי אַ אַנאַכראָניזם און אין געשריי פֿון מאַרק ווערן פֿאַרשלונגען אַלע אַנדערע שטימעס. און דאָך, בעת איך בין אַמאָל געשטאַנען הינטער די לעצטע הייזער פֿון דער שטאָט יאָקאָהאַמאַ, וואָס האָט געשווייבלט מיט מאָדערנע זאַכן, און כ'האָב געזען דעם פֿאַמעלאַכן פֿאַרזינקען פֿון דער זון אין אייער דרום-ים, וואָס איז געלעגן אין זיין שטילער מאַיעסטעט צווישן אייערע מיט סאָסנעס באַדעקטע בערגלעך, — ווען איך האָב געזען פֿאַרבלאַסן אויפֿן גאָלדענעם האָריזאָנט דעם גרויסן פֿודזשיאַמאַ, ווי אַ גאָט וואָס ווערט באַזיגט דורך זיין אייגענעם גלאַנץ, — איז צו מיר אַרויפֿגעדרונגען דורך דער אָוונט-שטילקייט

די מוזיק פון דער אייביקייט און כ'האָב געוואוסט, אַז דער הימל און די ערד, מיט זייער גאַנצער שיינקייט, זענען אויפן צד פון די פּאָעטן און אידעאַליסטן און נישט אויפן צד פון די מאַרק-מענטשן, מיט זייער פאַרגרעבטער פאַראַכטונג צו יעדן טיפן געפיל. כ'האָב געוואוסט, אַז דער מענטש, פאַרגעסנדיק אויף אַ געוויס: צייט זיין געטלעכן יחוס-שטאַם, וועט זיך אויפס ניי דערמאָנען, אַז דער הימל איז שטענדיק בעת ער איז אין באַרירונג מיט זיין וועלט און ער וועט איר אויף אייביק נישט איבערלאָזן אויפן באַראַט פון די רויב-דערשטיק: וועלף פון אונזער תקופה, וואָס וואַרפן זיך צו די הימלען דערשמעקנדיק מענטשלעך בלוט.

# נאַציאָנאַליזם אין אינדיע

די אמתע אויפגאַבע פון אינדיע איז נישט קיין פּאָליטישע, נאָר אַ סאָציאַלע; און דער דאָזיקער אמת גילט נישט נאָר פאַר אינדיע, נאָר פאַר אַלע פעלקער פון דער ערד. איך גלויב נישט אין אַ בלויז פּאָליטישן אינטערעס. אין מערב האָט די פּאָליטיק באַהערשט די מערב־אידעאַלן און מיר, אינדיער, זענען גוטה נאָכצוטון זייער ביישפּיל. מיר טאָרן אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אין אייראָפּע, ווו די פעלקער האָבן פון סאמע אָנהויב באַקומען די מתנה פון זייער ראַסן־איינהייט און ווו די נאַטירלעכע לעבנס־מקורים האָבן נישט געקענט באַפרידיקן זאַלע באַדערפענישן פון אירע איינוווינער, האָט די ציוויליזאַציע געמוזט אָננעמען דעם כאַראַקטער פון פּאָליטישער- און האַנדלס־אַגרעסיוויטעט; ווייל פון איין זייט האָבן זיי נישט געהאַט קיין אינערלעכע מניעות און פון צווייטן זייט האָבן זיי געהאַט צו טון מיט שטאַרקע און רויבערישע שכנים. אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז זייער איינציקע אויפגאַבע איז צו פאַרזיכערן די אינערלעכע אחדות און אָנצונעמען אַ וואַכזאַמע און פיינטלעכע האַלטונג כּלפּי חוץ. אין פריערע תקופות פלעגן זיי זיך אָרגאַניזירן און רויבן; אין היינטיקער תקופה באַהערשט זיי דערזעלבער גייסט, — זיי אָר־גאַניזירן, כדי צו עקספּלואַטירן די גאַנצע וועלט. אָבער פון סאמע אָנהויב פון אַ י ר געשיכטע האָט אינדיע תמיד געהאַט פאַר זיך איר אייגענע פּראָבלעם, — די ראַסנפּראָבלעם. יעדעס פאָלק מוז גוט אין זינען האָבן זיין מיסיע, און מיר, אינדיער, דאַרפן איינזען ס'אַראַ לעכערלעכע ראָליע מיר שפּילן, זיך נעמענדיק צו פּאָליטיק נאָר דערפאַר, ווייל ס'האָט זיך אונז נאָך נישט איינגעגעבן צו דערפילן די אויפגאַבע, וואָס די השגחה עליונה האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט.

אויך איר שטייט, אַט דאָ אין אַמעריקע, פאַר דער וועל־בער פּראָבלעם פון ראַסנאייגנהייט, וועלכע מ י ר מאַטערן זיך שוין אַזוי לאַנג צו לייזן. אַ סך פון אייך שטעלן מיר די פראַגע: וואָס הערט זיך מיט די קאַסטעס־אונטערשידן אין אינדיע. אָבער זיך ווענדנדיק צו מיר מיט דער דאָזיקער שאלה, מאַכן זיי דערביי על־פי־רוב אַ מינע פון העכער־שטייענדיקע. און כ'קאָן נישט ביישטיין דעם נסיון צו שטעלן אונזערע אַמעריקאַנער קריטיקער די זעלבע פראַגע, נאָר מיט אַ קליינעם שנוי: „וואָס האָט איר געטון מיט די רויטע אינדיאַנער און מיט די נעגער?", ווייל לגבי זיי האָט איר נאָך נישט אַריבערגעוואָקסן אייער קאַסטעס־גייסט. איר באַנוצט זיך מיט גוואַלד־מיטלען, כדי צו דערהייטערן פון זיך פרעמדע ראַסן; און כל־זמן איר האָט נאָך דאָ אין אַמעריקע נישט געלייזט די דאָזיקע פראַגע, האָט איר קיין רעכט נישט איר צו שטעלן אינדיע. אָבער, נישט קוקנדיק אויף די גרויסע שוועריקייטן האָט אינדיע פאָרט עפּעס אויפגע־טון. זי האָט געמאַכט אַ פּרווו צו צופּאַסן צווישן זיך די ראַסן; צו אָנערקענען די ווירקלעכע אונטערשידן, וואָס עקזיסטירן צווישן זיי, און דאָך פּרובירן צו געפינען אַ געמיינזאַמען באַזיס פאַר זייער פאַראייניקונג. דעם דאָזיקן געמיינזאַמען באַזיס האָבן גע־פונען אונזערע הייליקע מענער, ווי נאַנאַק, קאַביר, טשאַאיטאַניאַ און אַנדערע, וואָס האָבן געפּרעדיקט פאַר אַלע ראַסן פון אינדיע דעם איינציקן גאָט.

געפינענדיק די לייזונג פון אונזער פּראָבלעם, וואָלטן מיר במילא געהאָלפן צו לייזן די וועלט־פּראָבלעם: ווייל דאָס, וואָס אינדיע האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַמאָל, שטעלט מיט זיך פאַר די גאַנצע וועלט היינט. מיט דער הילף פון די טעכנישע פאַרלייכטערונגען ווערט די וועלט איין לאַנד. און ס'איז געקו־מען דער מאָמענט, ווען אויך איר מוזט זוכן אַ באַזיס פאַר אַ פאַראייניקונג, וואָס איז נישט קיין פּאָליטישע. און אויב אינדיע קאָן פאָרלייגן דער וועלט איר לייזונג, וועט עס זיין אַ גרויסע מתּנה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט; ווייל ס'איז בכלל דאָ נאָר איין געשיכטע — די געשיכטע פונם מענטשן. די געשיכטעס

פון די פעלקער זענען נאָר איינצלנע קאַפּיטלען פון דער דאָזי־קער גרויסער געשיכטע. און מיר, אינדיער, זענען מקבל באהבה אונזערע ליידן לטובת אזא גרויסן ציל.

יעדער אינדיווידום פאַרמאָגט עגאאיזם; און זיין חיהשער אינסטינקט טרייבט אים צו קעמפן מיט אנדערע נאָר פאַר זיינע אייגענע אינטערעסן. דער מענטש פאַרמאָגט אָבער אויך די העכערע אינסטינקטן פון מיטגעפיל און געגנזייטיקער הילף. די יעניגע, ביי וועמען ס׳פעלט די דאָזיקע זיטלעכע קראַפט, און זיי קענען זיך דעריבער ניט פאַרייניקן מיט אנדערע אין געמיינ־שאַפטן, מוזן אונטערגיין, אָדער לעבן אין אַ שפּלדיקן מצב. נאָר די פעלקער זענען געבליבן ביים לעבן און זיך דערהויבן צו אַ קולטור־מדרגה, ביי וועמען דער געמיינשאַפט־גייסט איז געווען שטאַרק אנטוויקלט. אזוי ארום ווייזט זיך ארויס, אז פון סאַמע אָנהויב פון דער געשיכטע האָט די מענטשהייט געדאַרפט אויס־קלייבן צווישן געגנזייטיקן קאַמף און געמיינשאַפט, צווישן עגאָאיזם און טובת־הכלל. אינם באַגינען פון אונזער געשיכטע, בעת די געאָגראַפישע גרעניצן פון יעטווידער לאַנד זענען גע־ווען ענג און די פאַרקער־מעגלעכקייטן — שטאַרק באַשרענקט, האָט אויך די דאָזיקע פּראָבלעם געהאַט אַ לפי־ערך קליינעם היקף. ס׳האָט געניגט, ווען די מענטשן האָבן אָנגעווענדט און אַנטוויקלט זייער געמיינשאַפט־געפיל אין די ענגע גרעניצן פון זייער אָפּגעזונדערטן שטח. אין יענע צייטן פלעגן זיי זיך פאַראייניקן צווישן זיך, כדי צו באַקעמפן אַנדערע. אָבער דער דאָזיקער זיטלעכער געמיינשאַפט־געפיל איז געווען דער אמתער יסוד פון זייער גרויסקייט, וואָס האָט געבענטשט זייער קונסט, זייער וויסנשאַפט און זייער רעליגיע. אין יענער פריער תקופה איז דאָס וויכטיקסטע פאַרן מענטשן געווען צו דערקענען דעם פאַקט, אז ער לעבט אין אַ ראַסן־געמיינשאַפט, וועמעס איינצלנע מיטגלידער ס׳קומען אין אַ נאָענטער ברידערלעכער פאַרבינדונג צווישן זיך. די יעניגע, וואָס האָבן באמת אויפגענומען אין זייער זיטלעכן באַוווסטזיין דעם דאָזיקן פאַקט, האָבן אַרויפגעדריקט זייער שטעמפל אויף דער געשיכטע. די וויכטיקסטע עובדה פון

דער היינטיקער תקופה איז די נאָענטע פאַרבינדונג, אין וועלכער ס'קומען צווישן זיך די פאַרשידנסטע מענטשלעכע ראַסן; און אידער שטייען מיר אויף אַ פרשת־דרכים. עס פרעגט זיך, צי די פאַרשידענע פעלקער־גרופּן זאָלן ממשיך זיין די געגנזייטיקע באַקעמפונג, אָדער זיי זאָלן פרווון געפינען אַ זיכערן באַזיס פאַר שלום און געגנזייטיקער הילף; צי ס'זאָל הערשן צווישן זיי אַ אייביקע קאָנקורענץ, אָדער אַ פרידלעכער צוזאַמענאַרבעטן.

איך גלויב באמונה שלמה, אַז די, וואס זענען באַשאָנקען מיט דער זיטלעכער קראַפט פון ליבע און מיט דעם אידעאַל פון אַ גייסטיקער אחדות צווישן די פעלקער, די, וואָס פילן צום ווייניקסטן שנאה צו פרעמדע נאַציעס, און האָבן גענוג פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל אַריינצוגיין אין יענעמס לאַגע, אָט די, גלויב איך, וועלן זיין די פאַסנדסטע אויף צו פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט אין דער קומענדיקער תקופה; אָבער די, וואָס אַנטוויקלען תמיד זייער איינגעבאָרענע נטיה צו מלחמה און אומטאָלעראַנץ לגבי פרעמדע, וועלן ווערן יורדים און פאַרשטויסן ווערן; ווייל די דאָזיקע פּראָבלעם שטייט פאַר אונז אין איר גאַנצער שאַרפקייט, און מיר מוזן באַהיין אונזער העכערע מענטשלעכקייט איר לייזנדיק אויף אַ זיטלעכן אופן. די ריזיגע אָרגאַניזאַציעס, וואָס דינען אויף צו אָנגרייפן אַנדערע און די אָנגריפן פון אַנדערע אָפּצושלאָגן, אָדער אויף צו מאַכן קאַפּיטאַלן דורך אָפּשטויסן אַנדערע אָן אַ זייט, — אָט די אָרגאַניזאַציעס וועלן אונז נישט בייּשטיין אין דער נויט. אדרבה, אַ דאַנק זייער דערדריקנדיקער משא, זייערע אומגעהייערע קאָסטן און זייער אָפּשטויסנדיקע ווירקונג אויף דער לעבעדיקער מענטשלעכקייט, וועלן זיי שטעלן אין אַ ערנסטער סכנה אונזער פרייהייט און קראַפט אינם קאָמפּליצירטערן לעבן פון אַ העכערער קולטור. בעת די נאַציע האָט זיך נאָך געפונען אין איר ערשטער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע, איז די זיטלעכע קולטור פון ברידערלעכקייט געווען איינגעשלאָסן אין געאָגראַפישע גרעניצן, ווייל צו יענער צייט זענען זיי געווען אמתע גרעניצן. איצט אָבער זענען זיי געזונקען צו דער מדרגה פון טראַדיציאָנעלע ליניעס, וואָס

עקזיסטירן אין דער פאנטאזיע און האָבן פארלאָרן דעם כאראקטער פון ממשותדיקע אָפּצאמונגען. אזוי ארום איז געקומען די צייט, ווען די זיטלעכע נאטור פונם מענטשן מוז זיך רעכענען מיט איר גאנצן ערנסט מיט דער דאָזיקער עובדה, אָדער אומקומען. דער ערשטער פועל־יוצא פון די צושטאנד־שנוים איז געווען דער פּלוצלונגער אויפפלאַקערן פון די נידעריקע מענטשלעכע תאוות פון גייציקייט און ווילדער שנאה. און אויב ס'וועט ווייטער אַזוי גיין, און מלחמה־באוואָפנונגען וועלן אָנוואַקסן ביז צו פאנטאַסטישער זינלאָזיקייט, און מאַשינעס און סקלאַדעס וועלן מיט רויך, שמוץ און העסלעכקייט פאַרפלייצן אונזער שיינע ערד, וועט צו דעם אַלעם נעמען אַ סוף אין אַ זעלבסטמערדערישער וועלט־שרפה. דעריבער מוז דער מענטש אָנשטרענגען די גאנצע קראַפט פון זיין ליבע און די קלאָרקייט פון זיין גייסטיקן בליק, כדי זיך צופּאַסן צו אַ נייער זיטלעכער אָרדנונג, וואָס זאָל כולל זיין די גאַנצע מענטשהייט און נישט קיין איינצלנע נאציעס, וועלכע זענען נאָר אַ חלק פון איר. יעדער יחיד ווערט היינט גערופן צו מכין זיין זיך און זיין סביבה צו דעם מאָרגנשטערן פון דער נייער וועלט־תקופה, אין וועלכער דער מענטש וועט אנטדעקן זיין נשמה אין דער גייסטיקער אחדות פון אַלע מענטשלעכע באשעפענישן.

אויב ס'איז דעם מערב בכלל באַשערט ארויסצוקריכן פון זיין טיפן תהום אויפן גייסטיקן שפּיץ פון דער מענטשהייט, איז עס, גלויב איך, די מיסיע פון אמעריקע צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע האָפענונג פון גאָט און פון די מענטשן. איר זענט דאָס לאַנד פון דערוואַרטונג, וואָס שטרעבט צו דאָס נישט געוועזענע. אייראָפּע האָט אירע גייסטיקע געוווינהייטן און אָנגענומענע פאָרמען. אמעריקע אָבער האָט נאָך דערווייל נישט אונטערגעצויגן דעם סך־הכל אויף קיין שום געביט. איך זע איין, ווי פריי אמעריקע איז פון אַלע טראַדיציעס פון עבר, און כ'ווייס צו שעצן די נטיה צו עקספּערימענטירן אַלס אַ סימן פון איר יוגנט. אמעריקעס גרויסקייט באַזירט מער אויפן עתיד, ווי אויפן עבר; און ווער ס'איז באַשאָנקען מיט דער נביאישער קראַפט פון

פאָרויסזען, מוז ליב קריגן די אַמעריקע פון דער צוקונפט.

אַמעריקע האָט די אויפגאַבע ריינצוואַשן די מערב־קולטור
אין די אויגן פון מזרח. אייראָפּע האָט פאַרלאָרן דעם גלויבן
אין דער מענטשהייט און געוואָרן קרענקלעך און חשדיש. אַמע־
ריקע אָבער איז נישט פּעסימיסטיש און איז נישט אַנטוישט.
אַלס פאָלק ווייסט איר, אַז חוץ דאָס גוטע איז דאָ דאָס בעסערע
און דאָס בעסטע; און דער דאָזיקער וויסן טרייבט אייך פאָרויס
צו אַלץ העכערע הויכן. טראַדיציעס אָבער און רגילותן ווירקן
פאַרקערט. און ס׳זענען דאָ רגילותן, וואָס שטייען אין וועג דער
אַנטוויקלונג נישט נאָר דורך זייער פוילער איינגעזעסנקייט, נאָר
אויך דורך זייער חוצפּהדיקער אַגרעסיווקייט. זיי זענען נישט
בלויז מויערן, נאָר אויך שטעכעדיקע דערנער־צאַמען. דורות־
לאַנג האָט אייראָפּע געבויט אָט די דאָזיקע צאַמען פון גע־
וווינהייטן; זיי זענען אויסגעוואַקסן געדיכט, שטאַרק און הויך,
און איר איינגעשלאָסן. די גאוה מיט אירע טראַדיציעס האָט
געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין איר הארץ. כ׳בין נישט אויסן צו
זאָגן, אַז איר שטאָלץ איז אומבאַרעכטיקט; אָבער יעדע אַרט
גאוה איז גורם צו בלינדקייט. ווי אַלע קינסטלעכע רייץ־מיט־
לען איז איר ערשטע ווירקונג אַ שטייגונג פון לעבנס־געפיל;
אָבער ביי אַ גרעסערער דאָזע פאַרטונקלט זי דעם באַוווסטזיין
און שאַפט אַ מצב פון פאַרשכורטקייט, וואָס פירט אַראָפּ פון
דרך הישר. צוליב איר שטאָלץ איז אייראָפּע בהדרגה פאַרשטיי־
נערט געוואָרן אין אירע אינערלעכע און אויסערלעכע געוווינ־
הייטן. פון דעם, וואָס זי קאָן נישט פאַרגעסן, אַז זי איז דער
קולטיווירטער מערב, באַנוצט זי זיך נאָך מיט אַ ליאַדע געלעגנ־
הייט עס צו דערמאָנען אַנדערע און דערמיט זיי צו דערנידע־
ריקן. דאָס מאַכט איר אומפעיק אי צו געבן דעם מזרח דאָס
בעסטע, וואָס זי פאַרמאָגט, און אי צו אויפנעמען אויף אַ געהע־
ריקן אופן די טיפע חכמה, וואָס דער מזרח האָט זייט יאָרהונ־
דערטן אויפגעזאַמלט.

אין אַמעריקע האָבן די נאַציאָנאַלע געוווינהייטן און
טראַדיציעס נאָך נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרפעסטן אייער

האַרץ מיט זייערע גרייפנדיקע וואָרצלען. איר האָט תמיד געפילט און באַדויערט אייער אויפגעקומענע גבירישקייט, בעת איר פלעגט פאַרגלייכן אייער נאָמאַדישע אומרויקייט מיט די איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס פון אייראָפּע, — פון דער איירא‍ָפּע, וואָס קאָן ווייזן מיט גרויס עפעקט דאָס בילד פון איר גרויסקייט אויפן טיפן הינטערגרונט פון איר עבר. אָבער אין דער איצטיקער איבערגאַנגס-צייט, ווען דער שופר פון אַ נייער קולטור-תקופה רופט אַלע פעלקער פון דער ערד צו אַ אומבאַגרענעצטן עתיד, ווערט דוקא אָט די אומגעפּענטעטקייט אייך געבן די מעגלעכקייט צו גיין נאָכן רוף און דערגרייכן דעם ציל, צו וועלכן איירא‍ָפּע איז געגאַנגען און געבליבן שטיין אויפן מיטן וועג; ווייל די גאוה מיט איר מאַכט און איר תאוה נאָך פאַרמעגן האָבן איר אָראָפּגעפירט פון דרך הישר.

נישט נאָר דאָס, וואָס אייערע יחידים זענען פריי פון געדאַנקען-געוווינהייטן, נאָר אויך דאָס, וואס אייער געשיכטע איז פריי פון אומריינע פאַרפלאָנטערונגען, מאַכט אייך פּעיק צו ווערן די פאָן-טרעגער פון דער צוקונפטיקער קולטור. אַלע גרויסע נאַציעס פון איירא‍פּע האָבן ערגעץ ווו אין דער גרויסער וועלט זייערע קרבנות. אָט דאס טויט אָפּ נישט נאָר זייער נשמה-סימפּאַטיע, נאָר אויך זייער אינטעלעקטועלע סימפּאַטיע, וואָס איז אַזוי נויטיק פאר דער פאַרשטענדעניש פון פרעמדע ראַסן. די ענגלענדער וועלן קיינמאָל נישט באמת פאַרשטיין אינדיע, ווייל זייער גייסט איז נישט פריי בנוגע דערדאָזיקער לאַנד פון עגאָאיסטישע אינטערעסן. פאַרגלייכט מען ענגלאַנד מיט דייטשלאַנד, אָדער פראַנקרייך, ווייזט זיך ארויס, אַז זי פאַרמאָגט די קלענסטע צאָל געלערנטע, וואָס האָבן שטודירט די אינדישע ליטעראַטור און פילאָזאָפיע מיט אַ געוויסער מאָס פון גרינדלעכקייט, אָדער פאַרשטענדעניש. דערדאָזיקער מצב פון גלייכגילטיקייט און פאַראַכטונג איז נאַטירלעך דאָרט, ווו די באַציאונגען זענען נישט נאָרמאַל און זיי באַזירן אויף נאַציאָנאַלן שטאָלץ און עגאָאיזם. אבער אייער געשיכטע איז רייַנער פון עגאָאיסטישע פניות, און דעריבער האָט איר געהאָלפן יאַפּאַן

אין איר שטרעבן צו באַקומען די מערב־ציוויליזאַציע. דעריבער קאָן אויך כינע, אין איר איצטיקן שווער־סכּנהדיקן מצב, לייגן איר גרעסטע האָפענונג אויף אייך. יע, איר טראָגט די גאַנצע אחריות פאַר אַ גרויסער צוקונפט, ווייל איר זענט נישט געפּענטעט אין די קייטן פון אַ קאַרגן, נישט פאַרגינענדיקן עבר. דעריבער מוז אמעריקע, מער פאַר אַלע פעלקער פון דער ערד, אין זינען האָבן די דאָזיקע צוקונפט; זי טאָרף נישט לאָזן פאַרטונקלען איר בליק, און איר גלויבן אין דער מענטשהייט מוז בלייבן יוגנטלעך שטאַרק.

צווישן אמעריקע און אינדיע איז דאָ אַ גרויסע ענלעכקייט: ביידע מוזן זיי פאַרשידענע ראַסן צונויפשמעלצן צו אַ איינהייט.

אין מיין לאַנד האָבן מיר פּרובירט צו געפינען עפּעס אַזוינס, וואָס איז גלייכצייטיק אַ אייגנשאַפט פון אַלע ראַסן, און עס מאַכן פאַרן יסוד פון זייער ממשותדיקער אחדות. יעדער נאַציע, וואָס פּרובירט צו גרינדן די דאָזיקע איינהייט אויף אַ בלויז פּאָליטישן אָדער ווירטשאַפטלעכן באַזיס, וועט איינגיכן איינזען, אַז אַזאַ באַזיס גענוגט נישט.

דענקענדיקע און השפּעהדיקע מענער וועלן אַנטפּלעקן די גייסטיקע איינהייט, איר פאַרווירקלעכן אין זייער גייסט און איר פּרעדיקן פאַר זייערע פעלקער.

אינדיע האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אמתע פאַרשטענדעניש פאַר נאַציאָנאַליזם. הגם מ'האָט מיר געלערנט פון קינדווייז אויף, אַז די עבודה־זרה פון דער נאַציע איז כמעט בעסער ווי ליבע צו גאָט און דער מענטשהייט, פונדעסטוועגן גלויב איך, אַז כ'האָב אַריבערגעוואַקסן די דאָזיקע לערע; און כ'בין איבערצייגט, אַז מיינע לאַנדסלייט וועלן באמת געווינען זייער אינדיע נאָר דורך באַקעמפן די דערציאונג, וואָס לערנט זיי, אַז אַ לאַנד שטייט העכער פאַר די אידעאַלן פון דער מענטשהייט.

דער מאָדערנער, אינטעליגענטער אינדער הויבט אָן אַרויסצולערנען פון דער געשיכטע לערעס, וואָס זענען סותר די לערעס פון אונזערע אבות. דער מזרח האָט אפילו בדעה זיך צו באַשייכקען מיט אַ געשיכטע, וואָס איז גאָר נישט דער

פּועל־יוצא פון זיין אייגענעם לעבן. יאפּאן, למשל, גלויבט, אז זי װערט מעכטיק דורך איבערנעמען אייראָפּעישע מעטאָדעס; אָבער נאָכן פארשוױנדן איר אייגענע ירושה װעט זי בלייבן ביי די געבאָרגטע געװער פון דער אויסערלעכער ציוויליזאציע; װייל זי האָט זיך נישט אנטוויקלט לויט אירע אייגענע אינער־לעכע געזעצן. אייראָפּע פארמאָגט איר עבר, דעריבער איז אייראָפּעס כח אין איר געשיכטע. מיר, אינדיער, מוזן איינזען, אז מיר קענען נישט באָרגן די געשיכטע פון א פרעמדן פאָלק, און אז דערשטיקנדיק אונזער אייגענע, — באגייען מיר א זעלבסט־מאָרד. װער ס'ציט ארויף אויף זיין לעבן פרעמדע מלבושים, דערדריקט אים אונטער זייער שװערער, טויטער משא. און דעריבער גלויב איך, אז סאיז נישט קיין טובה פאר אינ־דיע צו קאָנקורירן מיט דער מערב־ציוויליזאציע אויף איר אייגענעם באָדן. אויב אָבער מיר װעלן ממשיך זיין צו גיין מיטן װעג פון אונזער גורל, נישט קוקנדיק אויף די באליידי־קונגען, װאָס שיטן זיך אויף אונז פון אלע זייטן, װעט דער שכר, װאָס דערוואַרט אונז, נישט זיין צום אָפּשאצן. פאראן לערעס, װאָס גיבן אונז ידיעות און מאכן אונז פעיק צו גייסטיקע ארבעט. זיי זענען פּשוט, און מ'קען זיי לייכט תופס זיין און אויסנוצן פאר דער אייגענער טובה. פאראן אָבער אזעלכע לערעס, װאָס בארירן אונז טיפער און זענען משנה אונזער גאנצן לעבנס־שטייגער. איידער מיר נעמען זיי אָן, און באצאָלן פאר זיי מיט אונזער אייגענער ירושה, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן און זיך ערנסט פארטראכטן. ס'טרעפן זיך אין דער מענטשלא־כער געשיכטע תקופות פון פייערװערק־געשעענישן, װאָס בלענדן אונז מיט זייער קראפט און בליץ־שנעלער באוועגונג. זיי חוזקן נישט נאָר פון אונזערע צניעותדיקע, היימישע לאָמפּן, נאָר אויך פון די אייביקע שטערן. זאָל אָבער זייער חוצפּה נישט ארויסרופן ביי אונז דעם װונטש צו פארװארפן אונזערע לאמפּן. לאָמיר געדולדיק פארטראָגן די זלזולים, און װיסן, אז די דאָ־זיקע פייער־װערק גלאנצן טאקע העל, זיי האָבן אָבער נישט קיין דויערנדיקע ממשות, װייל זייער גרויסע אויפרייס־קראפט,

וואָס איז די סיבה פון זייער שטאַרקייט, איז גלייכצייטיק די סיבה פון זייער גיכן אויסלעשן זיך. זיי פאַרשווענדן אַ מוראדיק גרויסן קוואַנטום פון ענערגיע און סובסטאַנץ אין פאַרגלייך מיט זייער שאַפן און נוצן.

יעדנפאַלס האָבן זיך אונזערע אידעאַלן אַנטוויקלט דורך אונזער אייגענער געשיכטע, און ביי אונזער גאַנצן ווילן וועט פון זיי אַרויסקומען בלויז אַ קלאָגעדיק פייערווערק, ווען מיר װעלן חשק האָבן אייך נאָכצוטאָן, ווייל זייער שטאָף אונטער־שיידט זיך פון אייערן, און אויך זייער זיטלעכער ציל איז אַן אַנדערער. אויב מיר האָבן אַ פאַרלאַנג צו פאַרבייטן אונזער גאַנצע גוטס אויפן פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם, איז עס דערזעלבער אומזין ווי ווען שווייצאַריע וואָלט זיך מוסר נפש געווען פאַר איר קאַפּריז צו בויען אַ פלאָט, וואָס זאָל זיך קענען גלייכן מיטן ענגלישן. אונזער טעות באַשטייט אין אונזער גלויבן, אַז דער וועג צו מענטשלעכער גרויסקייט איז נאָר איינער, — דער וועג, וואָס ציט זיך צום באַדויערן איבערן גאַנצן מערב און אויף וועלכן דער טאָן געבער איז די חוצפה.

מיר מוזן זיין איבערצייגט, אַז מיר געפינען זיך פאַר אַ צוקונפט, און די דאָזיקע צוקונפט וועט געהערן צו די, וואָס זענען רייך מיט זיטלעכע אידעאַלן און נישט בלויז מיט חפצים. און ס'איז די פּריווילעגיע פונם מענטשן צו אַרבעטן פאַר פרוכט, וואָס ער וועט תיכף ומיד נישט קענען אָפּרייסן, און זיין לעבן דאַרף זיך צופּאַסן נישט צו מאָמענט־ערפאָלגן פון הוה און נישט צו אַ פאַרזיכטיקן עבר, וואָס איז באַגרענעצט אין זיינע צילן, נאָר צו אַ אין־סופיקן עתיד, וואָס טראָגט אין זיך די אידעאַלן פון אונזערע העכסטע האָפנונגען.

מיר מוזן איינזען, אַז די געטלעכע השגחה גופא האָט גע־פירט דעם מערב צו אינדיע. און דאָך מוז אימיצער קומען, וואָס זאָל פאַרשטענדלעך מאַכן דעם מזרח פאַרן מערב, און אים אויפ־ווייזן, אַז דער מזרח האָט אַריינצוטראָגן זיין חלק אין דער גע־שיכטע פון דער קולטור. אינדיע קומט נישט צום מערב אלס בעטלער, און אויב, אפילו, דער מערב גלויבט עס יע, עצה איך

פונדעסטוועגן נישט אָפּצושטויסן די מערב־ציוויליזאַציע און זיך אָפּצוזונדערן אין שטאָלצער זעלבשטענדיקייט. אדרבה, לאָמיר זיך מיט אים אינערלעך טיף פאַרבינדן. און אויב די השגחה האָט אויסגעקליבן ענגלאַנד צו זיין דער שליח פון דער דאָזיקער אינערלעכער פאַרבינדונג, בין איך גרייט עס אָנצונעמען מיט דער גרעסטער הכנעה. כ'האָב אַ גרויסן גלויבן אין דער מענטשלעכער נאַטור און דעריבער האָף איך, אַז דער מערב וועט סוף־כל־סוף דערקענען זיין אמתע מיסיע. איך רעד מיט פאַרביטערונג העגן דער מערב־ציוויליזאַציע, ווייל איך זע, אַז זי איז בוגד אין איר שליחות און אַז זי גראָבט זיך אונטער איר אייגענעם ציל. דער מערב דאַרף זיך היטן נישט צו ווערן אַ קללה פאַר דער גאַנצער וועלט דורך באַנוצן זיין מאַכט נאָר לטובת זייגע אייגענע עגאָאיסטישע צוועקן; אדרבה, דורך לערנען די אומוויסנדע און דורך העלפן די שוואַכע דאַרף ער זיך אָפּהיטן פון דער ערגסטער סכנה, וואָס שטייט פאַר דעם שטאַרקן, בעת דער שוואַכער קלייבט אָן געניג כחות אויף צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד זיינע פאַרכאַפּונגען. אויך דאַרף ער נישט פריידיקן אַלס דאָס העכסטע און לעצטע דעם מאַטעריאַליזם, נאָר, אדרבה, איינזען, אַז ער טוט דער מענטשהייט אַ גרויסע טובה באַפרייענדיק דעם גייסט פון דער מאַטעריעס טיראַנישקייט.

איך טרעט נישט אַרויס קעגן אַ באַשטימטע נאַציע, נאָר קעגן דער אידעע פון דער נאַציע בכלל. וואָס זשע איז אַזוינס אַ נאַציע?

ס'איז די אַרויסטרעטונג פון אַ גאַנצן פאָלק אַלס אָרגאַניזירטער כח. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז תמיד אָפּגעלייגט אויף דעם, אַז די באַפעלקערונג זאָל ווערן שטאַרק און אַרבעטספעיק. אָבער די דאָזיקע רולאָזע יאָגעניש נאָך שטאַרקייט און אַרבעטס־פעיקייט נעמט צו די קראַפט ביי דער העכערער נאַטור פונם מענטשן, וואָס מאַכט אים שעפעריש און מסירת־נפשדיק. זיין קראַפט זיך צו מקריב זיין ווערט אָפּגעשטויסן פון איר אמתן, לעבעדיקן, זיכלעכן ציל לטובת אַ מעכאַנישן און טויטן, — דעם קיום פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.

פונדעסטוועגן פילט ער, דערגרייכנדיק דעם דאָזיקן ציל, דעם פולן נחת־רוח פון זיטלעכן עקסטאַז און ווערט דעריבער סכנהדיק פאַר דער מענטשהייט אויף דער העכסטער מדרגה. זיין געוויסן פילט זיך באַרויקט, קענענדיק אַרויפוואַרפן זיין אחריות אויף דער דאָזיקער מאַשין, וואָס איז אַ יצירה פון זיין אינטע־לעקט, אָבער נישט פון זיין גאַנצער זיטלעכער פערזענלעכקייט. דאָס מאַכט מעגלעך, אַז דאָס פאָלק, וואָס ליבט די פרייהייט, זאָל אויפהאַלטן די קנעכטשאַפט אין אַ גרויסן טייל פון דער וועלט מיטן אָנגענעמען געפיל פון שטאָלץ, אַז ער דערפילט זיין חוב; מענטשן, בטבע יושרדיקע, קענען אין זייערע מעשים און מחשבות זיין אכזריותדיק־אומגערעכט, האָבנדיק בעת־מעשה דעם געפיל, אַז זיי העלפן צו באַצאָלן דער וועלט לויט איר פאַרדינסט; מענטשן, בכלל ערלעכע, קענען, נישט וויסנדיק וואָס זיי טוען, אָוועקרויבן ביי אַנדערע זייער מענטשלעכע רעכט אויף העכערער אַנטוויקלונג, און בעת מעשה זידלען די באַ־רויבטע, אַז זיי פאַרדינען נישט קיין בעסערע באַהאַנדלונג. מיר באַמערקן אין אונזער טאָג־טעגלעכן לעבן, ווי קליינע געשעפטס־און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פאַרוואַנדלען בטבע גוטע מענטשן אין שטיינערנע הערצער, און מיר קענען זיך שוין פאָרשטעלן וואָסער חורבן ס'קומט פאָר אין דער זיטלעכער וועלט, בעת גאַנצע פעלקער אָרגאַניזירן זיך אין אַ מעכאַנישער פאָרעם צו געווינען מאַכט און עשירות. נאַציאָנאַליזם איז אַ זייער גרויסע סכנה. שוין (?), כמה יאָרן איז ער די סבה פון אינדיעס אַלע לײַדן. און היות מיר ווערן באַהערשט און פאַרוואַלטעט דורך אַ נאַציע, וואָס איז לחלוטין פּאָליטיש אין איר באַנעמונג, האָבן מיר, נישט קוקנדיק אויף דער ירושה פון אונזער עבר, פּרובירט צו אַנטוויקלען ביי זיך גופא דעם גלויבן, אַז אויך מיר האָבן אַ פּאָליטישע אויפגאַבע.

פאַראַן אין אינדיע פאַרשידענע פּאַרטייען מיט פאַרשידענע אידעאַלן. עטלעכע פון זיי קעמפן פאַר פּאָליטישער זעלבשטענ־דיקייט. אַנדערע מיינען, אַז מ'דאַרף נישט דוחק זיין דעם קץ, און זיי ווילן בלויז, אַז אינדיע זאָל באַקומען די רעכט פון די ענגלישע

קאָלאָניעס. זיי ווילן באַקומען לויט די מעגלעכקייטן אַ וואָס ברייטערע אויטאָנאָמיע. בעת אין אינדיע האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָליטישע באַוועגונג, איז נישט פאָרגעקומען קיין פּאַרטיי-קאַמף ווי איצטער. דעמאָלט איז נאָר בעווען איין פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אָנגערופן — דער אינדישער קאָנגרעס. קיין אמתע פּראָגראַם האָט זי נישט געהאַט; זי האָט בלויז אָנגעוויזן אויף אייניקע אומגערעכטיקייטן און געפאָדערט פון דער מאַכט זי זאָל זיי באַזייטיקן. זי האָט געפאָדערט אַ גרעסערע פאַרטרעטערשאַפט אינם רעגירונגס-ראַט און מער פרייהייט אין דער געמיינדע-פאַרוואַלטונג. זי האָט פאַרלאַנגט בלויז קלייניקייטן און איר האָט געפעלט אַ שעפּפע-רישער אידעאַל. דעריבער האָט מיר איר טעטיקייט נישט באַגייס-טערט. כ'בין געווען איבערצייגט, אַז ראשית-כל נויטיקט זיך אינדיע אין שעפּפערישע, פון איר אייגענעם גייסט געבאָרענע אַרבעט. און ביי דערדאָזיקער אַרבעט מוזן מיר רעכט מאַכן מיט אַלע סכנות, און אפילו צווישן די ציין פון פאַרפאָלגער נישט אויפהערן צו דערפילן דעם חוב, וואָס דער גורל האָט אויף אונז אַרויפגע-לייגט; און אַזוי אַרום דורך ליידן און מפּלות צו געווינען מאָראַלישע נצחונות אויף יעדן שריט. מיר מוזן ווייזן אונזערע מושלים, אַז מיר פאַרמאָגן די זיטלעכע קראַפט צו ליידן פאַרן אמת; ווייל אויב מיר גופא האָבן גאָרנישט, וואָס צו ווייזן, בלייבט אונז נאָר צו בעטלען. און ס'וועט זיין פאַר אונז די גרעסטע רעה, ווען מען וועט אונז תיכף-ומיד שענקען די מתנות, וואָס מיר פאַר-לאַנגען. און כ'האָב תמיד איינגע'טענה'ט מיט מיינע לאַנדסלייט זיי זאָלן זיך פאַרייניקן נישט כדי צו בעטלען, נאָר כדי צו שאַפן מעגלעכקייטן פאַר אונזער מסירת-נפשדיקן בייטס, ער זאָל זיך קענען אַנטפּלעקן אין מעשים. דער אינדישער קאָנגרעס האָט איינגיכן פאַרלאָרן זיין השפּעה, ווייל דאָס פאָלק האָט איינגעזען, אַז ניט נוצלאָז כ'איז די האַלבקייט פון זיינע פּאָליטישע שטרעבונגען. עס איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי און ס'האָט זיך אויסגעבילדעט די ראַדיקאַלע גרופּע, וואָס האָט זיך אָנטזאַגט פון דער ביז-איצטיקער שתדלנות-מעטאָדע, — די לייכטסטע מעטאָדע זיך אַרויסצודרייען פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אייגענעם

לאַנד, — און געפּאָדערט אַבסאָלוטע פרייהייט אין אירע מעשים. אירע אידעאַלן האָבן באַזירט אויף דער געשיכטע פון מערב. איר האָט געפעלט פאַרשטענדעניש פאַר די אייגנאַרטיקע פּראָבּלעמען פון אינדיע. זי האָט נישט אָנערקענט דעם באַשיינפּערלעך קלאָרן פאַקט, אַז אונזער געזעלשאַפטלעכער סדר מאַכט אונז אומפעיק צו גלייכן זיך מיט אַנדערע פעלקער. וואָרום וואָס וועלן מיר טאָן, ווען ענגלאַנד וועט שוין ווי נישט איז אַרויסגעטריבן ווערן פון אינדיע? מיר וועלן פּשוט פאַלן אַ קרבן פאַר אַנדערע נאַציעס. די זעלבע סאָציאַלע מכות וועלן אויך אויף להבא בלייבן. צו וואָס מיר דאַרפן יאָ אין אינדיע שטרעבן איז אָט וואָס: מיר מוזן מאַכן אַ סוף צו די סאָציאַלע מנהגים און אידעאַ׳ן, וואָס האָבן אונז פאַרמאַוסט אין די אייגענע אויגן, און אונז לחלוטין איבערגעגעבן אין רשות פון אונזערע מושלים; מיר דאַרפן אויסראַמען די פּועל־יוצאס פון דער קאַסטעס־סיסטעם און פון דער בלינדער און פוילער געוווינהייט זיך סומך צו זיין אויפן אויטאָריטעט פון טראַדיציעס, וואָס זענען ביי היינטיקן טאָג נישט מער ווי אַ סתּירה צום שׂכל־הישר. איך מאַך אייך נאָך אַמאָל אויפמערקזאַם אויף די שוועריקייטן, אויף וועלכע אינדיע האָט זיך אָנגעשטויסן און אויף איר קאַמף זיי צו בייקומען. איר פּראָבּלעם איז געווען די וועלט־פּראָבּלעם בזעיר אַנפּין. אינדיע פאַרנעמט אַ צו גרויסן שטח און נעמט אַריין אין זיך שוין צו פאַרשידענע ראַסן. אינדיע איז אַ געאָגראַפישער רעזערוואַר, ווו ס׳זענען צונויפגעפּרעסט אַ סך לענדער. זי איז ריכטיק דער היפּוך פון אייראָפּע, וואָס איז באמת איין לאַנד אַ צוטיילטע אויף אַ סך לענדער. אַזוי אַרום האָט אייראָפּע געפונען אין איר וואַקסן און אין איר קולטור־אַנטוויקלונג פון דאָפּלטן יתרון: פון דער קראַפט פון רבוי און פון דער קראַפט פון אַחדות. אינדיע אָבער, וואָס איז בטבע אַ רבוי און נאָר על־פּי צופאַל אַ אחדות, האָט תּמיד געליטן פון דער לויזער צונויפגעבונדנקייט פון דאָס פאַרשידנאַרטיקע און פון זייער שוואַכער פאַ ייניקונג. די אמתע אחדות איז ווי אַ קויק, וואָס באַוועגט זיך אַליין און טראָגט מיט לייכטקייט זיין משא; דער

רבוי אָבער איז ווי אַ זאַך מיט אַ גוזמא קאַנטן און עקן, וואָס מוז מיט אַלע כּוחות געצויגן און געשטופּט ווערן פאָראויס. עס מוז צו אינדיעס פאַרענטפערונג באַמערקט ווערן, אַז נישט זי איז שולדיק אין איר רבוי; זי האָט איר פון סאַמע אָנהויב פון איר געשיכטע געמוזט אָנערקענען אַלס אַ פאַקט. אין אַמעריקע און אין אויסטראַליע האָט אייראָפּע זיך פאַרלייכטערט די זעלבע פּראָבלעם דורך אויסראָטן כּמעט לגמרי די אור-באַפעלקערונג. און ביז אויף היינטיקן טאָג באַמערקט זיך דער דאָזיקער אויסראָטונגס-גייסט ביי די אייראָפּעער, בעת זיי פאַרטרייבן אומגאַסטפריינטלעך פרעמדע, — זיי, וואָס זענען אַליין געקומען אַלס פרעמדע אין די לענדער, וועלכע זיי באַהערשן איצט. אינדיע אָבער האָט פון תּמיד אָן זיך באַצויגן טאָלעראַנט צו דער פאַרשידנקייט פון די ראַסן, און דער דאָזיקער טאָלעראַנטער גייסט האָט געווירקט אין משך פון איר גאַנצער געשיכטע. אויך איר קאַסטעס-סיסטעם איז אַ פּועל-יוצא פון דעם דאָזיקן טאָלעראַנץ-גייסט. וואָרום אינדיע האָט פון תּמיד אָן פּרובירט צו אַנטוויקלען אַ סאָציאַלע איינהייט, אין וועלכע אירע פאַרשידענע פעלקער זאָלן זיין פאַרבונדן צווישן זיך, נישט זייענדיק דערביי געצוווּנגען צו מבטל מאַכן זייערע ממשותדיקע אונטערשידן. די פאַרבינדונג איז געווען ווי ווייט מעגלעך לייז, און דאָך אויף אַזוי פיל פעסט, ווי די באַדינגונגען האָבן נאָר דערלויבט. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען עפּעס ענלעכעס צו אַ סאָציאַלן בונד פון פאַראייניקטע שטאַטן, וועמענס געמיינזאַמער נאָמען ס'איז הינדואיזם. אינדיע האָט געפילט, אַז ראַסן-אונטערשידן מוזן און דאַרפן זיין, מיט וואָסערע חסרונות עס זאָל אויך נישט זיין פאַרבונדן, און אַז מ'קאָן נישט אַריינצווינגען די נאַטור אין די ענגע גרעניצן פון אונזער באַקוועמלעכקייט, נישט באַצאָלנדיק סוף-כּל-סוף צו טייער דערפאַר. און אויף אַזוי פיל איז טאַקע אינדיע געווען גערעכט; זי האָט אָבער פאַרגעסן, אַז די אונטערשידן צווישן מענטשלעכע באַשעפענישן זענען נישט גלייך צו באַרג-גרעניצן, וואָס בלייבן תּמיד די זעלבע; אַז פליסנדיק מיטן לעבנס שטראָם בייטן זיי די ריכטונג, די פאָרם און

די גרויס.

אינדיע האָט דעריבער דורך איר קאסטעס־איינטיילונג אָנערקענט די אונטערשידן, אָבער נישט די ענדערבאַרקייט, וואָס איז דער געזעץ פון לעבן. פרוּווּנדיק צו פאַרמיידן צוזאַמענשטויסן האָט זי אויפגעשטעלט אומבאַוועגלעכע גרעניץ־ווענט, און אויף אַזאַ אופן געשענקט אירע אומבאַליקע ראַסן די נעגאַטיווע טובה פון סדר און רו, אָבער נישט די פּאָזיטיווע מעגלעכקייט פון אַנטוויקלונג און פרייער באַוועגונג. אָנערקענענדיק די פאַרשידנקייטן, וואָס די נאַטור האָט געשאַפן, האָט זי אָבער געשטערט דער זעלבער נאַטור צו משנה זיין און צו קאָמבינירן די אונטערשידן אין איר אייביקן שפּיל פון שעפעריש־טעטיקייט. באַשיצנדיק די בונטקייט פון לעבן האָט זי באַגאַנגען אַ חטא קעגן זיין אייביקער באַוועגונג. דעריבער האָט דער לעבן פאַרלאָזן אינדיעס געזעלשאַפטס־אָרדנונג און אָנשטאָט צו איר, דינט זי צו דער פראַכטפולער שטייגל מיט אַ סך אָבטיילונגען, האָט זי גופא האָט אויסגעבוים.

דאָס זעלבע האָט זיך אויסגעלאָזן מיט אינדיעס פרוּוו צו פאַרמיידן צוזאַמענשטויסן צווישן די פאַרשידענע ווירטשאַפטס־אינטערעסן. זי האָט פאַרבונדן געוויסע באַשעפטיקונגען און מלאכות מיט באַשטימטע קאַסטעס. דורכדעם האָט זיך איר איינגעגעבן צו באַזייטיקן די כּופלאָזע קנאה און שנאה פון דער קאָנקורענץ, — די קאָנקורענץ, וואָס פאַרסמט די גאַנצע אַטמאָספער מיט שקר און רמאות און איז די סבה פון אַזוי פיל אכזריות. אָבער אויך דאָ האָט אינדיע געלייגט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויפן געזעץ פון פאַרערבונג לחלוטין פאַרזעענדיק דעם געזעץ פון ענוי, און אַזוי אַרום האָט זי בהדרגה אַראָפּגעדריקט די קונסט צו דער מדרגה פון אַ מלאכה, און די שעפערישע קראַפט צו דער מדרגה פון געשיקטקייט.

אָבער דער מערב־באַטראַכטער באַמערקט לחלוטין נישט, אַז שאַפנדיק איר קאַסטעס־סיסטעם, איז אינדיע צוגעטראָטן מיטן גאַנצן ערנסט און מיטן פולן אחריות־באַוווּסטזיין צו לייזן די ראַסן־פּראָבלעם אויף אַ אופן, וואָס זאָל אָפּשאַפן אַלע רייבונגען

און דערבײַ פאַרזיכערן יעדער ראַסע די פרייהייט אין אירע אייגענע גרענעצן. מיר זענען מודה, אַז איר פּרווו האָט זיך נישט אײַנגעגעבן אין דער פולער מאָס. אָבער אויך איר מוזט מודה זײַן, אַז דער מערב, וואָס איז אין אַ סך אַ בעסערער לאַגע בנוגע דער אײַנהייטלעכקייט פון די ראַסן, האָט קיינמאָל נישט געווענדט זײַן אויפמערקזאַמקייט אויף דער ראַסן-פּראָבלעם, און בעת ער איז שוין יאָ אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר איר פּנים-אל-פּנים, האָט ער געפונען אַ לײַכטן אויסוועג: פאַרמאַכן אויף איר די אויגן. און אין דער דאָזיקער מעטאָדע אײַערער איז אויך צו זוכן די סבה פון דער אַנטי-אַזיאַטישער אַגיטאַציע, וואָס וויל באַרויבן פון די פרעמדע זייער רעכט צו פאַרדינען זייער ערלעך אויסקומען אויף די ברעגעס פון דער דאָזיקער לאַנד. אין גרעסטן טייל פון אײַערע קאָלאָניעס לאָזט איר זיי אַרײַן נאָר מיטן תּנאי, זיי זאָלן דערפילן די שוואַרצע אַרבעט פון האָלצהאַקערס און וואַסערטרעגערס; אָדער איר פאַרשליסט לגמרי פאַר פרעמדע אײַערע טירן, אָדער איר מאַכט זיי פאַר אײַערע קנעכט. — אָט דאָס איז אײַער שטייגער צו לייזן די פּראָבלעם פון דעם ראַסן-קאַמף. און וואָסערע מעלות דער דאָזיקער שטייגער זאָל נישט אויפווײַזן, וועט איר דאָך מוזן מודה זײַן, אַז ער איז נישט קיין פּועל-יוצא פון העכערע זיטלעכע כּוונות, נאָר פון די נידעריקע תּאוות פון גײַציקייט און שׂנאה. איר טענהט, אַז אַזוי איז די מענטשלעכע טבע. אָבער אויך אינדיע האָט דאָך געגלויבט, אַז זי קאָן די מענטשלעכע טבע, בעת זי האָט צעשיידט אירע פאַרשידענע ראַסן דורך אומבאַוועגלעך-פעסטע סאָציאַלע גרענעצן. מיר האָבן אָבער טײַער באַצאָלט פאַר דער דערקענטניש, אַז די מענטשלעכע טבע איז נישט דאָס, וואָס זי דאַכט זיך, נאָר איר אמת געפינט זיך אין אירע אומענדלעכע מעגלעכקייטן. און בעת מיר באַליידיקן די מענטשהייט, אין אונזער בלינדקייט, צוליב איר שמאַטיקער הלבשה, וואַרפט זי איר פלוצלונג אַראָפּ פון זיך און מיר זעען, אַז מיר האָבן באַליידיקט אונזער אייגענעם גאָט. בעת מיר דערנידעריקן אַנדערע לשם אונזער גאווה אָדער אונזער עגאָאיזם, פאַלט די

דערנידעריג אויף אונזער אייגענער מענטשלעכקייט, און דאָס איז די מוראדיקסטע שטראָף, ווייל מיר שפירן עס דעמאָלט, ווען ס'איז שוין צו שפעט.

ניט נאָר אין אייער באַציאונג צו פרעמדע פעלקער, נאָר אויך אין דער באַציאונג פון אייערע פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן צווישנאַנאַנדער האָט איר ניט דערגרייכט קיין האַרמאָנישן שלום. דעם גייסט פון קאַמף און קאָנקורענץ לאָזט איר איבער די פולסטע באַוועגונגס-פרייהייט, און היות ער איז אַ קינד פון געלט און מאַכט-תאווה, וועט ער מוזן אומקומען דורך אַ מיתה-משונה. אין אינדיע איז די פּראָדוקציע געשטעלט געוואָרן אונטערן געזעץ פון סאָציאַלן סדר. איר יסוד איז געווען דער צוזאַמענאַרבעטן, און איר ציל די פולשטענדיקע באַפרידיקונג פון די סאָציאַלע הצטרכותן. אין מערב איז איר טרייב-פעדער — די קאָנקורענץ, און איר ציל — דער נתעשר ווערן פון יחידים. דער יחיד אָבער איז גלייך צו אַ געאָמעטרישער ליניע, וואָס ציט זיך נאָר אין דער לענג. זי האָט ניט קיין ברייט און קיין טיף, און קאָן קיין שום זאַך ניט אַרומנעמען און האַלטן עס. תמיד לויפט זי ווייטער, אַ זוכנדיקע און אַ אומבאַפרידיקטע. זי קאָן, בעת איר אין-סוף-יגער פאַרלענגערונג, זיך קרייצן מיט אַנדערע ליניעס און אַרויסרופן פאַרפלאָנטערונגען; זי וועט אָבער תמיד בלייבן דין און איזאָלירט און וועט ניט דערגרייכן צום אידעאַל פון שלימות.

אין אַלע אונזערע פיזישע גלוסטונגען ווייסן מיר פון אַ גרעניץ. מיר ווייסן, אַז איבערטרעטן דעמדאָזיקן גרעניץ הייסט צושטערן אונזער געזונט. האָט ניט אָבער אויך די דאָזיקע תאווה צו מאַכט און עשירות אַ גרעניץ, הינטער וועלכן ס'הויבט זיך אָן די ממשלה פון טויט? פאַרשווענדן דען ניט די מערב-פעלקער, ביי די דאָזיקע נאַציאָנאַלע קאַניבאַלן פון מאַטעריאַליזם, דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבנס-קראַפט, זייענדיק טויטע זאַכן אַנשטאָט לעבעדיקע אידעאַלן? און קאָן דען אַ אמתע קולטור לחלוטין איגנאָרירן דעם געזעץ פון זיטלעכער געזונטקייט, און ממשיך זיין דעם אין-סוף-יגן פּראָצעס פון

געשוואָלן ווערן דורכן זולל־וסובא־דיקן איינשלינגען מאַטעריעלע זאַכן; אין סאָציאַלן לעבן זעט דער מענטש צו צוימען זיינע תאוות און זיי אונטערטעניקן צו די צילן פון זיין העכערער טבע. אָבער אין ווירטשאַפטלעכן לעבן אָנערקענען אונזערע תאוות נאָר די גרעניצן פון אָנבאָטן און נאָכפרעגן, וואָס קענען אויף אַ קינסטלעכן אופן אויפגעשרויפט ווערן און געבן דעם יחיד אַ מעגלעכקייט צום אויסגעלאַסענעם אויסלעבן פון זיינע אומבאַגרעניצטע תאוות. אין אינדיע האָבן אונזערע סאָציאַלע אידעאַלן אַרויפגעלייגט אַ צוים אויף אונזערע תאוות, — און, אפשר, זיי לגמרי אונטערדריקט, — אָבער אין מערב ווערן די מענטשן געטריבן צום געיעג נאָך עשירות דורכן גייסט פון דער ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס ווייס נישט פון קיין זיטלעכן ציל; איז טאַקע נישטאָ קיין רעסטינג־גרעניץ?

די אידעאַלן, וואָס שטרעבן צו פאַרווירקלעכן זיך אין די סאָציאַלע איינריכטונגען, האָבן אַ דאָפּלטן ציל. ראשית־כל דאַרפן זיי צוימען אונזערע תאוות און גלוסטונגען, לטובת דער האַרמאָנישער אַנטוויקלונג פונעם מענטשן, והשנית באַדאַרפן זיי אונז העלפן צו אַרבעטן פאַר אונזערע מיטמענטשן מיט אָנפּניות־דיקער ליבע. דעריבער איז די געזעלשאַפט דער אויסדרוק פון יענעם זיטלעכן, גייסטיקן שטרעבן, וואָס געהערט צו דער העכערער נאַטור פונעם מענטשן.

אונזער נאַטור איז שעפעריש, ווייל זי בויט אויף אונזער גוף, אָבער נישט דער וויין, וואָס רייצט אויף. אונזערע סאָציאַלע אידעאַלן שאַפן די מענטשלעכע וועלט, אָבער בעת אונזער גייסט קערט זיך אָפּ פון זיי און גיט זיך איבער דער תאוה פון מאַכט, לעבן מיר אין אַ מצב פון שכרות און, במילא, אין אַ אוננאָרמאַלער וועלט, ווו אונזער קראַפט איז נישט געזונטקייט און אונזער פרייהייט נישט מער ווי הפקרות. דעריבער קען אונז די פּאָליטישע פרייהייט נישט געבן קיין אמתע פרייהייט, כל־זמן אונזער גייסט איז נישט פריי; אַ אויטאָמאָביל קען מיר נישט געבן די פרייהייט פון באַוועגונג, ווייל ער איז בלויז אַ מאַשין:

מיר טאָרן ביי היינטיקס טאָג נישט פאַרגעסן, אַז די

פעלקער, וואָס האָבן באַקומען פּאָליטישע פרייהייט, זענען נאָך דורך דעם נישט פריי געוואָרן; זיי זענען נאָר מעכטיק. זייערע תאוות, וואָס קענען זיך אומגעשטערט אויסלעבן, שאַפן ריזיקע אָרגאַניזאַציעס פון קנעכטשאַפט, וואָס גיט זיך אַרויס פאַר פרייהייט. די יעניקע, וואָס זייער העכסטער ציל איז נתעשר ווערן, פאַרקויפן זייער לעבן און נשמה צו רייכע יחידים, אָ־ער צו געזעלשאַפטן, וואָס רעפרעזענטירן דעם עגל־הזהב. די יעניקע, וואָס זענען פאַרליבט אין זייער פּאָליטישער מאַכט, און זייער תענוג באַשטייט אינם פאַרשפרייטן איר איבער פרעמדע ראַסן, גיבן איבער בהדרגה זייער פרייהייט און מענטשלעכקייט אין רשות פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען נויטיק, כדי צו פאַר־שקלאַפן פרעמדע פעלקער. אין די אַזוי גערופענע פרייע לענדער איז די פאָלקס־מערהייט נישט פריי; זי ווערט דורכן מעגט געטריבן צו צילן, וואָס זענען איר לחלוטין אומבאַקאַנט. דאָס איז נאָר מעגלעך דערפאַר, ווייל די מענטשן אנערקענען נישט די זיטלעכע און גייסטיקע פרייהייט אלס זייער ציל. זייערע תאוות שאַפן ריזיקע וואַסער־שטרודלס, און פאַרשכורט און גע־פלעווט פון דער שנעלקייט פון זייער ווירבל־באַוועגונג, האַלטן זיי עס פאַר פרייהייט. אָבער דער גורל, וואָס דערוואַרט זיי, איז זיכער ווי דער טויט, — ווייל דעם מענטשנס אמת איז דער זיטלעכער אמת, און זיין אמתע באַפרייאונג ליגט אין גייסטיקן לעבן.

דער רוב פון אינדיעס היינטיקע נאַציאָנאַליסטן האַלטן זיך ביי דער מיינונג, אַז די העכסטע אַנטוויקלונגס־מדריגה פון אונזערע סאָציאַלע און גייסטיקע אידעאַלן איז פון לאַנג דער־גרייכט, ווייל די אויפבויענדיקע אַרבעט פון אונזער געזעלשאַפט איז שוין פאַרענדיקט זייט טויזנטער יאָרן פאַר אונזער געבורט, און דעריבער זענען מיר איצט פריי צו באַשעפטיקן אונזער שאַפונגס־קראַפט אויפן פּאָליטישן געביט. זיי פאַלט גאָר נישט איין אַ טראַכט צו טאָן, אַז די סיבה פון אונזער הווה־דיקער הילפלאָזיקייט ליגט אין די חסרונות פון אונזער סאָציאַלן לעבן; ווייל זייער נאַציאָנאַליזם גלויבט באמונה שלימה, אַז אַט די

סאָציאַלע סיסטעם איז דערפֿירט געוואָרן צו אייביקער שלימות דורך אונזערע אבות, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט די איבערמענטשלעכע פֿעיִקייט פֿון נביאישן פֿאָראויסזען, און די איבערנאַטירלעכע קראַפֿט צו פֿאַרזאָרגן אויף תמיד די קומענדיקע דורות פֿון דער אומענדלעכער צוקונפֿט. דעריבער וואַרפֿן מיר אַרויף די שולד פֿאַר אַלע אונזערע צרות און חסרונות אויף די היסטאָרישע אומגערעכטע געשעענישן, וואָס באַפֿאַלן אונז פֿון אויסן. דערין ליגט אויך די סיבה, פֿאַרוואָס מיר האַלטן פֿאַר אונזער איינציקע אויפֿגאַבע צו אויפֿבויען אַ פּאָליטישן װוּנדער פֿון פֿרייהייט אויפֿן זאַמדיקן באָדן פֿון סאָציאַלער קנעכטשאַפֿט. מיר ווילן אָפּהאַקן דורך אַ גרעבלע דעם שטראָם פֿון אונזער אייגענער געשיכטע און באַרגן מאַכט ביי די געשיכטלעכע קוואַלן פֿון פֿרעמדע פֿעלקער.

די יעניקע פֿון אונז, וואָס גלויבן אין דער אילוזיע, אַז פּאָליטישע פֿרייהייט וועט אונז מאַכן פֿריי, האָבן אָנגענומען די לערע פֿון מערב אַלס עוואַנגעליום של אמת און פֿאַרלאָרן דעם גלויבן אין דער מענטשהייט. מיר טאָרן אָבער נישט פֿאַרגעסן, אַז יעדװעדע סאָציאַלע שוואַכקייט, וואָס ווערט אין אונזער געזעלשאַפֿט פּראַקטיצירט אין באַשיצט, וועט ווערן אַ מקור פֿון סכנות אין דער פּאָליטיק. די זעלבע פּאַסיווקייט, וואָס פֿירט אונז צו דער פֿאַרגעטערונג פֿון טויטע פֿאָרמען און סאָציאַלע איינריכטונגען, וועט שאַפֿן אין אונזער פּאָליטיק אומבאַוועגלעכע תּפֿיסה-ווענט. די געפֿיל-אַטראָפֿיע, וואָס מאַכט אונז פּעק [unclear] צו אַרויפֿלייגן דעם באַליידיגנדיקן יאָך פֿון שפֿלות אויף אַ גרויסן טייל פֿון דער מענטשהייט, וועט קומען צום אויסדרוק אין אונזער פּאָליטיק אַלס אַכזריות און אומגערעכטיקייט. בעת אונזערע נאַציאָנאַליסטן רעדן וועגן נאַציאָנאַלע אידעאַלן, פֿאַרגעסן זיי, אַז ביי אונז פֿעלט לגמרי דער יסוד פֿאַרן נאַציאָנאַליזם. די זעלבע לייט, וואָס האַלטן הויך די נאַציאָנאַלע אידעאַלן, זענען די סאַמע קאָנסערוואַטיווע אין זייער סאָציאַלער פּראַקטיק. די נאַציאָנאַליסטן זאָגן, למשל: „לאָמיר לערנען פֿון דער שווייץ, ווו די פֿעלקער האָבן זיך פֿאַראייניקט אין אַ נאַציע, נישט קוקנדיק אויף דער ראַסן-פֿאַרשידנקייט". פֿאַרגעסט

אָבער נישט, אַז אין דער שווייץ קענען זיך די ראַסן מתחתן זיין מיטאַנאַנדער און זיך צונויפמישן, ווייל עס פליסט אין זיי די זעלבע בלוט. אין אינדיע האָרשט אָבער נישט קיין אַלגעמיינגילטיקע געבורט-רעכט, און ווען מיר רעדן וועגן דער מערבנאַציאָנאַליטעט פאַרגעסן מיר, אַז דאָרט פילן נישט אפילו די נאַציעס איינע צו דער צווייטער אָט דעם פיזישן עקל, וואָס הערשט ביי אונז צווישן די פאַרשידענע קאַסטעס. האָט דען ווען נישט איז פּאַסירט, אַז טיילן פון אַ פאָלק, וואָס קענען נישט מישן זייער בלוט זאָלן פאַרגיסן זייער בלוט פאַראַנאַנדער, סיידן דורך צוואַנג אָדער צוליב גייציקע צילן? איז דען דאָ אַ האָפנונג, אַז די דאָזיקע מאָראַלישע מניעות, וואָס שטערן אונזער ראַסן-צונויפמישונג, זאָלן זיך נישט שטעלן אין וועג פון אונזער פּאָליטישער פאַראייניקונג? חוץ-דעם מוזן מיר אַנערקענען די עובדה, אַז אונזערע סאָציאַלע באַשרענקונגען זענען אויף אַזוי פיל טיראַניש, אַז זיי מאַכן די מענטשן פאַר פּחדנים. ווען עמיצער דערציילט מיר, אַז ער האָט אַפּיקורסישע מיינונגען, אָבער לעבן לויט זיי קאָן ער נישט, ווייל די געזעלשאַפט וועט אים אַריינלייגן אין חרם, בין איך אים מוחל, וואָס ער לעבט אַ פאַלשן לעבן, כּדי איבערהויפּט צו קענען לעבן. די סאָציאַלע געוווינהייט פון אונזער גייסט, וואָס פאַרוואַנדלט דעם לעבן פון די מענטשן אין אַ שווערע משא פאַר זיי גופא, ווען זיי אונטערשיידן זיך פון אונז אפילו נאָר דורך דער צוגרייטונג פון די מאכלים, וועט זיכער פאַרבלייבן אויך אין אונזער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע און וועט באַשאַפן אַ צוואַנג-מאַשינעריע אויף צו צורייבן אַלע באַרעכטיקטע אונטערשידן, וואָס זענען אַ צייכן פון לעבן. און די טיראַנישקייט וועט נאָך ערגער מאַכן דעם אומפאַרמיידלעכן שקר און צביעות פון אונזער פּאָליטישן לעבן. צי איז אָבער בלויז דער נאָמען „פרייהייט" אַזאַ יקר-המציאות, מיר זאָלן מסכים זיין צו ברענגען אַלס קרבן אויף זיין מזבח אונזער מאָראַלישע פרייהייט? דער רעזולטאַט פון אונזער אויסגעלאַסענעם לעבנס-שטייגער ווייזט זיך נישט אַרויס תיכף-ומיד, בעת מיר שטייען נאָך אין דער פולער קראַפט פון אונזער יוגנט. אָבער ער פאַרצערט ביסלעכווייז אָט די קראַפט און בעת

ס'קומט אָן דער באַרג-אַראָפּ פון לעבן מוזן מיר אויסגלייכן די חשבונות און באַצאָלן די חובות און מיר באַנקראָטירן. אין מערב זענט איר נאָך ביכלת צו האַלטן אויפגעהויבן אייער קאָפּ, כאָטש אייער מענטשלעכקייט ליידט אָן אויפהער פון איר באַרוישונג מיט דער אָרגאַניזירנדיקער מאַכט. אויך אינדיע האָט אין איר בלי-ענדיקער יוגנט געקענט פאַרטראָגן די טויטע משא פון אירע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געדריקט אויף אירע לע-בעדיקע אָרגאַנען, זיך האַלטנדיק דאַביי גלייך ווי א סטרונע; ס'איז אָבער געווען איר אומגליק, ווייל ביסלעכווייז האָט עס פּאַראַליזירט איר לעבעדיקע נאַטור. דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס אינדיעס אינטעליגענטע שיכטן פילן נישט די סאָציאַלע גוויטן פון זייער לאַנד. זיי באַטראַכטן די אַבסאָלוטע אומבאַ-וועגלעכקייט פון אונזערע סאָציאַלע איינריכטונגען אַלס אַ סימן פון זייער פולקאָמענקייט, — און היות דער געזונטער שפּירן פון ווייטאָג איז אָפּגעשטאָרבן אין די אברים פון אונזער סאָציאַלן אָרגאַניזם, מיינען זיי, אַז אַלץ איז געזונט און גוט, ס'טוט זיך נישט אין היילונג. דעריבער גלויבן זיי, אַז די פּאָליטיק איז דער איינציקער פרייער געביט פאַר דער אויסלעבונג פון זייערע אַלע כּחות. זיי זענען געגליכן צו איינעם מיט אָפּגענומענע כּיס, וואָס רעדט זיך איין, אַז ער שפּירט זיי נישט, ווייל זיי זענען פולשטענדיק געזונט געוואָרן, און זיין אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס די קוליעס זענען צו קורץ.

אָט דאָס איז אין גאַנצן, וואָס כ'האָב געוואָלט זאָגן וועגן אינדיעס סאָציאַלער און פּאָליטישער ווידערגעבורט. איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן איר אינדוסטריע. מ'שטעלט מיר גאַנץ אָפט די פראַגע: צי באַמערקט זיך נישט אַ אויפלעבונג אין אינדיעס אינדוסטריע זינט דער הערשאַפט פון די ענגלענדער. ס'מוז דער-מאָנט ווערן, אַז באַלד אין אָנהויב פון דער ענגלישער הער-שאַפט, איז אונזער אינדוסטריע אונטערדריקט געוואָרן, און פון דעמאָלט אָן האָבן מיר נישט באַקומען קיין שום ממשותדיקע הילף, אָדער אויפמונטערונג, כּדי צו קענען ביישטיין אַקעגן די אומגעהייערע האַנדלס-אָרגאַניזאַציעס פון דער מאָדערנער וועלט.

די נאַציעס האָבן באַשלאָסן, אַז מיר דאַרפן פאַרבלייבן בלויז אַ לאַנדווירטשאַפטלעך פאָלק און אויף תמיד פאַרגעסן, ווי מ׳באַנוצט זיך מיט כּלי־זין. אויף אַזאַ אופן איז אינדיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גוט פאַרדייעלעכע שטיקלעך שפּייז, וואָס קענען אַראָפּגעשלונגען ווערן אין איין מאָמענט אפילו דורך אַ נאַציע, ביי וועלכער ס׳האָבן זיך נאָך נישט אויסגעשניטן אַלע ציין.

אינדיע האָט דעריבער זייער קליינע שאַנסן אויף צו אַנטוויקלען איר אינדוסטריעלע אָריגינעלישקייט. איך פּערזענלעך בין אַ קנאַפּער מאַמין אין די אומגעלומפּערטע אָרגאַניזאַציעס פון אונזער היינטיקער צייט. דער איינציקער פאַקט פון זייער העסלעכקייט באַווייזט, אַז זיי שטייען אין אַ סתירה צו דער גאַנצער יצירה. די גרויסע נאַטור־כּחות אַנטפּלעקן נישט זייער אמת אין העסלעכקייט, נאָר אין שיינקייט. שיינקייט איז דעם בוראס שטעמפּל, מיט וועלכן ער באַזיגלט די שאַפונגען, וואָס שטעלן אים צופרידן. אונזערע אַלע שאַפונגען, וואָס טרעטן חוצפּהדיק איבער דעם געזעץ פון שלימות, און האָבן נישט קיין בושה צו באַווייזן זייער העסלעכקייט, טראָגן אויף זיך די אייביקע לאַסט פון גאָטס צאָרן. אויף וויפל ס׳פעלט אייער האַנדל די חשיבות פון באַחנטקייט, איז ער פאַלש. שיינקייט און איר צווילינג־ברודער דער אמת, נויטיקן זיך אין פיל פרייע צייט און זעלבסט־באַהערשונג, כּדי זיך צו קענען אַנטוויקלען. אָבער די תאווה נאָך רווחים האָט נישט קיין צייט און ווייס נישט פון קיין גרעניץ אין איר ווילדן געיעג. איר איינציקער ציל איז צו פאַבריצירן און צו פאַרצערן. זי פילט נישט קיין רחמנות נישט אויף דער שיינקייט פון דער נאַטור און נישט צו לעבעדיקע מענטשלעכע באַשעפענישן. זי איז אכזריותדיק גרייט, אָן דער קלענסטער וואַקלעניש צו פאַרניכטן שיינקייט און לעבן, זיי פאַרוואַנדלנדיק אין געלט. אָט די העסלעכע האַנדלס־גראָבקייט איז געשטעמפּלט געוואָרן מיט דער טיפסטער פאַראַכטונג אין פריערע צייטן, בעת די מענטשן האָבן נאָך געהאַט גענוג פרייע צייט אויף צו שאַפן אַ אומפאַרוואָלקנטע אידעאַל־פאַרשטעלונג פון מענטשלעכער שלימות. אין יענע צייטן האָבן זיך מענטשן געשעמט מיטן נידע-

ריקן אינסטינקט צו פאַרדינען וואָס מער געלט. אָבער אין אונ־
זער וויסנשאַפטלעכער תקופה איז דער עגל־הזהב, אַ דאַנק זיין
אומגעהייערן וואַקסן, אַרויפגעשטיגן אויפן טראָן. און בעת ער
לאַכט אויס און באַליידיקט, פון דער הויך פון זיינע אָנגעזאַמלטע
אוצרות, די העכערע מענטשלעכע אינסטינקטן, און פאַרטרייבט
פון זיין סביבה די שיינקייט און די איידעלע געפילן, אונטער־
וואַרפן מיר זיך זיין יאָך. מיר האָבן זיך געלאָזט אונטערקויפן
פון אים אין אונזער שפלות, און אונזער כח־הדמיון, פאַרקנעכ־
טעט דורך זיין ריזיקער גרויס, קניט פאַר אים אין שטויב.

אָבער דוקא זיין ריזיקע אומגעלומפּערטקייט און זיין סופּ־
לאָזע קאָמפּליצירטקייט זענען די זיכערסטע סימנים פון זיין
אינערלעכער שוואַכקייט און פון זיין אומפאַרמיידלעכער מפּלה. דער
גענייטער שווימער ווייזט נישט אַרויס זיין מוסקל־קראַפט דורך
העפטיקע באַוועגונגען; זיין קראַפט איז אומזיכטבאַר און פאַר־
קערפּערט זיך אין פולקאָמער גראַציע און רויקייט. דאָס, וואָס
אונטערשיידט באמת דעם מענטשן פון אַ חיה, איז זיין אינער־
לעכע קראַפט און זיין אינערלעכער ווערט, וואָס ווערן ביידע
נישט געזען פון דרויסן. אָבער די מאָדערנע האַנדלס־ציוויליַ־
זאַציע פאַרנעמט נישט נאָר צופיל צייט און רוים, נאָר זי טויט
לגמרי די צייט און דעם רוים. אירע באַוועגונגען זענען העפּ־
טיק, איר שטימע איז אָפּשטויסנדיק הילכיק. זי טראָגט אין זיך
איר אייגענע קללה, ווייל זי צודעפּטשעט און פאַרקריפּלט די
מענטשהייט, אויף וועלכער זי איז געגרינדעט. זי שאַפט מיט
גרויס התמדה געלט אויפן חשבון פון גליק. דער מענטש שרומפּט
איין זיך גופא ביז צו זיין מינימום, כדי צו לאָזן וואָס מער
רוים פאַר זיינע אָרגאַניזאַציעס. ער לאַכט אויס און איז מבזה
זיינע מענטשלעכע געפילן, ווייל זיי זענען מסוגל זיך צו שטעלן
אין וועג זיינע מאַשינעס. אין אונזער מיטאָלאָגיע געפינט זיך
די אגדה, אַז אַ מענטש, וואָס נעמט אויף זיך סגופים, כדי צו
ווערן אומשטערבלעך, מוז ביישטיין נסיונות, וואָס ווערן אויף
אים אָנגעשיקט דורך אינדראַ, דעם האַר פון די אומשטערבלעכע.
קאָן ער נישט ביישטיין די נסיונות, איז ער פאַרלאָרן. דער

מערב האָט זייט יאָרהונדערטער געשטרעבט צו אומשטערבלעכ־
קייט. אינדראַ האָט אים געשטעלט פאַר אַ נסיון, כדי אים אויס־
צופרווון. ס'איז דער אומגעהייערער נסיון פון עשירות. דער מערב
איז אים נישט בייגעשטאַנען און זיין מענטשלעכע ציוויליזאַציע
האָט פארבלאָנדזשעט אינם מדבר פון מאַשינעס.

אָט דער האַנדלס־גייסט מיט זיינע באַרבאַריש־העסלעכע
דעקאָראַציעס, איז אַ שרעקלעכע סכנה פאַר דער גאַנצער מענטש־
הייט, ווייל זי שטעלט דעם אידעאַל פון מאַכט העכער פאַרן
אידעאַל פון שלימות; ער לאָזט טריומפירן דעם קולט פון עגאָ־
איזם אין זיין נאַקעטער אומפאַרשעמטקייט. אונזערע נערוון זענען
איידעלער פאַר אונזערע מוסקולן. דאָס פיינסטע און טייערסטע
ביי אונז ווערט הילפלאָז, ווי אַ קינד, ווען ס'פאַרלירט אונזער
איבערגעבענע באַשיצונג, אין וועלכער עס בויטיקט זיך טאַקע
צוליב זיין טייערקייט. דעריבער, בעת די געפּילדאָזע, פאַרגרעבטע
מאַכט לויפט אויף דער וועג פון דער מענטשהייט, פאַרניכטנדיק
אַלץ אין אירווילדן לויפן, פאַריאָגט זי דורך איר גראָבקייט
די אידעאַלן, וואָס מיר האָבן מיט ליבע געכאָוועט אין לאַנגע
יאָרהונדערטער פון שווערע ליידן.

דער נסיון, וואָס איז פאַטאַל פאַרן שטאַרקן, איז עס
אין אַ גרעסערער מאָס פאַרן שוואַכן. און איך קען אים נישט
מקבל פנים זיין מיט שמחה ביי אונז אין אינדיע, כאָטש ער
איז געשיקט געוואָרן דורכן האר פון אומשטערבלעכקייט. זאָל
אונזער לעבן זיין פשוט אין זיין אויסערלעכער דערשיינונג
און רייך אין זיין אינערלעכקייט; זאָל זיך אונזער קולטור
גרינדן אויפן פעסטן באַזיס פון סאָציאַלער צוזאַמענאַרבעט און
נישט אויף קאַמף און אויף ווירטשאַפטלעכער עקספּלואַטאַציע.
ווי אַזוי מיר זענען עס אימשטאַנד צו פאַרווירקלעכן, געפינענ־
דיק זיך אין די ציין פון ווירטשאַפטלעכן דראַקאָן, וואָס זויגט
אויס אונזער לעבנס־בלוט, איז די אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר
די דענקער פון אַלע מזרח־פעלקער, וועלכע גלויבן אין דער
מענטשלעכער נשמה. ס'איז אַ סימן פון פוילקייט און קראַפט־
לאָזיקייט, ווען מיר נעמען אָן לעבנס־באַדינגונגען, וואָס הערן

אונז אָנגעוואָרפן דורך פרעמדע, וועלכע האָבן אַנדערע אַ־עאַלן, ווי מיר. מיר דאַרפן ווערן אַקטיוו און שטעלן די כּחות פון דער וועלט אין רשות פון אונזער געשיכטע, זיי זאָלן איר פירן צו איר אייגענעם עַנד־ציל, דער שלימות.

פון דאָס אויבן געזאָגטע איז צו זען, אַז כ׳בין נישט קיין פּאָליטישער עקאָנאָמיסט. כ׳בין גרייט צו מודה זיין, אַז ס׳עקזיסטירט אַ געזעץ פון אָנבאָטן און נאָכפרעגן, און אַז דער מענטש האָט אַ תאווה צו מער זאַכן, ווי ס׳פאָדערט זיין גליק. און דאָך בין איך פאַרעקשנט אין מיין גלויבן, אַז ס׳עקזיסטיר׳ן אויך עפעס אזוינס, ווי די האַרמאָניע פון שלימותדיקער מענטש־לעכקייט, וואָס מאַכט רייך אין אָרימקייט, וואָס קען פירן דורך אַ מפּלה צו נצחון, דורך טויט צו אומשטערבלעכקייט, און וואָס פאַרוואַנדלט, לויטן געזעץ פון אייביקער גערעכטיקייט, די דער־נידערונג פון די ענוי־ארץ אין אַ שטראַלנדיקן טריאומף.

# דער זון=פֿאַרגאַנג פֿון יאָרהונדערט

(געשריבן אין דער בענגאַלישער שפּראַך, אין לעצטן טאָג
פֿון לעצטן יאָרהונדערט)

1.

די לעצטע זון פון יאָרהונדערט פאַרזינקט צווישן די בלוטיק־רויטע מערב־וואָלקנס אין דעם ווירבל־שטורעם פון שנאה.
דער נאַקעטער עגאָאיזם פון די פעלקער טאַנצט אין פאַרשכורטן קדחת פון גייציקייט אונטער דעם געקלאַנג פון שווערדן און וואָיענדיקע נקמה־געזאַנגען.

2.

אין מאָמענט פון העכסטן בושעווען וועט דער הונגעריקער גוף פון דער נאַציע פלאַצן פון איר אומפאַרשעמטן פרעסן;
ווייל די וועלט האָט זי געמאַכט פאַר איר שפייז, און באַלעקנדיק איר, צובייסנדיק איר, און פאַרשלינגנדיק איר אין גרויסע ביסנס, ווערט זי אַלץ מער און מער געשוואָלן,
ביז אינמיטן פון איר טמאדיקער סעודה
וועט אַראָפּפאַלן דער בליץ פון הימל און אדורכשטעכן איר ברוטאַלע האַרץ.

3.

מיין מוטערלאַנד! דער פורפורנער גלאַנץ אויפן האָריזאָנט איז נישט די פרימאָרגנליכט פון דיין פרידן.
ס'איז דער אָפּשיין פון שייטערהויפן אויף וועלכן ס'ווערט פאַר־ברענט אויף אַש אַ ריזיקער בר־מינן — דער עגאָאיזם פון דער נאַציע, — וואָס האָט זיך איבערגעפרעסן צום טויט.
דיין פרימאָרגן וואַרט הינטערן געדולדיקן חשך פון מזרח, עניוותדיק און שוויינגנדיק.

## 4.

זיי וואַך, אינדיע!

האַלט גרייט דיינע קרבנות אַט פאַר דעם הייליקן זון-אויפגאַנג.

זאָל זיין ערשטער באַגריסונגס־הימן קלינגען אין דיין שטימע

און זינגען:

„קום, שלום, די זון פון גאָטס אייגענע, גרויסע ליידן;

קום מיט דיין אוצר פון שטילן גליק,

קום מיט דיין מוטיקן שווערט.

קום מיט דער קרוין פון עניוות אויף דיין שטערן.

## 5.

מיינע ברידער! שעמט זיך נישט צו שטיין פאַר די מעכטיקע און שטאָלצע,

אין די ווייסע מלבושים פון אייער פשטות.

אייער קרוין זאָל זיין די עניוות, אייער פרייהייט די פרייהייט פון דער נשמה.

אויפן וויסטן אָרט פון אייער אָרימקייט בויט אויף טאָג-טעגלעך אויף ס'ניי גאָטס טראָן,

און זייט וויסן: דאָס אומגעהייערע איז נישט דאָס אמת גרויסע,

און גאווה איז נישט מאריך ימים.

# וואָס אַזוינס איז קונסט

מיר שטייען מיט דערדאָזיקער גרויסער וועלט פּנים אל פּנים און אונזערע באַציונגען צו איר זענען פאַרשידן. איינע פון זיי איז די נויטווענדיקייט צו לעבן: מיר מוזן צעאַקערן דעם באָדן, זוכן דערנערונג, צודעקן די נאַקעטקייט, און די שטאָפן צו דעם אַלעם מוז אונז צושטעלן די נאַטור. אַזוי ווי מיר מוזן אָן אויפהער באַפרידיקן אונזערע באַדערפנישן, קומען מיר כסדר אין באַרירונג מיט דער נאַטור. דער הונגער און דורשט און בכלל אונזערע אַלע פיזישע באַדערפנישן האַלטן אויף דעם תמידן קאָנטאַקט מיט דערדאָזיקער גרויסער וועלט.

אָבער מיר באַזיצן אויך אַ גייסט און דערדאָזיקער גייסט זוכט זיין אייגענע שפּייז. אויך ער האָט באַדערפנישן. ער מוז דערגיין דעם זין פון די דערשיינונגען. ער שטייט קעגנאיבער אַ גוזמא רעאַליטעטן און ער ווייס נישט אויף וואָסער וועלט ער איז, אויב ער קען נישט אויסגעפינען קיין איינהייטלעכן פּרינציפּ, וואָס זאָל פאַראיינפאַכן די פאַרשידנאַרטיקייט פון די דערשיינונ־גען. דער מענטש איז אַזוי קאָנסטרוירט, אַז ער קען זיך נישט צופרידנשטעלן מיט רעאַליטעטן, ער מוז אויסגעפינען געוויסע געזעצן, וועלכע זאָלן אים לייכטער מאַכן צו טראָגן די משא פון בלויזע צאָלן און מאַסן.

אָבער נעבן מיין פיזישן און גייסטיקן א י ך, באַזיץ איך נאָך אַ דריטן — דעם זעלישן א י ך. דערדאָזיקער א י ך האָט זיך זיינע אייגענע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס

און זוכט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אויספילן זיין באַדערפעניש נאָך ליבע. דערדאָזיקער זעלישער אי ך געהער צו יענער ספערע, אין וועלכער מיר זענען פריי פון אַלע נויטווענדיקייטן, ווו דעם קערפּערס און דעם גייסטס באַדערפנישן האָבן קיין שום השפעה נישט, ווו מען שטעלט זיך נישט די פראַגע וועגן נוצן, אָדער צוועק. דערדאָזיקער זעלישער איך איז דאָס העכסטע אין מענטשן. עס האָט זיך זיינע אייגענע פּערזענלעכע באַציונגען צו דער גרויסער וועלט און זוכט אין איר בלויז פּערזענלעכע באַפרידיקונג.

די וועלט פון דער נאַטורוויסנשאַפט איז נישט קיין וועלט פון דערווירקלעכקייט, נאָר אַן אַבסטראַקטע וועלט פון כחות. מיט דער הילף פון אונזער שכל קענען מיר פון איר אַרויסציען נוצן פאַר זיך, אָבער מיר קענען זי נישט באַגרייפן מיט אונזער זעלע. זי איז ענלעך צו אַ מחנה בעל-מלאכות, וואָס שאַפן פאַר אונז, אַלס פּערזענלעכע וועזנס, נוציקע זאַכן, אָבער דאָך זענען זיי פאַר אונז נישט מער ווי שאָטנס.

אָבער עס עקזיסטירט נאָך אַ צווייטע וועלט, וואָס האָט פאַר אונז אַ ממשות. מיר זעען זי, מיר פילן זי, מיר לעבן זי איבער מיט אונזערע אַלע עמפּינדונגען. אָבער מיר קענען זי נישט דערקלערן און אויסמעסטן און דעריבער בלייבט זי פאַר אונז תמיד איינגעהילט אין געהיימנישפולע שלייערן. מיר קענען בלויז זאָגן אין פרייליקער דערקענטניש: „אָט דאָ ביסטו דאָ”.

דאָס איז די וועלט, פון וועלכער די נאַטורוויסנשאַפט קערט זיך אָפּ און אין וועלכער עס וואָרצלט די קונסט. און אויב ס'וועט אונז געלינגען צו ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָס אַזוינס איז קונסט, וועלן מיר דאַמאָלסט אויך וויסן, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך די וועלט, מיט וועלכער די קונסט איז אַזוי נאָענט פאַר-קרובהשט.

אייגנטלעך איז עס נישט קיין וויכטיקע פראַגע. ווייל די קונסט וואַקסט, ווי דאָס לעבן אַליין, פון אייגענעם דראַנג, און דער מענטש געפינט אין איר פרייד, נישט וויסנדיק גענוי, וואָס זי איז. און מיר וואָלטן רויק געקענט לאָזן דרימלען דידאָזיקע

פראַגע אין הינטערגרונט פון אונזער באַוווסטזיין, ווו אַלדאָס לעבעדיקע ווערט געכאָוועט און געגערט אין טונקלקייט.

אָבער מיר לעבן אין אַ תקופה, אין וועלכער אונזער וועלט ווערט איבערגעקערט פון אונטן אַרויף, און אַלץ, וואָס איז געלעגן אויפן גרונט, ווערט אַרויפגעשלעפּט מיט גוואַלד אויף דער אויבערפלאַך. אפילו דעם פאַרלויף פון לעבנס-פּראָצעס, וואָס קומט פאָר לחלוטין אומבאַוווסט, לייגן מיר אַרונטער אונטערן סעציר-מעסער פון דער וויסנשאַפט, — אויפן חשבון פון לעבן גופא, וועלכעס מיר פאַרוואַנדלען דורך אונזער אונטערזוכונג אין אַ טויטן מוזעאום-עקזעמפּלאַר.

די פראַגע „וואָס איז קונסט?" איז אָפט געשטעלט און אויף פאַרשידענע אופנים פאַרענטפערט געוואָרן. אַזעלכע באַטראַכטונגען ברענגען תמיד אַריין אַ שטיקל באַשטימטע כּונה אין אַ געביט, ווו סיי דאָס שאַפן און סיי דאָס געניסן קומען פאָר ספּאָנטאַן און ווערן בלויז אויף אַ העלפט באַגלייט פון באַוווסטזיין. זיי שטעלן זיך פאַר אַ ציל צו באַזאָרגן אונזער קונסט-אורטייל מיט גאַנץ באַשטימטע מאָסן. אַזוי אַרום קענען מיר ביי היינטיקן טאָג הערן, ווי קונסט-שופטים גיבן אַרויס אויפן גרונט פון היימיש-געשאַפענע כּללים פאַרניכטנדיקע אורטיילן איבער דאָס, וואָס האָט יאָרהונדערטן לאַנג געגאָלטן אַלס גרויס און אומשטערבלעך.

דידאַקטיקע מעטעאָראָלאָגישע שטערונג אין דער ספערע פון קונסט-קריטיק, וואָס שטאַמט פון מערב, איז אויך צוגעשוווּמען צו אונזער ברעג און בענגאַלן און פאַרדעקט אונזער קלאָרן הימל מיט נעפּל און וואָלקנס. אויך מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו שטעלן די פראַגע, צי דאַרפן נישט די קונסט-שאַפונגען געמשפּט ווערן לויט דעם, ווי ווייט זיי זענען מסוגל פאַרשטאַנען צו ווערן פון אַלעמען, וואָס פאַר אַ לעבנס-פילאָזאָפיע עס קומט אין זיי צום אויסדרוק, ווי גרויס איז זייער צושטייער צו דער ליזונג פון די גרויסע צייט-פּראָבלעמען, אָדער צי זיי פאַרקערפערן עפּעס פון דעם, וואָס איז אייגנטימלעך דעם גייסט פון פאָלק, צו וועלכן דער דיכטער געהערט. און אויב די מענטשן

טרעטן צו מיטן גאַנצן ערנסט אויסצובויען פאַר דער קונסט נאָרמעס און מאָסן, וואָס געהערן גאָרנישט צו איר וועזן, ווען מען משפט וועגן דער הערלעכקייט פון אַ טייך לויט אַ קאַנאַל, קענען מיר די פראַגע נישט לאָזן אין אַ זייט און מוזן נעמען אַ וואָרט אין דער דעבאַטע.

זאָלן מיר צוערשט פּרווון דעפינירן דעם באַגריף „קונסט"? אָבער ווען מען וויל דעפינירן לעבעדיקע זאַכן, הייסט דאָס, אין תּוך גענומען, אַז מען פאַרקלענערט דאָס אייגענע זע-פעלד, כּדי צו קענען זען דייטלעכער. אָבער דייטלעכקייט איז ווייט נישט די איינציקע, אָדער וויכטיקסטע זייט פון אמת. אַ בלענד-לאַמטערן גיט אונז אַ דייטלעך, אָבער נישט קיין פולשטענדיק בילד. ווילן מיר דערקענען אַ ראָד אין באַוועגונג, איז נישט קיין אומגליק, אויב מיר קענען נישט איבערציילן די ספּריכעס. אויב עס גייט אונז נישט וועגן דער גענויקייט פון זיין פאָרם, נאָר וועגן דער שנעלקייט פון זיין באַוועגונג, טאָ מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט אַביסל אַן אומדייטלעכן בילד פון ראָד. לעבעדיקע זאַכן זענען ענג פאַרוואַקסן מיט זייער אַרומיקער סביבה און זייערע וואָרצלען גרייכן אָפט טיף אין באָדן. אין אונזער דערקענטניש-הונגער קענען מיר אָפּהאַקן די וואָרצלען און צווייגן פון אַ בוים און אים פאַרוואַנדלען אין אַ קלאָץ, וועלכער לאָזט זיך לייכטער קלאַסיפיצירן און איינשפּאַרן אין אַ לערנבוך. מ'קאָן דאָך אָבער נישט זאָגן, אַז אַזאַ קלאָץ, ווייל עס איז נאַקעט און ליגט דייטלעך פאַר די אויגן, גיט אַ ריכטיקערעס בילד וועגן בוים אַלס גאַנצעס.

דעריבער וועל איך זיך טאַקע נישט באַמיען צו דעפינירן דעם באַגריף פון קונסט, נאָר כ'וועל שטעלן די פראַגע וועגן גרונט פון איר לעבן און וועל פרווון אויסגעפינען, צי זי עקזיסטירט לשם אַ וועלכן נישט איז סאָציאַלן צוועק, אָדער כּדי אונז צו פאַרשאַפן אַן עסטעטישן גענוס, אָדער צי איז זי אויסגעוואַקסן פון דער באַדערפניש אַרויסצוברענגען צום אויסדרוק אונזער אייגענעם וועזן.

לאַנג איז געפירט געוואָרן אַ שטרייט וועגן וואָרט „ל'אַר

פור ל'אַר,*) וואָס איז בײַ אַ טייל מערב-קריטיקער אַרײַנגעפאַלן אין אומחן. דאָס איז אַ סימן, אַז עס קערט זיך אום דער אַס-קעטישער אידעאַל פון דער פוריטאַנישער תקופה, ווען גענוס אַלס אַ זעלבסטצוועק האָט געגאָלטן פאַר אַ חטא. אָבער יעדער פוריטאַניזם איז אַ רעאַקציע. ער קען נישט זען דעם אמת מיט אַן אָביעקטיוון אויג און במילא אויך נישט אין זיין אמתער גע-שטאַלט. ווען דער גענוס פאַרלירט די אוממיטלבאַרע באַרירונג מיטן לעבן און ווערט אַלץ מער אויסקלײַבעריש און פאַנטאַסטיש אין דער וועלט פון זיינע קינסטלעך און מיט מאַטערניש אויס-געאַרבעטע קאָנווענציאָנען, דאַמאָלסט קומט דער רוף צום בטול היש, וואָס טרײַבט אָפּ פון זיך אפילו דאָס גליק גופא, אַלס אַ פאַסטקע פון פאַרלענדונג. כ'וויל זיך דאָ נישט געגוי אָפּשטעלן אויף דער געשיכטע פון דער מאָדערנער קונסט, כ'פיל זיך נישט דערצו קאָמפּעטענט, אָבער כ'קען פאַרזיכערן אַלס אַן אַלגעמיינעם אמת: ווען דער מענטש פרווט אונטערדריקן זיין דראַנג צו פרייד, און פאַרוואַנדלט אים אין אַ בלויזן דראַנג צו דערקענטניש, אָדער מעשים-טובים, ליגט דער גרונט דערצו אין דעם, וואָס זיין פעיקייט צו געניסן פרייד האָט פאַרלוירן איר נאַטירלעכע פריש-קייט און געזונטקייט.

די עסטעטיקער פון אַלטן אינדיען האָבן זיך נישט גע-קווענקלט צו זאָגן, אַז פרייד, אָן-פּניותדיקע פרייד, איז די נשמה פון דער דיכטקונסט. אָבער דאָס וואָרט „פרייד" מוז ריכטיק אויסגעטײַטשט ווערן. ווען מיר אַנאַליזירן עס, ווײַזט אונז זיין ספּעקטר אַן אומענדלעכע רייע פון פאַסן, וואָס זייער פאַרב און אינטענסיווקייט איז אומענדלעך פאַרשידן לויט די פאַרשידענע וועלטן. די וועלט פון דער קונסט פאַרמאָגט עלעמענטן, וואָס געהערן, בלי ספק, בלויז צו איר, און זיי שיקן אַרויס שטראַלן, וואָס באַזיצן אַ באַזונדערע לויכטקראַפט און אייגנטימלעכקייט. ס'איז אונזער חוב זיי צו אונטערשיידן און נאָכפאָלגן זייער אָפּ-שטאַמונג און דעם פּראָצעס פון זייער וואַקסן.

*) קונסט לשם קונסט. (דער איב.)

דער ווינטיקסטער אונטערשייד צווישן דער חיה און דעם מענטשן באַשטייט אין דעם, וואָס די חיה איז כמעט אינגאַנצן איינגעשלאָסן אין די גרעניצן פון אירע באַדערפענישן, ווייל דער גרעסטער טייל פון איר טעטיקייט איז נויטיק פאַר איר זעלבסט־דערהאַלטונג און פאַר דער דערהאַלטונג פון איר מין. פונקט ווי דער קליינהענדלער, האָט אויך די חיה אַ גאַנץ קליינעם ריוח אויפן לעבנס־מאַרק, ווייל די גרעסטע טייל פון אירע הכנסות מוז גיין פאַר צינזן אין דער לעבנס־באַנק. דער גרעסטער טייל פון אירע מיטלען זענען איר נויטיק, כדי ווי נישט איז דורכ־צושטופן דאָס לעבן. דער מענטש אָבער איז אויפן לעבנס־מאַרק אַ גרויסער סוחר. ער פאַרדינט נישט דער ערך מער, וויפל ער מוז אויסגעבן. דעריבער פאַרמאָגט דאָס מענטשלעכע לעבן אַן איבערפלוס פון רייכטום, וואָס גיט אים די פרייהייט אין אַ גרויסער מאָס נישט צו לייגן קיין אַכט אויף פאַראַנטוואָרטלעכקייט און נוצן. לעבן די שטחים פון זיינע באַדערפענישן ציען זיך גרויסע געביטן, וואָס זייערע קעגנשטאַנדן זענען פאַרן מענטשן אַ זעלבסטצוועק.

די חיות נויטיקן זיך אין באַשטימטע קענטנישן, וועלכע זיי מוזן פאַרווענדן פאַר זייערע לעבנסצוועקן. אָבער מער פאַרלאַנגען זיי גאָרנישט. זיי מוזן קענען זייער סביבה־געביט, כדי צו קענען געפינען אַ וווין־אָרט און נאַרונג. זיי מוזן קענען די אייגנאַר־טיקייטן פון באַשטימטע זאַכן, כדי צו קענען בויען פאַר זיך אַ וווינונג, די סימנים פון די פאַרשידענע יאָר־תקופות, כדי זיך צו קענען צופאַסן צו זייערע ענדערונגען. אויך דער מענטש מוז אָנקומען צו באַשטימטע קענטנישן, כדי צו קענען לעבן. אָבער דער מענטש האָט אַ גרויסן עודף, אויף וועלכן ער קען מיט שטאָלץ אָנווייזן: דאָסדאָזיקע וויסן איז נאָר לשם וויסן. דאָסדאָזיקע וויסן פאַרשאַפט אים ריינע פרייד, ווייל עס איז — פרייהייט. דער־דאָזיקער עודף איז דער פאָנד, פון וועלכן עס נערן זיך זיין פילאָסאָפיע און זיין וויסנשאַפט.

אויך די חיה פאַרמאָגט אַ געוויסע מאָס אַלטרויזם: דעם אַלטרויזם פון טאַטע־מאַמע, דעם אַלטרויזם פון דער סטאַדע און

פון בינשטאָק. דערדאָזיקער אַלטרויזם איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר דער דערהאַלטונג פון מין. אָבער דער מענטש באַזיצט עפּעס מער. אמת, אויך ער מוז זיין גוט, ווייל דאָס איז נויטיק פאַרן מענטשלעכן מין, אָבער ער טרעט אַריבער דידאָזיקע גרעניץ פון נוצלעכקייט. זיין גוטסקייט איז נישט קיין קאַרגע דערנערונג, וואָס גענוגט פונקט אויף אַזוי פיל, כדי זיין זיטלעך לעבן זאָל נישט אויסגיין פון הונגער. ער קען זאָגן מיט פולער רעכט, אַז ער טוט דאָס גוטע לשם דאָס גוטע אַליין. און אויף דערדאָזיקער רייכקייט אין גוטסקייט, — וואָס שעצט ערלעכקייט נישט בלויז דערפאַר, ווייל זי איז די בעסטע פּאָליטיק, נאָר ווייל זי איז אַסך מער ווערט ווי פּאָליטיק און זי קען זיך דערלויבן זיך אַנטקעגנצושטעלן יעטוועדער פּאָליטיק — אויף דעמדאָזיקן רייכטום פון גוטסקייט באַזירט די זיטלעכקייט פון מענטשן.

אויך די אידעע „ל'אַר פור ל'אַר" האָט צו פאַרדאַנקען איר עקזיסטענץ דערדאָזיקער ספערע פון איבערפלוס. לאָמיר זיך דעריבער פּרוּוון פעסטצושטעלן, וואָס איז דאָס פאַר אַ טעטיקייט, פון וועמענס איבערפלוס עס שטאַמט אָפּ די קונסט.

סיי די מענטשן, סיי די חיות שפּירן אַ באַדערפעניש אויסצודריקן זייערע געפילן פון הנאה און ווידערווילן, פון מורא, צאָרן און ליבע. ביי די חיות טרעטן דידאָזיקע געפיל-אויסדרוקן גאַנץ ווייניק אַריבער די גרעניץ פון נוצלעכקייט. אָבער ביים מענטשן, כאָטש אויך ביי אים שטעקן זייערע וואָרצלען אין אורשפּרינגלעכן צוועק, זענען זיי דאָך הויך אַרויסגעוואַקסן פון זייער היימישן באָדן און שפּרייטן אויס זייערע צווייגן אין אַלע ריכטונגען פון אומענדלעכן הימל. דער מענטש פאַרמאָגט אַ זאַפּאַס פון געפילקראַפט, וועלכע ער פאַרצערט נישט פאַר זיין זעלבסטדערהאַלטונג. דידאָזיקע נישט פאַרצערטע געפיל-ענערגיע לעבט זיך אויס אין קונסטשאַפונג, ווייל די קולטור פון מענטשן בויט זיך אויף איר איבערפלוס.

דער קעמפער שטעלט זיך נישט צופרידן מיטן קאַמף, צו וועלכן די נויטווענדיקייט צווינגט אים. ער האָט נאָך אויך די באַדערפעניש אויסצודריקן זיין צעוואַקסענעם קאַמף-באַוווסטזיין

דורך מוזיק און באַצירונגען, וואָס דאָס איז נישט נאָר נישט נויטווענדיק, נאָר ביי געוויסע באַדינגונגען ממש זעלבסטמערדעריש. אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן רעליגיעזן געפיל פאַרערט זיין גאָט נישט נאָר מיט גרויס פיעטעט, נאָר זיין רעליגיעזע געפיל פאָדערט נאָך אַן אויסדרוק אין דער פראַכט פון טעמפל און אין דעם רייכן צערעמאָניעל פון גאָטעסדינסט. ווען אין אונזער האַרץ ווערט אויפגעוועקט אַ געפיל, וואָס שטייגט איבער די אויפנאַמפעיקייט פון געגנשטאַנד, וואָס האָט דאָס געפיל אַרויסגערופן, דאַמאָלסט שלאָגן זיך אָפ די געפיל-כוואַליעס צוריק אין אונז און וועקן אויף דעם באַוווסטזיין וועגן אונז גופא. ווען מיר זענען אָרים איז אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווענדט אויף אויסן, אויף די געגנשטאַנדן, וועלכע מיר מוזן דערווערבן, כדי צו שטילן אונזערע באַדערפענישן. ווען אונזער עשירות איז אָבער אַסך גרעסער פאַר אונזערע באַדערפענישן, דאַמאָלסט פאַלט זיין ליכט צוריק אויף אונז און מיר האָבן דאָס באַגליקנדיק געפיל, אַז מיר זענען רייך. דערפון נעמט זיך, וואָס פון אַלע באַשעפענישן איז דער מענטש דער איינציקער, וואָס קען זיך אַליין, ווייל זיין דערקענטניש-דראַנג ווערט נישט אויסגעגעבן ביז דער לעצטער פרוטה דרויסן און אַזוי אַרום קערט ער זיך אום צו אים אַליין. ער פילט זיין פערזענלעכקייט אַסך אינטענסיווער ווי די אַנדערע באַשעפענישן, ווייל די געגנשטאַנדן מחוץ אים שעפן נישט אויס זיין פעיקייט צו פילן. און דאָסדאָזיקע באַוווסטזיין פון זיין פערזענלעכקייט רייסט זיך צו קומען צום אויסדרוק. דעריבער אַנטפלעקט דער מענטש אין דער קונסט זיך אַליין און נישט די געגנשטאַנדן. זיי גיט ער אָפ פלאַץ אין וויסנשאַפטלעכע לערנביכער, ווו ער אַליין מוז זיך פאַררוקן אין שאָטן.

כ'ווייס, אַסך וועט, מסתמא, שאָקירן, וואָס כ'באַנוץ דאָס וואָרט פערזענלעכקייט, וועלכעס האָט אַזאַ ברייטן טייטש. אַזעלכע אומבאַשטימטע ווערטער קענען אַרומנעמען נישט נאָר באַגריפן פון פאַרשידענע כמות, נאָר אויך באַגריפן פון פאַרשידענע איכות. זיי זענען ווי רעגנמאַנטלען, וואָס הענגען אין פאָדערהאַל,

הינטער דער הויז-טיר, און צעשטרייטע באַזוכער, צו וועלכע זיי געהערן גאָרנישט, קענען זיי אַוועקנעמען.

אַלס וויסנדיקער איז נאָך דער מענטש נישט אינגאַנצן ער גופא, בלויז דורך זיין וויסן אַנטפּלעקט ער נאָך נישט זיין וועזן. אָבער אַלס אַ פּערזענלעכקייט איז ער אַן אָרגאַניזם, וואָס האָט פון דער נאַטור באַקומען די מאַכט אויסצוזוכן די זאַכן פון זיין סביבה און זיי פאַראייגענען. ער פאַרמאָגט אייגנאַרטיקע צוציונגס- און אָפּשטויסונגס-כּחות, דורך וועלכע נישט נאָר ער זאַמלט אַרום זיך זאַכן, נאָר ער ברענגט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין זיין אינערלעכן וועזן. די עיקרדיקסטע שעפערישע כּחות, וועלכע פאַרוואַנדלען די זאַכן אין אונזער לעבעדיקעס וועזן, זענען די געפיל-כּחות. אַ רעליגיעזער מענטש איז אַלס אַזעלכער אַ פּער- זענלעכקייט, אָבער ער איז דאָס נישט אַלס בלויזער טעאָלאָג. זיין געפיל פאַר דאָס געטלעכע איז שעפעריש. אָבער זיין בלויזעס וויסן וועגן דאָס געטלעכע לאָזט זיך נישט פאַרוואַנדלען אין זיין אייגן וועזן, ווייל עס פעלט אים דערצו דער שעפערישער פונק פון געפיל.

מיר וועלן פּרווון זיך קלאָר מאַכן אין וואָס עס באַשטייט דידאָזיקע פּערזענלעכקייט און פון וואָסער אַרט זענען אירע באַ- ציונגען צו דער אויסערלעכער וועלט. דידאָזיקע וועלט דערשיינט פאַר אונז אַלס אייגנהייט, און נישט סתם אַלס בינטל פון אומ- זעבאַרע כּחות. ווי יעדער איינער ווייס, האָט זי דאָס צום גרעסטן טייל צו פאַרדאַנקען אונזערע אייגענע חושים און אונזער אייגענעם גייסט. דידאָזיקע וועלט פון דערשיינונגען איז די וועלט פון מענטשן. אירע כאַראַקטעריסטישע שטריכן בנוגע פאָרם, פאַרב און באַוועגונג באַקומט זי דורך דער מאָס און די קוואַ- ליטעטן פון אונזער אויפנעמונג. זי איז דאָס, וואָס אונזערע באַגרענעצטע חושים האָבן פאַר אונז דערוואָרבן, אויפגעבויט און אַרומגעצוימט. נישט נאָר די פיזישע און כעמישע כּחות, נאָר אויך די אויפנעמונג-כּחות פון מענטשן זענען פאַקטאָרן, וואָס ווירקן אין איר, ווייל דאָס איז אַ וועלט פון מענטשן און נישט אַן אַבסטראַקטע וועלט פון פיזיק, אָדער מעטאַפיזיק.

דידאָזיקע וועלט, וואָס באַקומט איר געשטאַלט דורך דער פאָרם פון אונזער אויפנעמען, איז דאָך נישט מער ווי די אומ-פולקאָמענע וועלט פון אונזערע חושים און פון אונזער שכל. זי קומט צו אונז אַלס גאַסט, אָבער נישט אַלס קרובה. ערשט אין דער ממשלה פון אונזער געפיל פאַרברידערן מיר זיך מיט איר. ערשט נאָכדעם ווי אונזער ליבע און אונזער האַס, אונזער פרייד און אונזער שמערץ, אונזער מורא און אונזער דערשטוינט-זיין ווירקן אויף איר אָן אויפהער, ווערט זי אַ טייל פון אונזער פערזענלעכקייט. זי וואַקסט און ענדערט זיך, ווי מיר אַליין וואַקסן און ווערן פאַרענדערט. מיר זענען גרויס, אָדער קליין לויט דער מאָס, אין וועלכער מיר נעמען זי אויף אין זיך. ווען דידאָזיקע וועלט וואָלט פאַרשוווּנדן געוואָרן, וואָלט אונזער פער-זענלעכקייט פאַרלאָרן איר גאַנצן אינהאַלט.

אונזערע עמפינדונגען זענען די מאָגנזאַפטן, וואָס פאַר-וואַנדלען דידאָזיקע וועלט פון דערשיינונגען אין דער אינעווי-כער וועלט פון געפילן. אָבער אויך דידאָזיקע אויסערלעכע וועלט האָט אירע באַזונדערע זאַפטן, מיט זייערע באַזונדערע אייגנשאַפטן, אַדאַנק וועלכע זיי רייצן אונזער געפילס-לעבן. אַ דיכטונג אַנטהאַלט אין זיך אַזעלכע זאַפטן. זי ברענגט אונז פאָרשטעלונגען, וואָס באַקומען לעבן אַ דאַנק געפילן און וועל-כע אונזער נאַטור קען אויפנעמען אַלס לעבנס-סובסטאַנץ.

סתם איבערגעבן פאַקטן איז נישט קיין ליטעראַטור, ווייל די נאַקעטע פאַקטן האָבן קיין שייכות נישט צו אונזער אינער-לעכן לעבן. ווען מ'וואָלט אונז אָן אויפהער איבערגעחזרט די פאַקטן, אַז די זון איז קיילעכדיק, דאָס וואַסער — דורכזיכטיק און דאָס פייער — הייס, וואָלט דאָס אונז געווען אומדערטרעג-לעך. אָבער אַ שילדערונג פון דער שיינקייט פון זון-אויפגאַנג פאַרלירט קיינמאָל נישט דעם אינטערעס פאַר אונז, ווייל דאָ איז דער געגנשטאַנד פון אונזער דויערנדיקן אינטערעס נישט דער פאַקט, נאָר די איבערלעבונג פון זון-אויפגאַנג.

די אופאַנישאַדן לערנען אונז, אַז מיר האָבן נישט ליב דאָס רייכטום צוליב דעם רייכטום, נאָר צוליב אונז אַליין. דאָס

הייסט: מיר פילן זיך אַליין אין אונזער רייכקייט און דעריבער האָבן מיר עס ליב. די זאַכן, וואָס וועקן אונזערע געפילן, וועקן אויך אונזער זעלבסט-געפיל. עס איז פונקט, ווי מיר באַרירן אַ האַרפן-סטרונע: איז די באַרירונג צו שוואַך, שפירן מיר נישט קיין שום אַנדער זאַך, ווי די באַרירונג אַליין; אָבער ווען זי איז שטאַרק, קערט זי זיך אום צו אונז אין קלאַנגען און מאַכט שטאַרקער אונזער באַוווסטזיין.

עס עקזיסטירט די וועלט פון דער נאַטורוויסנשאַפט. אַלדאָס פערזענלעכע איז פון איר זאָרגעוודיק אויסגעמעקט. דאָ האָבן נישט אונזערע געפילן וואָס צו טאָן. אָבער מיט דער גרויסער ברייטער וועלט פון ווירקלעכקייט שטייען מיר אין פערזענלעכע באַציונגען. מיר מוזן זי נישט נאָר דערקענען און דאַן אָפּלייגן אין אַ זייט, נאָר מיר מוזן זי פילן, ווייל בעת מיר פילן זי, פילן מיר זיך גופא.

ווי אַזוי אָבער קענען מיר ברענגען צום אויסדרוק אונזער פערזענלעכקייט, וועלכע מיר קענען בלויז מיט דער הילף פון אונזער געפיל? דאָס, וואָס אַ נאַטורפאָרשער דערקענט, קען ער דורך דער אַנאַליזע און דעם עקספּערימענט לערנען אַנדערע. אָבער דאָס, וואָס אַ קינסטלער האָט צו זאָגן, קען ער נישט פשוט אויסדריקן דורך באַלערנדיקע דערקלערונגען. כדי צו זאָגן, וואָס איך ווייס וועגן דער רויז, איז גענוג די איינפאַכסטע שפּראַך, אָבער גאַנץ אַנדערש איז, ווען איך וויל זאָגן, וואָס איך שפּיר ביי דער רויז. דאָס האָט שוין נישט צו טאָן מיט קיין אויסערלעכע פאַקטן, אָדער נאַטורגעזעצן, — ס'איז אַ זאַך פון שיינקייטס-חוש, וואָס קען אויפגענומען ווערן בלויז דורכן שיינקייטס-חוש. דעריבער זאָגן אונזערע אַלטע מייסטער, אַז דער דיכטער דאַרף באַנוצן ווערטער, וואָס האָבן זייער אייגענעם דופּט און זייער אייגענע פאַרב, וועלכע זאָלן נישט נאָר ריידן, נאָר אויך מאָלן און זינגען. ווייל בילדער און לידער זענען נישט סתם קיין פאַקטן, — זיי זענען פערזענלעכע איבערלעבונגען. זיי זענען נישט נאָר זיי אַליין, נאָר זיי דריקן אויס אויך אונזער

ווערן. זיי לאָזן זיך נישט אַנאַליזירן און האָבן אַן אומיטלבאַרן צוטריט צו אונזער האַרץ.

אמת, מיר מוזן צוגעבן, אַז דער מענטש אַנטפּלעקט זיין פּערזענלעכקייט אויך אין דער וועלט פון נוצלעכקייט. אָבער דאָ איז זיין זעלבסט-אַנטפּלעקונג נישט זיין ערשטער און עיקרדיקסטער צוועק. אין טאָג-טעגלעכן לעבן, ווו אונזער האַנדלען ווערט צומייסטן באַשטימט דורך אונזערע געוווינהייטן, זענען מיר קאַרג אויף דערדאָזיקער זעלבסט-אַנטפּלעקונג, ווייל אונזער זעלן-באַוווסטזיין געפינט זיך דאָרט אין צושטאַנד פון אָפּפלוס; עס האָט אַקורשט צוזאַ שטראָם, וויפל ס'איז נויטיק עס זאָל קענען פליסן אין די קאַנאַלן פון זיינע געוווינהייטן. אָבער ווען אונזער האַרץ דערוואַכט אין פולקייט פון ליבע, אָדער פון אַן אַנדער גרויסן געפיל, דאַמאָלסט קומט אָן פאַר אונזער פּערזענלעכקייט איר צופלוס-צייט. דאַמאָלסט פילט זי אַ דראַנג צו אַנטפּלעקן איר אינטימסטן ווען — צוליב דער אַנטפּלעקונג גופא. דאַמאָלסט קומט די קונסט, און מיר פאַרגעסן די פּאָדערונגען פון נויט און די מעלות פון דער נוצלעכקייט, — דאַמאָלסט ווילן די טורעמס פון אונזער טעמפל קושן די שטערנס אין הימל און די טענער פון אונזער מוזיק — דערגרינדן די טיפעניש פון דאָס, וואָס קען מיט קיין ווערטער נישט אויסגעדריקט ווערן.

די מענטשלעכע ענערגיען, וואָס וואַנדלען פּאַראַלעל אויף צוויי אָפּגעטיילטע וועגן — דעם וועג פון נוצן און דעם וועג פון זעלבסט-אַנטפּלעקונג — האָבן תמיד דעם פאַרלאַנג זיך צו טרעפן און זיך צו פאַראייניקן. אַרום די געגנשטאַנדן פון אונזער נוצלעכקייטס- וועלט לייגט זיך אָפּ ביסלעכווייז אַ גאַנצע שיכט געפילן, וואָס לאַדן איין די קונסט, זי זאָל זיי אַנטפּלעקן. אין פאַרצירטן שווערד פון קעמפער קומט אַזוי אַרום צום אויסדרוק זיין שטאָלץ און זיין ליבע, און אין בליצנדיקן וויין-בעכער — די חברשאַפט פון יום-טובלעכע סעודות.

בדרך כלל צייכנט זיך נישט אויס דאָס בית־רא פון אַדהאָקאַט מיט שיינקייט, און דאָס איז באַגרייפלעך. אָבער אין אַ שטאָט, ווו די מענטשן זענען שטאָלץ מיט זייער בירגערשאַפט,

מוז דורכדריקער שטאַלץ קומען צום אויסדרוק אין דער בויאַרט פון די עפנטלעכע בנינים. ווען די בריטישע רעגירונג האָט איבערגעטראָגן איר זיץ-אָרט פון קאַלקוטאַ קיין דעלהי און די לעצטע איז געוואָרן די הויפּט-שטאָט, האָט מען זיך בעראַטן וועגן דעם בוי-סטיל פון דער נייער רעגירונגס-געביידע. אייניקע האָבן פאָרגעשלאָגן דעם אינדישן סטיל פון דער מאָנגאָלן-תקופה — דעם סטיל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַדאַנק דער פאַראייניקונג פון מאָנגאָלישן און אינדישן גייסט. מ'האָט דערביי אַרויסגעלאָזן פון אויג דעם אמת, אַז יעדע עכטע קונסט האָט איר מקור אין געפיל. סיי די מאָנגאָלישע רעלהי, סיי די מאָנגאָלישע אַגראַ ברענגען צום אויסדרוק אין זייערע בנינים מענטשלעכע פּערזענלעכקייט. די מאָנגאָלן-קייסאָרים זענען געווען מענטשן און נישט מתּם פאַרוואַלטונגס-באַאַמטע. זיי האָבן געלעבט און געשטאָרבן, ליב געהאַט און געקעמפט — אין אינדיע. דער זכרון וועגן זייער הערשאַפט לעבט נישט אין חורבות פון פּאַבריקן און אַמאָליקע בנינים, נאָר אין אומשטערבלעכע קונסט-ווערק, נישט נאָר אויפן געביט פון אַרכיטעקטור, נאָר אויך פון מאָלעריי, מוזיק, קונסט-האַנטווערקעריי אין שטיין און מעטאַל און אין דער וועב-קונסט. אָבער די בריטישע רעגירונג אין אינדיע האָט קיין שום פּערזענלעכעס נישט. זי איז נישט מער ווי אַמטלעך — און דעריבער אַבסטראַקט. זי האָט נישט וואָס אויסצודריקן אין דער עכטער שפּראַך פון קונסט. ווייל געזעץ, מעכאַנישע פעיקייט און עקספּלואַטאַציע פאַרקערפּערט זיך נישט אין שטיינערנע העלדנגעדיכטן. לאָרד לייטאָן,*) וועלכער האָט, צו זיין אומגליק, פאַרמאָגט מער פאַנטאַזיע, ווי כל ס'איז נויטיק פאַר אַ אינדישן וויצע-קעניג, האָט געפּרוּווט נאָכצומאַכן איינע פון די מאָנגאָלישע מלוכה-פייערלעכקייטן, די דורבאַר-צערעמאָניע.**) אָבער אַזעלכע

*) עדוואַרד ראָבערט בולווער-לייטאָן, דער זון פון דיכטער עדוואַרד בולווער און אַליין אַ דיכטער, 1876 — 1880 וויצע-קעניג אין אינדיע.

**) פּערסיש דורבאַר אָדער דאַרבאַר, אוידיענץ, עפנטלעכע אויפנאַמע פון די מאָנגאָלישע פירשטן.

מלוכה-פייערלעכקייטן זענען קונסטווערק. זיי זענען פאַרוואָרצלט אין די נאַטירלעכע קאָנקרעטע פּערזענלעכע באַציאונגען צווישן פאָלק און זיין מאַנאַרך. ווען זיי ווערן קאָפּירט, טראָגן זיי אויף זיך אַלע סימנים פון נישט-עכטקייט.

ווען מיר פאַרגלייכן די קליידונג פון מאַן און פון דער פרוי, ווערט אונז בולט דער אופן, ווי אַזוי צוועקמעסיקייט און געפיל קומען צום אויסדרוק אין פאַרשידענע פאָרמען. דער מאַן מיידט אויס, בדרך כלל, אַלדאָס איבעריקע, וואָס דינט בלויז אַלס פוץ. די פרוי דאַקעגן קלויבט אויס, לויט איר טבע, דאָס דעקאָראַטיווע נישט נאָר אין דער קליידונג, נאָר אויך אין איר באַנעמונג און אין איר גאַנצן לעבנס-שטייגער. כדי צו אַנט-פּלעקן דאָס, וואָס זי שטעלט פאָר מיט זיך באמת, מוז זי זיין שיין און האַרמאָניש, ווייל לויט איר אויפגאַבע אויף דער דאָ-זיקער וועלט איז זי אַ סך קאָנקרעטער און פּערזענלעכער ווי דער מאַן. זי וויל נישט געשעצט ווערן לויטן נוצן, וואָס זי ברענגט, נאָר לויט דער פרייד, וועלכע זי פאַרשאַפט. דעריבער איז זי תמיד אָפּגעלייגט אויף דעם, צו ברענגען צום אויסדרוק נישט איר באַרוף, נאָר איר פּערזענלעכקייט.

היות ווי דער הויפּט-ציל פון דער קונסט איז דער אויס-דרוק פון דער פּערזענלעכקייט, און נישט פון אַ וועלכער נישט-איז אבסטראַקטער אָדער אַנאַליזירבאַרער זאַך, דעריבער באַנוצט זי מיט נויטווענדיקייט די שפּראַך פון מאַלעריי און מוזיק. דאָס האָט אונז געבראַכט אויפן פאַלשן געדאַנק, אַז דער ציל פון דער קונסט איז די שאַפונג פון שיינקייט. אָבער אינדער-אמתן איז די שיינקייט פאַר דער קונסט נישט מער ווי אַ מיטל, זי איז נישט איר גאַנצער און לעצטער זין.

זייער אָפט האָט מען באַהאַנדלט די פראַגע, צי איז נישט אַמאָל די פאָרם אַ מער וועזנטלעכער עלעמענט פון דער קונסט ווי דער שטאָף. מיט אַזעלכע באַטראַכטונגען קומט מען נישט שנעלער צום ציל, ווי ווען מ'זאָל וועלן אָנפילן מיט וואַסער אַ טון אָן אַ דעק. ווייל מ'גייט דערביי אַרויס פון דער הנחה, אַז די שיינקייט איז דער לעצטער ציל פון דער קונסט, און היות

דער שטאָף פאַר זיך אַליין קען דאָך נישט פאַרמאָגן די אייגנ־שאַפט פון שיינקייט, שטעלט מען זיך די פראַגע, צי איז נישט אַמאָל די פאָרם דער וועזנטלעכער פאַקטאָר פון דער קונסט.

אָבער אויף דעם וועג פון דעם אַנאַליז וועלן מיר קיינמאָל נישט אַנטדעקן דאָס אמתע וועזן פון דער קונסט. ווייל דער אמתער פרינציפּ פון קונסט איז דער פרינציפּ פון דער איינהייט. ווען מיר ווילן זיך באַקענען מיטן נאַרונגס־ווערט פון געוויסע שפּייזן, מוזן מיר אויספאָרשן די באַשטאַנד־טיילן, פון וועלכע זיי שטעלן זיך צונויף; אָבער זייער געשמאַק־ווערט באַשטייט אין זייער איינהייט און לאָזט זיך נישט אַנאַליזירן. סיי שטאָף און סיי פאָרם זענען אבסטראַקציעס, וועלכע מיר שאַפן זיך; דער שטאָף פאַר זיך אַליין געהער דער נאַטור־וויסנשאַפטלעכער באַטראַכטונג, די פאָרם אַלס אַזעלכע פאַלט אַרונטער אונטער די געזעצן פון דער עסטעטיק. אָבער דאַן, ווען זיי זענען פאַר־בונדן צו אַן איינהייט, געפינען זיך די געזעצן פון זייער האַר־מאָניע אין אונזער פּערזענלעכקייט, — וואָס איז אַן אָרגאַנישער קאָמפּלעקס פון שטאָף און פאָרם, געדאַנקען און זאַכן, מאָטיוון און האַנדלונגען.

דעריבער האַלטן מיר, אַז אַלע אַבסטראַקטע אידעען זענען אין דער אמתער קונסט נישט אויפן אָרט; כדי צוגעלאָזן צו ווערן, מוזן זיי אָננעמען אַ פּערזענלעכע געשטאַלט. פון דעם נעמט זיך, וואָס די דיכטקונסט קלייבט אויס ווערטער, וואָס זענען פול מיט לעבן, ווערטער, וואָס דינען נישט אויף סתם עפּעס איבערגעבן און זענען שוין אָפּגעריבן דורך כסדרדיקער באַנוצונג, נאָר אַזעלכע, וואָס זענען היימיש אין אונזער האַרצן. למשל, דאָס וואָרט „באַוווסטזיין" איז נאָך נישט אַרויס פון זיין סכאָלאַסטישן פּאָפּקע־צושטאַנד און האָט נאָך נישט אָנגעהויבן זיין פּלאַטערל־עקזיסטענץ, דעריבער טרעפט איר עס זעלטן אין דער פּאָעזיע, אָבער דאָס אינדישע וואָרט „צעטאַנא", וואָס אַנט־שפּרעכט לויטן זין דעם אייראָפּעישן „באַוווסטזיין", פאַרמאָגט לעבעדיקע קראַפט און איז אין דער פּאָעזיע גאַנץ היימיש, פאַרקערט ווידער, דאָס וואָרט „געפיל" פולסירט מיט לעבן,

אָבער דאָס בענגאַלישע „אַנובהוט“, האָט נישט קיין צוטריט צו דער פּאָעזיע, ווייל ס'האָט נאָר אַ זין, אָבער נישט קיין דופט. אַזוי זענען אויך דאָ נאַטור-וויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע אמתן, וואָס האָבן באַקומען די פאַרב און דעם געשמאַק פון לעבן, און פאַרקערט, אַנדערע, וואָס זענען געבליבן אבסטראקט און אומפּערזענלעך. כּל זמן זיי זענען דאָס, מוזן זיי בלייבן מחוץ דער יום-טוב-סעודה פון דער קונסט, ווי רייע גרינגס. כּל זמן די געשיכטע נעמט זיך אַלס מוסטער די נאַטור-וויסנשאַפט און באַוועגט זיך אין אַבסטראַקציעס, בלייבט זי מחוץ דער ספערע פון ליטעראַטור. אָבער דאַן, ווען זי שילדערט געשעענישן, שטייט זי זייט ביי זייט מיטן עפּאָס, ווייל די שילדערונג פון געשעענישן מאַכט אונז פּערזענלעך נאָענט די צייט, אין וועלכער זיי האָבן זיך פאַרלאָפן. דורך זיי ווערט יענע צייט לעבעדיק פאַר אונז; מיר פילן ווי עס שלאָגט איר האַרץ.

די וועלט און די פּערזענלעכקייט פון מענטשן שטייען איינער קעגן צווייטן פּנים אל פּנים ווי פריינט, וועלכע ביַיטן זיך מיט זייערע אינטימסטע סודות. די וועלט פרעגט דעם אינער-לעכן מענטשן: „פריינט, זעסטו מיך? האָסטו מיך ליב? — נישט אַלס אַזעלכע, וועלכע גיט דיר נאַרונג און פאַרשאַפט דיר געניס, נישט אַלס אַזעלכע, וועמעס געזעצן דו האָסט אַנטדעקט, נאָר אַלס אַ פּערזענלעך וועזן?“

דער קינסטלער ענטפערט: „יאָ, איך זע דיך, כ'קען דיך און כ'האָב דיך ליב, — נישט ווייל כ'נויטיק זיך אין דיר, נישט דערפאַר, ווייל כ'וויל אויסנוצן דיינע געזעצן פאַר מיינע איי-גענע מאַכט-צוועקן. כ'קען די כּוחות, וועלכע ווירקן און שאַפן אין דיר און וועלכע פירן צו מאַכט, אָבער נישט דאָס האָב איך ליב. כ'זע דיך און כ'האָב דיך ליב דאָרט, ווו דו ביסט גלייך מיט מיר.“

וויאַזוי אָבער קענען מיר וויסן, צי דער קינסטלער האָט דערקענט דאָסדאָזיקע וועלט-איך און עס אָנגעקוקט פּנים אל פּנים?

ווען מיר טרעפן זיך צום ערשטן מאָל מיט עמיצן, וואָס

איז נאָך נישט אונזער פריינט, באַמערקן מיר אומציילִיקע נישט-וויכטיקע שטריכן, וועלכע ציען צו אונזער אויפמערקזאַמקייט פון ערשטן בליק אָן; און אין דעם געדראַנג פון פאַרשידענע איינצלהייטן פאַרלירן מיר דעמיעניקן, וועלכער דאַרף ווערן אונזער פריינט.

ווען אונזער שיף האָט געאַנקערט ביים יאַפּאַנישן ברעג, האָט זיך צווישן די פּאַסאַזשירן געפונען אַ יאַפּאַנער, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון ראַנגון אין זיין היימלאַנד, בעת אַלע אַנדערע האָבן צום ערשטן מאָל אין לעבן געשטעלט די פוס אויפן דאָזיקן ברעג. ס'איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד אין אופן, וויאַזוי מיר און ער האָבן געזען. מיר האָבן געזען יעדן קלענסטן פּרט, און אומציילִיקע, אומבאַדייטנדיקע זאַכן האָבן געצויגן צו זיך אונזער אויפמערקזאַמקייט. אָבער דער יאַפּאַנער האָט זיך תיכף אָפּגעטובלט אין דער פּערזענלעכקייט, אין דער זעלע פון לאַנד, וווּ זיין אייגענע זעלע האָט געפונען באַפרידי-קונג. ער האָט געזען ווייניקער זאַכן פאַר אונז, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזען, איז געווען די זעלע פון יאַפּאַניע. דער וועג צו איר האָט נישט געפירט דורך אַ וואָס גרעסערער צאָל באַמערקטע איינצלהייטן, נאָר דורך עפּעס אומזעבאַרס, וואָס איז גאַנץ טיפער. דורכדעם, וואָס מיר האָבן געזען יענע אַלע אומציילִיקע זאַכן, האָבן מיר נישט געזען יאַפּאַניע בעסער ווי ער, אדרבה, די זאַכן האָבן פאַרשטעלט פון אונז די אמתע יאַפּאַניע.

ווען מיר בעטן איינעם, וואָס איז נישט קיין קינסטלער, אויסצומאָלן וועלכן-נישט-איז באַזונדערן בוים, באַמיט ער זיך איבערצוגעבן געטריי יעדע איינצלהייט, ווייל ער האָט מורא, אַז נישט קען, חלילה, פאַרלוירן גיין די אייגנטימלעכקייט פון בוים; ער פאַרגעסט, אַז די אייגנטימלעכקייט פון בוים איז נאָך נישט זיין פּערזענלעכקייט. אָבער ווען עס קומט דער אמתער קינסטלער, לייגט ער נישט קיין גרויס אַכט אויף די איינצל-הייטן און טרעט גלייך צו צו דאָס, וואָס איז וועזנטלעך און כאַ-ראַקטעריסטיש פאַרן בוים.

אויך אונזער שכל זוכט פאַר דער פילקייט פון די דערשיינונגען אַן אינערעס, איינהייטלעכעס פּרינציפּ; ער פּרוווט זיך צו באַפרייען פון די איינצלהייטן און אַריינצודרינגען אין קערן פון די דערשיינונגען, צו זייער איינהייטלעכן וואָרצל. אָבער דער אונטערשייד באַשטייט אין אָט וואָס: דער נאַטורפאָרשער זוכט אַן אומפּערזענלעכן איינהייטס-פּרינציפּ, וואָס לאָזט זיך אָנווענדן אויף אַלע זאַכן. ער צעשטערט, למשל, דעם מענטשלעכן קערפּער, וואָס איז עפּעס אינדיווידועלעס, אין נאָמען פון דער פיזיאָלאָגיע, וואָס איז אומפּערזענלעך און אַלגעמיין.

אָבער דער קינסטלער דערקענט דאָס אייגנאַרטיקע, דאָס אינדיווידועלע, וואָס געפינט זיך אין קערן פון קאָסמאָס. ווען ער באַטראַכט דעם בוים, זעט ער אין אים דאָס איינציקאַרטיקע, נישט דאָס אַלגעמיין-טיפּישע, ווי דער באָטאַניקער, וואָס טיילט אַלץ איין אין קלאַסן. ס'איז די אויפגאַבע פון קינסטלער איבערצוגעבן די אייגנאַרט פון דאָזיקן איין בוים. ווי אַזוי באַווייזט ער דאָס? נישט דורכדעם, וואָס ער ווייזט אויף די באַזונדערע אייגנטימלעכקייט, וואָס איז דער פאַלשער טאָן פון זיין אייגנאַרט, נאָר די זעלע, די פּערזענלעכקייט פון בוים, וואָס איז האַרמאָניע. דעריבער מוז ער ברענגען צום אויסדרוק דאָס צוזאַמענקלינגען פון דערדאָזיקער דערשיינונג מיט אַלע דערשיינונגען פון אַרום.

די גרויסקייט און שיינקייט פון דער אָריענטאַלישער, באַזונדערס פון דער יאַפּאַנישער און כינעזישער קונסט באַשטייט אין דעם, וואָס די קינסטלער האָבן דערקענט די דאָזיקע זעלע פון די דערשיינונגען און גלויבן אין איר. די מערב-וועלט גלויבט נאָך אפשר אין דער זעלע פון מענטשן, אָבער זי גלויבט נישט באמת, אַז דער קאָסמאָס האָט אַ זעלע. אָבער דאָס איז דער גלויבן פון דער מזרח-וועלט, און די גאַנצע גייסטיקע עשירות, וואָס דער אָריענט האָט געבראַכט אַ מתנה דער מענטשהייט, איז אויסגעפילט פון דערדאָזיקער אידעע. מיר, מזרח-מענטשן, פילן נישט דעריבער קיין באַדערפעניש אונטערצושטרייכן איינצלהייטן, ווייל דאָס וועזנטלעכע פאַר אונז איז די וועלט-זעלע

וועגן וועלכער אונזערע חכמים האָבן געדענקט און אונזערע קינסטלער האָבן זי געבראַכט צום אויסדרוק.

דערפאַר, ווייל מיר, מזרח מענטשן, באַזיצן דעם גלויבן אין דערדאָזיקער וועלט-זעלע, ווייסן מיר, אַז אמת, מאַכט און שיינקייט קען מען געפינען דאָרט, וווּ ס'איז דאָ פשוטקייט, וווּ דער אינערלעכער בליק ווערט נישט געשטערט דורך אויסערלעכע זאַכן. דעריבער האָבן אונזערע אַלע חכמים זיך באַמיט צו לעבן איינפאַך און ריין, ווייל אַזוי אַרום האָבן זיי געלעבט אין אַ אמת, וואָס איז אפילו אומזעבאַר, אָבער דאָך ווירקלעכער פאַר דעם, וואָס רייסט די אויגן דורך צאָל און מאָס.

ווען מיר זאָגן, אַז די קונסט האָט נאָר צו טאָן מיט פערזענלעכע אמתן, האָבן מיר דערמיט נישט בדעה אויסצושליסן די פילאָזאָפישע אידעען, וואָס זענען, דוכט זיך, אַבסטראַקט. זיי זענען גאַנץ היימיש אין אונזער אינדישער דיכטונג, ווייל זיי זענען פאַרבונדן מיט אַלע פעדים פון אונזער פערזענלעכן לעבן. כ'וויל דאָ ברענגען אַ ביישפּיל, וואָס זאָל אויפקלערן דעם ענין. כ'לייג דאָ פאָר אַן איבערזעצונג פון אַ אינדישן ליד, וואָס אַ דיכטערין פון מיטל-אַלטער האָט פאַרפאַסט, און וואָס באַזינגט דאָס לעבן.

דאָס לעבן באַגריס איך: ווי דער שפּראָצנדער ווייץ-זאָמען
גרייפט עס מיט איין האַנט אינדערהויך אין דעם ליכט, און מיט דער צווייטער – אין טונקל אַראָפּ;
דאָס לעבן, וואָס איז איינס אין זיין אויסערער פאָרם
און אין זיין אינערלעכן זאַפט;
דאָס לעבן, וואָס טוט כסדר אויפטויכן און טוט כסדר
פאַרזינקען.
כ'גריס דאָס לעבן, וואָס קומט, און דאָס לעבן ,וואָס
גיים אַוועק;
כ'גריס דאָס לעבן, וואָס אַנטפּלעקט זיך און דאָס
לעבן, וואָס דרימלט פאַרבאָרגן;

כ׳גריס דאָס לעבן, וואָס שטייט פעסט ווי דער באַרג
אין פאַרגליווערטן שווייגן,
און דאָס לעבן, וואָס ברויזט ווי אַ פייער־ים;
דאָס לעבן, וואָס איז צאַרט ווי אַ לאָטאָס־בלום, און
דאָס לעבן, וואָס איז האַרט ווי אַ דונער־שלאָג.
כ׳גריס דאָס לעבן פון גייסט, וואָס ליכט און שאָטן
שטרייטן פאַר אים.
כ׳גריס דאָס לעבן, וואָס האָט זיין היים געפונען,
און דאָס לעבן, וואָס בלאָנקעט זיך דרויסן,
אין דער פרעמד;
דאָס לעבן, וואָס טאַנצט מיט יובל־פרייד, און דאָס
לעבן, וואָס שלעפּט זיך טויט־מיד איבער זיין וועג;
דאָס אייביק זיך־וויגנדיקע לעבן, וואָס פאַרוויגט די
וועלט צו רו,
דאָס טיפע, שטילע לעבן, וואָס רייסט זיך אַרויס אין
ברויזנדיקע כוואַליעס.

דידאָזיקע אידעע פון לעבן איז נישט סתם אַ לאָגישע אַבסטראַקציע; זי איז פאַר דער דיכטערין נישט ווינציקער לעבעדיקע ווירקלעכקייט, ווי די לופט פאַרן פויגל, וועלכער פילט זי ביי יעדן פליגל־פאָך. אין איר קינד האָט די פרוי געשפּירט דעם סוד פון לעבן אַסך טיפער, ווי דאָס איז מעגלעך געווען דעם מאַן. דידאָזיקע פרויען־נאַטור אין דער דיכטערין האָט געפילט, ווי אומעטום אין דער וועלט יוירט דאָס לעבן. זי האָט דערקענט זיין אומענדלעכקייט נישט מיטן וועג פון שכלדיקע באַגריפן, נאָר דורך דער התגלות פון איר געפיל. דיזעלבע אידעע, וואָס בלייבט פאַר אַ מענטשן מיט אַ ענג־באַשרענקטן לעבנס־געפיל אַ בלויזע אַבסטראַקציע, איז פאַר אַ מענטשן מיט אַ ברייטן לעבנס־געפיל אַ לייכטנדיק־קלאָרע ווירקלעכקייט. מיר הערן אָפט, אַז די אייראָפּעער באַטראַכטן דעם אינדישן גייסט אַלס אַ מעטאַפיזישן, ווייל ער איז תמיד גרייט צו פאַרזינקען אין אין־סוף. אָבער דערביי מוז מען גוט אין זינען האָבן, אַז דער אין־סוף איז פאַר אינדיע ע:עס מער ווי אַ געגנשטאַנד פון

פילאָזאָפישער אַבסטראַקציע; ער איז פאַר אונז נישט ווינציקער רעאַל ווי די זונענליכט. מיר קענען אָן אים נישט לעבן, מיר מוזן אים זען און פילן און אים פאַרוועבן מיט אונזער לעבן. דעריבער טרעפן מיר אים כסדר אין דער ליטעראַטור און אין דער סימבאָליק פון אונזער גאָטעסדינסט. דער דיכטער פון די אופּאַנישאַדן זאָגט: „ווען דער רוים וואָלט נישט פול געווען פון אומענדלעכער פרייד, וואָלט נישט מעגלעך געווען אפילו דאָס מינדסטע דערוואַכונג פון לעבן".*) דערדאָזיקער אין-סוף, וואָס פילט אַלץ אויס, איז פאַר אים געווען נישט ווינציקער רעאַל, ווי די ערד אונטער זיינע פיס, אדרבה, נאָך מער ווי זי. אַ ליד פון אַ אינדישן דיכטער פון 15-טן יאָרהונדערט**) דריקט אויס דאָסדאָזיקע געפיל:

לעבן און טויט בייטן זיך אָפּ דאָרט אין ריטמישער
שפּיל,
דאָרט שפּרודלט אַנטציקונג און דער רוים שטראַלט
פון ליכט,
די לופט קלינגט דאָרט פון מוזיק, פון דעם ליבעס-
כאָר פון דריי וועלטן,
דאָרט ברענען מיליאָנען לאָמפּן פון זונען און לבנות,
דאָרט דונערט דער פויק און די ליבע שוועבט אויף
אין שפּיל,

*) טאַי טיריאַ — אופּאַנישאַד 2, 7, 1.

**) קאַביר — איינער פון די באַגרינדער פון דער נייערער אינדישער מיסטיק, אַ זון פון אַן אָרעמען כאַכמעדאַנישן וועבער אין בענאַרעס, געלעבט בערך פון 1440 ביז 1518. ראַמאַנאַנדאַס אַ תלמיד, האָט ער געפּרעדיקט זיין רעליגיע פון ליבע צו גאָט, אין וועלכער די אינדישע און מאַכמעדאַנישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען האָבן זיך צוזאַמענגעוועבט, און ביידע לאַגערס האָבן אים פאַרפאָלגט אַלס אַפּיקורס, און לסוף, אין 1495, איז ער פאַרטריבן געוואָרן פון בענאַרעס. קשיטי מאָהאַן סען, אַ לערער אין טאַגאָרס שולע, האָט פון שריפטלעכע מקורים און מינדלעכע איבערליפערונגען צונויפגעזאַמלט זיינע לידער און אַרויסגעגעבן אין פיר בענדער. פון די דאָזיקע לידער האָט טאַגאָר אין 1915 אַרויסגעגעבן אַן אויסוואַל אין ענגליש אין זיין אייגענער איבערזעצונג אינטערן נאָמען: לידער פון קאַביר. קאַביר פלעגט אונטערשרייבן זיינע לידער אויף פאָלגנדיקן אופן: און אָנהייב פון דער לעצטער סטראָפע פלעגט ער שרייבן: „קאַביר זאָגט".

דאָרט קלינגען לידער פון ליבע, און ליכט שטראָמט
אַראָפּ ווי אַ פליי־רעגן.

אונזער אינדישע דיכטונג איז צום גרעסטן טייל רעליגיעז, וויל גאָט איז פאַר אונז נישט קיין גאָט פון ווייטע הימלען. אין אונזערע היימען איז ער אונז נישט ווייניקער נאָנט, ווי אין אונזע־ע טעמפּלען. מיר פילן זיין נאָנטקייט אין אַלע מענטש־לעכע באַציונגען פון ליבע און פריינטשאַפט, און אויף אונזערע שמחות איז ער דער חשובסטער גאַסט. אין דער בליטן־פּראַכט פון פרילינג, אין די גוס־רעגנס פון זומער, אין דער פרוכט־פולקייט פון האַרבסט זעען מיר דעם זוים פון זיין מאַנטל און מיר הערן זיינע טריט. וואָס מיר זאָלן נישט מיט אַן אמת פאַרערן, פאַר־ערן מיר אים; וואָס מיר זאָלן נישט מיט אַן אמת ליב האָבן, האָבן מיר ליב — אים. אין דער גוטער פרוי פילן מיר אים; אין אַ איש־אמת דערקענען מיר אים; ער ווערט געבוירן אין אונזערע קינדער, ער, דאָס אייביקע קינד. דעריבער זענען אונזערע ליבעס־לידער — רעליגיעזע לידער, און אונזערע היי־מישע איבערלעבונגען, — ווי דאָס געבורט פון אַ זון, אָדער דאָס אומקערן זיך פון דער טאָכטער פון איר מאַנס הויז אין הויז פון אירע עלטערן און איר נייע צעשיידונג — האָבן אין אונזער דיכטונג באַקומען אַ סימבאָלישע באַדייטונג.

אַזוי אַרום גרייכט דאָס געביט פון דער דיכטקונסט ביז אין דער ספערע אַריין, וואָס איז איינגעהילט אין געהיימניש־פולער טונקלקייט און גיט איר ליכט און לשון. זי פאַרנעמט אַלץ נייע און נייע געביטן, ווי דער מענטשלעכער גייסט אויפן געביט פון אמת. זי דרינגט אַריין נישט נאָר אין דער געשיכטע, אין דער נאַטורוויסנשאַפט און אין דער פילאָזאָפיע, נאָר אויך אין אונזער סאָציאַלן לעבן, אויף וויפל אונזער באַוווסטזיין ווערט גרעסער און נעמט אַרום מיט ליבע און פאַרשטענדעניש אונזער סביבה. אין דער קלאַסישער ליטעראַטור פון דער אַלטער צייט געפינט איר נאָר הייליקע, קעניגן און העלדן. זי האָט נישט געוואָרפן איר ליכט אויף די מענטשן, וועלכע האָבן ליב געהאַט און געליטן אין שאָטן. אָבער דאָסזעלבע, ווי דאָס ליכט פון

מענטשלעכן גייסט וואַרפט זיין שיין איבער אַלץ אַ גרעסערן שטח און דרינגט אַריין אין פאַרבאָרגענע ווינקלען, אַזוי פאַרלאָזט אויך די קונסט אירע אַמאָליקע גרעניצן און שטעלט טריט אין נישט-אויסגעפאָרשטע געביטן. אַזוי אַרום איז די קונסט מבשר דעם מענטשנס טריומף-מאַרש איבער דער וועלט, ווייל זי פלאַנצט איין סימבאָלן פון שיינקייט אין ערטער, וווּ עס קלינגט קיינמאָל קיין שטימע נישט און עס לייכט קיינמאָל קיין פאַרב נישט. זי וועבט דעם מענטשנס פאָן, אונטער וועלכער ער גייט פאָרויס אין זיין קאַמף קעגן דאָס פוסטע און אינערטישע און מאַכט הערשן די רעכט פון לעבן איבער אַלע געביטן פון גאָטס יצירה. אפילו דער גייסט פון מדבר האָט אָנערקענט זיין קרובה־שאַפט מיט אים, און די איינזאַמע פיראַמידן שטייען דאָרט אַלס דענקמעלער פון דערהויבענעם שוויגן, אין וועלכע ס'באַגעגנען זיך די נאַטור און דער מענטשלעכער גייסט. די טונקלקייט פון היילן האָט געשענקט דער מענטשן-זעלע איר שטילקייט און דערפאַר פאַרבאָרגענהייט געקרוינט געוואָרן מיטן קראַנץ פון דער קונסט. גלאָקן קלינגען אין טעמפּלען, אין דערפער און רייך־באַפעלקערטע שטעט און זענען מבשר, אַז דאָס אומענדלעכע איז פאַרן מענטשן נישט סתם אַ תורה. דידאָזיקע זעלבסט-אויסשפּרייטונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט האָט נישט קיין גרעניצן, און אַפילו די מאַרק-פּלעצער און פאַבריקן פון אונזערער צייט, אפילו די תפיסות, אין וועלכע מ'שפּאַרט איין פאַרברעכער, און די שולן, אין וועלכע מ'שפּאַרט איין קינדער, ווערן דורך דער באַרירונג מיט דער קונסט געמילדערט און פאַרלירן אַביסל פון זייער אומברחמנותדיקער לעבנס-פּיינטלעכקייט. ווייל דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט האָט אַן אומבאַצווינגבאַרן דראַנג אַרויפצודריקן דעם שטעמפּל פון איר גייסט אויף אַלץ, צו וואָס זי קומט אין אַ נעענטערער באַציונג. און די קונסט איז די גרינע פלאַנץ, וואָס וואַקסט, ווי ווייט דער מענטש האָט דעראָבערט דעם מדבר.

מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, אַז אומעטום, וווּ די באַציונג פון אונזער האַרץ צו דער וועלט שטייגט אַריבער די

גרעניצן פון דעם נויטוועגדיקן, ווערט געבוירן קונסט. מיט אַנדערע ווערטער: דאָרט, ווו אונזער פערזענלעכקייט פילט איר רייכקייט, צעבליט זי זיך אין שיינקייט. דאָס, וואָס מיר האָבן גויטיק פאַר אונזערע באַדערפנישן, ווערט איינגאַנצן פאַרצערט און לאָזט נישט איבער נאָך זיך קיין שפור. דאָס אָבער, וואָס שטייגט זיי אַריבער, נעמט אָן אַ געשטאַלט. די גאָרע נוצלעכקייט איז גלייך צו דער היץ, זי איז טונקל. ווען זי שטייגט זיך אַריבער, ווערט זי ווייס און לייכטנדיק, דאַמאָלסט האָט זי געפונען איר אויסדרוק.

לאָמיר נעמען אַלס אַ ביישפּיל אונזער פרייד ביים עסן. זי שעפּט זיך גלייך אויס, זי גיט אונז נישט קיין שום אָנונג וועגן דעם אומענדלעכן. און כאָטש דידאָזיקע ליידנשאַפט איז אַלגעמיינער און מער פאַרשפּרייט ווי וועלכע נישט איז אַנדערע ליידנשאַפט, האָט זי נישט דעריבער קיין צוטריט אין דער ממשלה פון קונסט. דאָ האָט זי דעמזעלבן מזל, ווי דער אימיגראַנט אויפן אַמעריקאַנישן באָדן, ווען ער קומט מיט אַ ליידיקן טייסטער.

אין אונזער לעבן איז דאָ אַן ענדלעכע זייט, ווו מיט יעדן שריט גיבן מיר זיך אויס איינגאַנצן, אָבער מיר האָבן אויך אַ צווייטע זייט, ווו אונזער שטרעבן, אונזער פרייד און אונזערע קרבנות זענען אומענדלעך. דידאָזיקע אומענדלעכע זייט פון מענטשן אַנטפּלעקט זיך אין סימבאָלן, וואָס פאַרמאָגן אין זיך אַ ניצוץ פון דעם וועזן פון אומשטערבלעכקייט. אין זיי וויל זי ברענגען צום אויסדרוק די פולקאָמענקייט. דעריבער וואַרפט זי אָפּ אַלץ, וואָס איז נישטיק, שוואַך און זינלאָז. זי בויט אויף פאַר זיך אַ גן-עדן און באַנוצט דערביי נאָר אַזעלכע בוישטיינער, וועלכע האָבן אָפּגעוואָרפן פון זיך די פאַרגענגלעכקייט פונם ערדישן.

ווייל די מענטשן זענען קינדער פון ליכט, ווי נאָר זיי דערקענען זיך ביזן גרונט, פילן זיי זייער אומשטערבלעכקייט. און אין דער מאָס, אויף וויפל זיי פילן זי, שפּרייטן זיי אויס די ממשלה פון דער אומשטערבלעכקייט אויף יעדן געביט פון מענטשלעכן לעבן.

און אַט דערצו טאַקע איז די קונסט באַרופן: אויפצובויען די אמתע וועלט פון מענטשן, די לעבעדיקע וועלט פון אמת און שיינקייט.

דער מענטש איז אין דער פולער מאָס ער אַליין, ווען ער פילט זיין אומענדלעכקייט, ווען ער איז געטלעך, און דאָס געטלעכע איז דאָס שעפערישע אין אים. דעריבער איז ער שעפעריש, ווי נאָר ער דערגראַבט זיך צו זיין אמתן וועזן. ער קען באמת לעבן אין זיינע אייגענע מעשי-בראשית, פאַרוואַנדלענדיק גאָטס וועלט אין זיינע אַן אייגענע. דאָס איז באמת זיין אייגענער הימל, דער הימל פון פולקאָמען געשטאַלטעטע אידעען, מיט וועלכע ער רינגלט זיך אַרום; ווו עס ווערן געבוירן זיינע קינדער, וו זיי לערנען, וויאַזוי צו לעבן און שטאַרבן, מוזן ליב האָבן און קעמפן, וו זיי לערנען, אַז דאָס רעאַלע איז נישט נאָר דאָס אויסערלעך-געזעענע און אַז עס זענען נאָך דאָ אויך אַנדערע ווערטפולע זאַכן, חוץ די אוצרות פון דער ערד. ווען דער מענטש זאָל קענען הערן די שטים, וואָס שטייגט אויף פון הארץ פון זיין אייגענער יצירה, וואָלט ער פאַרנומען די זעלבע בשורה, וועלכע דער אינדישער חכם האָט מבשר געווען אין דער אַלטער צייט:

„הערט מיך אויס, איר קינדער פון דעם אומשטערבלעכן, איר באַוווינער פון הימלישע וועלטן, כ׳האָב דערקענט דעם העכסטן, וואָס קומט צו אונז אַלס ליכט פון יענער זייט פון דער פינסטערניש".

יאָ, דאָס העכסטע וועזן האָט זיך אַנטפּלעקט פאַרן מענטשן און אַדאַנק אים איז דערדאָזיקער גאַנצער קאָסמאָס אָנגעפילט פאַרן מענטשן מיט פערזענלעכן לעבן. דעריבער ליגן אינדיעם עולה-רגל-ערטער דאָרט, וו אונזער הארץ שפירט דעם טעם פון אומענדלעכקייט אין דער פאַרייניקונג פון טייך און ים, אָדער אין אייביקן שניי פון די באַרג-שפּיצן, אָדער אין דער איינזאַמקייט פון ים-ברעג. דאָרט האָט דער מענטש אין זיינע געשטאַלטן און טעמפּלען איבערגעלאָזן דאָזיקע וואָרט: „הערט מיך אויס, איך האָב דערקענט דעם העכסטן". אויספאָרשן

קענען מיר אים נישט, נישט אין די זאַכן פון אונזער וועלט, נישט אין אירע געזעצן; אָבער דאָרט, ווו דער הימל איז בלוי און דאָס גראָז גרין, ווו די בלום שענקט איר שיינקייט און די פרוכט איר באַטעמטקייט, ווו עס הערשט נישט נאָר דער ווילן אויפצוהאַלטן דעם מין, נאָר פרייד מיטן לעבן און ליבע צו אַלע וועזנס, מיטגעפיל און ביטול-היש, — דאָרט אַנטפּלעקט זיך אונז דאָס אומענדלעכע. דאָרט ווערן מיר נישט נאָר פאַרוואָרפן מיט פאַקטן, נאָר מיר פילן, ווי די באַנד פון פּערזענלעכער קרובהשאַפט פאַרבינדט אויף אייביק אונזער האַרץ מיט דער דאָזיקער וועלט. און דאָס איז אַ ווירקלעכקייט, אַן אמת, וועלכע מיר האָבן פאַרוועבט מיט זיך, וואָס איז אייביק פאַרבונדן מיטן העכסטן. די דאָזיקע וועלט, וואָס איר זעל רייסט זיך ליידנשאַפטלעך צום אויסדרוק אין ענדלאָזן ריטם פון אירע ליניעס און פאַרבן, מוזיק און באַוועגונג, אין שטילן פליסטער און פאַרבאָרגענע ווינקען און אין אַלע פרווון צו לאָזן אַנען דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן אין ווערטער, — די דאָזיקע וועלט געפינט איר האַרמאָניע אינם אומאויפהערלעכן פאַרלאַנג פון מענטשלעכן האַרץ, צו אַנטפּלעקן דעם העכסטן אין זיינע אייגענע שאַפונגען.

דער דאָזיקער פאַרלאַנג מאַכט אונז פאַרשווענדעריש לגבי אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן. כּל-זמן מיר זאַמלען עשירות, גיבן מיר זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון יעדן גראָשן; מיר רעכענען גענוי אויס און האַנדלען באַקלערטערהייד. אָבער ווי נאָר מיר ווילן געבן אַן אויסדרוק אונזער עשירות, אַנערקענען מיר מער נישט קיין גרענעצן. יאָ, קיינער פון אונז איז נישט אויף אַזוי פיל רייך, כּדי ער זאָל קענען געבן אַ פולן אויסדרוק דאָס, וואָס מיר פאַרשטייען אונטער רייכקייט. ווען מיר דאַרפן באַשיצן אונזער לעבן קעגן אָנגריף פון שונא, זענען מיר פאָרזיכטיק אין אונזערע באַוועגונגען. אָבער דאַמאָלסט, ווען מיר שפירן אַ דראַנג צו געבן אַן אויסדרוק אונזער פּערזענלעכער מוטיקייט, נעמען מיר אויף זיך פרייוויליק סכנות, מעג עס אונז אַפילו קאָסטן דאָס לעבן. אין טאָג-טעגלעכן לעבן זענען מיר אויס-

געוועזן מיט אונזערע הוצאות, אָבער אין פייערלעכע מאָמענטן, ווען מיר דריקן אויס אונזער פרייד, זענען מיר אַזוי פאַרשווענדעריש, אַז מיר רעכענען זיך נישט מיט דער קעשענע. ווייל בעת מיר שפירן אינטענסיוו די אייגענע פּערזענלעכקייט, האָבן מיר שוין נישט קיין אויג פאַר דער טיראַניע פון די פאַקטן. מיר זענען צוריקגעהאַלטן, ווי אויסגעמאָסטן לגבי אַ מענטשן, מיט וועלכן עס פאַרבינדן אונז נאָר קלוגהייט-אינטערעסן. אָבער מיר פילן, אַז פאַר די, וועלכע מיר האָבן ליב, איז נאָך ווייניק דאָס אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן און קענען געבן. דער דיכטער זאָגט צו דער געליבטער: „כ׳האָב אַ געפיל, ווי כ׳וואָלט פון ערשטן אויגנבליק פון מיין עקזיסטענץ אָן פאַרזונקען געווען אין דעם אָנבליק פון דיין שיינקייט. ווי כ׳וואָלט דיך שוין זייט יאָרטויזנטער געהאַלטן אין מיינע אָרעמס, און דאָך איז מיין בענקשאַפט צו דיר נאָך נישט געשטילט". „די שטיינער צעשמעלצן שיר נישט פון צערטלעכקייט, ווען דער זוים פון דיין מאַנטל באַרירט זיי". ער פילט, אַז „זיינע אויגן וואָלטן וועלן אַרויספליען, ווי פויגל, כדי צו זען די געליבטע". פון שטאַנדפּונקט פון שכל זענען דאָס איבערטרייבונגען, אָבער פון שטאַנדפּונקט פון הארצן, וואָס איז באַפרייט פון די צוימען פון די רעאַליטעטן, זענען דאָס אמתן.

צי דען קומט דאָס זעלבע נישט פאַר אויך אין גאָטס יצירה? אויך דאָרט זענען קראַפט און שטאָף בלויז רעאַליטעטן; זיי קענען געמאָסטן און געוויגן ווערן און עס ווערט געפירט וועגן זיי אַ גענויער חשבון. אָבער די שיינקייט איז נישט בלויז אַ רעאַליטעט; זי לאָזט זיך נישט באַרעכענען, מ׳קען נישט אָפּשאַצן איר ווערט און פאַרנאָטירן. זי איז אויסדרוק. רעאַליטעטן זענען די בעכערס, וואָס האַלטן דעם ווייַן, — ער פאַרדעקט זיי און פליסט זיי אַריבער. די שיינקייט איז אומענדלעך אין אירע מאַניפעסטירונגען און פאַרשווענדעריש אין איר שפּראַך. און נאָר די זעל, — אָבער נישט די וויסנשאַפט, — קען פאַרשטיין דידאָזיקע שפּראַך. זי זינגט, ווי יענער דיכטער: „כ׳האָב אַ געפיל, ווי כ׳וואָלט פון ערשטן אויגנבליק פון מיין עקזיסטענץ

אַן פּאַרזונקען געווען אין דעם אָנבליק פון זיין שיינקייט, ווי כ'וואָלט דיך שוין זייט יאָרטויזנטער געהאַלטן אין מיינע אָרעמס, און דאָך איז מיין בענקשאַפט צו דיר נאָך נישט „געשטילט".

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז אונזער וועלט פון אויסדרוק פאַלט נישט אינגאַנצן צענויף מיט דער וועלט פון רעאַליטעטן, ווייל די פּערזענלעכקייט שטראָמט אַריבער אין אַלע ריכטונגען די גרעניצן פון די רעאַליטעטן. זי האָט דעם באַוווסטזיין פון איר אומענדלעכקייט און שאַפט פון איר שפּע אַרויס, און ווייל אין דער קונסט ווערן זאַכן געמאָסטן לויט זייער אייביקייטס-ווערט, פאַרלירן די יעניקע, וואָס זענען וויכטיק אין געוויינלעכן לעבן, זייער וויכטיקייט, ווי נאָר זיי ווערן אַרויפגעבראַכט אויפן פּיעדעסטאַל פון דער קונסט. דער צייטונגס-באַריכט וועגן אַ וואַסער-נישט-איז פאַמיליען-געשעעניש אין לעבן פון אַ געשעפטס-מאַגנאַט קען אַרויסרופן אין דער געזעלשאַפט גרויס אויפרעגונג, אָבער אין דער ממשלה פון דער קונסט פאַרלירט ער זיין גאַנצע באַדייטונג. ווען ער זאָל דורך אַ גרויזאַמען צופאַל זיך פּלוצלונג געפינען לעבן קיטס „אָדע וועגן אַ גריכישער וואַזע", וואָלט ער געמוזט פון חרפּה פאַרשטעלן זיין פּנים.

ווען מ'זאָל אָבער דיזעלבע געשעעניש באַגרייפן אין איר טיפקייט און באַזייטיקן איר קאָנווענציאָנעלע אויבערפלעכלעכקייט, וואָלט זי נאָך גיכער געקענט פאַרנעמען אַ אָרט אין דער קונסט, ווי די אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ גרויסער כינעזישער הלוואה, אָדער די מפּלה פון דער בריטישער דיפּלאָמאַטיע אין טערקיי. אַן איינפאַכע פאַמיליען-געשעעניש, דער אייפערזוכט-אַקט פון אַ מאַן, ווי שעקספּיר שילדערט אים אין איינער פון זיינע טראַגע-דיעס, האָט אין דער קונסט-ממשלה אַסך אַ גרעסערן ווערט, ווי די קאַסטעס-אָרדנונג אין מאַנוס געזעצקאָדעקס,*) אָדער דאָס גע-זעץ, וואָס שטערט די מענטשן פון איין וועלט-טייל באַהאַנדלט

*) די עלטסטע צו אונז דערגאַנגענע קאָדיפיצירונג פון די אינדישע געזעצן און זיטן איז אַ באַרימט דידאַקטיש געדיכט, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון מאַנו, דעם מיטאָלאָגישן פאָטער פון מענטשן-מין.

צו ווערן מענטשלעך אין אַ צווייטן וועלט-טייל. ווייל דאַן, ווען פאַקטן זענען נישט מער ווי רינגעלעך פון אַ פאַקטן-קייט, הייסט זיי די קונסט נעמען דעם דרך.

אָבער דאַן, ווען אַזעלכע געזעצן און פאַראָרדנונגען, וועלכע איך האָב נאָר וואָס דערמאָנט, ווערן אונז געוויזן אין זייער אָנווענדונג אויף אַ באַשטימטן מענטשן, ווען מיר זעען די גאַנצע אומגערעכטיקייט און גרויזאַמקייט און דעם גאַנצן עלנט, וואָס זיי ברענגען מיט זיך, ווערן זיי אַ געגנשטאַנד פון דער קונסט. דער באַפעל אָנצוהויבן אַ גרויסע שלאַכט קען זיך זיין אַ גרויס געשעעניש, אָבער פאַר דעם צוועק פון דער קונסט קען ער נישט באַנוצט ווערן. אָבער דאָס, וואָס דידאָזיקע שלאַכט באַדייט פאַרן גורל פון אַ איינצלנעם זעלנער, וואָס ווערט אָפּגעריסן פון זיינע געליבטע און אויף זיין גאַנץ לעבן פאַרקריפּלט, דאָס האָט דעם גרעסטן ווערט פאַר דער קונסט, וואָס האָט צו טאָן מיט דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט.

די סאָציאַלע וועלט פון מענטשן איז געגליכן צו אַ נעפּל-שטערן-סיסטעם; צום גרעסטן טייל באַשטייט זי פון אַבסטראַקטע באַגריפן, ווי: געזעלשאַפט, מלוכה, נאַציע, האַנדל, פּאָליטיק און מלחמה. אין געדיכטן נעפּל פון דידאָזיקע באַגריפן איז דער מענטש פאַרבאָרגן און דער אמת אָפּגעמעקט. שוין די גאַנץ אומבאַשטימטע אידעע פון מלחמה אַליין פאַרשטעלט פאַר אונזער בליק אַסך עלנט און פאַרטריבט אונזער זין פאַר דער ווירקלעכקייט. די נאַציע טראָגט די שולד פאַר פאַרברעכנס, וואָס וואָלטן געוואָרפן אויף אונז אַן אימה, ווען מ'זאָל אויף איין מאָמענט כאָטש קענען פאַרטרייבן פון איר דעם נעפּל. די אידעע „געזעלשאַפט” האָט געשאַפן אומצייליקע פאָרמען פון שקלאַפעריי, וועלכע מיר דולדן נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן אָפּגעטעמפּט אונזער געפיל פאַר דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. און אין נאָמען פון דער רעליגיע האָט מען בלויז דערפאַר געקענט באַגיין מעשים, פאַר וועלכע דער גיהנם אַליין איז אַ צו קליינע שטראָף, ווייל זי האָט כמעט דעם גאַנצן פילנדיקן לייב פון דער מענטשהייט פאַרצויגן מיט אַ געפיל-אַטראָפירנדיקער

קאָרע פון גלויבנס-דאָגמעס. אין דער גאַנצער מענטשנוועלט ליידט די געטלעכקייט צוליב דעם, וואָס די לעבעדיקע ווירקלעכקייט פון מענטשן ווערט דערשטיקט אונטער דער לאַסט פון אַבסטראַקציעס. דער באַגריף „קלאַס" פאַרדעקט אין אונזערע שולעס די אינדיווידואַליטעט פון די קינדער, זיי ווערן בלויז תלמידים. מיר פילן דאָס שוין גאָרנישט מער, ווען מיר זעען, ווי דאָס לעבן פון די קינדער ווערט דערדריקט אין קלאַס, ווי בלומען, וועלכע מ'פרעסט אַריין אין אַ בוך. אין דער רעגירונג האָט די ביוראָקראַטיע צו טאָן בלויז מיט קלאַסן-באַגריפן און נישט מיט מענטשן, און אַזוי אַרום באַגייט זי מיט אַ לייכט האַרץ גרויזאַמע מעשים אין גרויסן פאַרנעם. ווי נאָר מיר אָנערקענען די וויסנשאַפטלעכע אַקסיאָמע פון „נאַטירלעכן אָפקלייב", למשל, אַלס אַן אמת, פאַרוואַנדלט זי תיכף ומיד די גאַנצע וועלט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט אין אַ טרייסטלאָזן מדבר פון אַבסטראַקציעס, אין וועלכן אַלע זאַכן זענען מוראדיק אײנפאַך, ווייל מ'האָט צוגערויבט ביי זיי זייער לעבנס-געהיימניש.

אויף דידאָזיקע גרויסע נעפּל-שטחים שאַפט זיך די קונסט אירע שטערנס. אַדאַנק זיי דערקענען מיר זיך אַלס קינדער פון דעם אומשטערבלעכן און אַלס יורשים פון די הימלישע וועלטן.

וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס גיט דעם מענטשן די זיכערקייט פון אומשטערבלעכקייט, נישט געקוקט אויף דעם זיכערן פאַקט פון טויט? דאָס איז נישט זיין פיזישע און אויך נישט זיין גייסטיקע אָרגאַניזאַציע. דאָס איז יענע אינערלעכע אײנהייט, יענץ לעצטע געהיימניש אין אים, וואָס שטראַלט אויס פון צענטער פון זיין וועלט אין אַלע זייטן, וואָס געפינט זיך אין זיין קערפער און אין זיין גייסט און איז דאָך מער ווי זיי ביידע, וואָס אַנטפּלעקט זיך דורך אַלע זאַכן, וואָס געהערן אים, און איז דאָך עפּעס גאַנץ אַנדערש ווי זיי; וואָס פילט אויס זיין קעגנוואַרט און פאַרפלייצט די ברעגעס פון זיין פאַרגאַנגנהייט און צוקונפט. דאָס איז די פּערזענלעכקייט פון מענטשן, וואָס האָט דעם באַוווסטזיין פון איר נישט-אויסצושעפּנדיקער שפע, וואָס טראָגט אין זיך די בלומרשטע סתירה, וואָס זי איז מער ווי זי

אַליין, מער, ווי זי קען זען און דערקענען. און דאָסדאָזיקע באַוווּסטזיין פון אומענדלעכקייט, וועלכע דער מענטש טראָגט אין זיך, שטרעבט כסדר נאָך אַן אומפאַרגענגלעכן אויסדרוק און וויל פאַראייניקן די גאַנצע וועלט. די קונסט־שאַפונגען זענען גרויסן, וועלכע די מענטשלעכע זעל שיקט אַלס ענטפער דעם העכסטן, ווען ער אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז דורך דער טונקעלער וועלט פון רעאַליטעטן אין אַ וועלט פון אומענדלעכער שיינקייט.

# די ווידערגעבורט

די טויטע נאַטור איז פאַר אונז יענע זייט פון דער עקזיס־טענץ, וועלכע מיר זעען בלויז פון דרויסן. מיר ווייסן נאָר, וויאַזוי זי דערשיינט פאַר אונזער בליק, אָבער מיר ווייסן נישט, וואָס זי שטעלט פאָר מיט זיך אין דער אמתן. דאָס קענען מיר נאָר באַגרייפן דורך דער ליבע.

אָבער אָט הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג, דאָס לעבן דערשיינט אויף דער בינע, די דראַמע הויבט זיך אָן און מיר פאַרשטייען איר זין לויט די געזיכט־באַוועגונגען און לויט דער שפּראַך, וואָס זענען גלייך צו אונזערע. מיר דערקענען דאָס לעבן נישט לויט זיינע אויסערלעכע שטריכן, נישט דורך צעגלי־דערן עס אויף זיינע איינצלנע חלקים, נאָר דורך דער אומ־מיטלבאַרער אויפנעמונג, וואָס באַזירט אויף אינערלעכער קרובהשאַפט. און דאָס איז אמתע דערקענטניש.

מיר זעען אַ בוים. דורך דעם פאַקט פון זיין אינדיווידועלן לעבן איז ער אָפּגעזונדערט פון זיין סביבה. זיין גאַנץ שטרעבן איז געווענדט אויף דעם, צו דערהאַלטן דידאָזיקע באַזונדערקייט פון זיין שעפערישער אינדיווידואַליטעט קעגנאיבער דעם גאַנצן קאָסמאָס. זיין לעבן איז געגרינדעט אויף אַ דואַליזם — פון איין זייט דידאָזיקע אינדיווידואַליטעט פון בוים און פון דער צווייטער — דער קאָסמאָס.

ווען דערדאָזיקער דואַליזם וואָלט אָבער באַדייט פיינדשאַפט און קעגנזייטיקע נעגירונג, וואָלט דער בוים נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו דערהאַלטן זיין עקזיסטענץ; ער וואָלט צעריסן געוואָרן אויף שטיקער דורך דער פאַרייניקטער מאַכט

פון דידאָזיקע אומגעהויערע כחות. אָבער דערדאָזיקער דואַליזם שטייט אונטערן צייכן פון קרובהשאַפט. וואָס פולקאמענער עס איז די האַרמאָניע פון בוים מיט דער אויסערלעכער וועלט, מיט דער זון, מיטן באָדן און מיט די יאָר-תקופות, אַלץ מער פולקאָמע-נער אַנטוויקלט זיך זיין אינדיווידואַליטעט. ווען דידאָזיקע קעגנ-זייטיקע באַציונג ווערט געשטערט, איז עס פאַר אים אַ קאַטאַ-סטראָפע. דאָס לעבן מוז דעריבער אויף זיין נעגאַטיוון פּאָליוס אויפהאַלטן די אָפּגעזונדערטקייט פון אַלעם אַנדערן, בעת אויף זיין פּאָזיטיוון פּאָליוס האַלט עס אויף די איינהייט מיטן קאָסמאָס. אין דערדאָזיקער איינהייט באַשטייט זיין דערפילונג.

אין לעבן פון אַ חיה איז דער עלעמענט פון אָפּגעזונ-דערטקייט אויף דער נעגאַטיווער זייט נאָך בולטער, און דערי-בער איז אויף דער פּאָזיטיווער זייט אַ סך ברייטער די באַציונג צו דער וועלט. די חיה איז אַ סך מער דערווייטערט פון איר שפּייז, ווי דער בוים. זי מוז זי זוכן און דערקענען, געטריבן פון לוסט און שמערץ. דעריבער שטייט זי אין אַ סך ענגערע באַציונגען צו איר דערקענטיש-און געפילס-וועלט. דאָסזעלבע איז אויך גילטיק בנוגע דער צעשיידונג פון די געשלעכטער. דידאָזיקע צעשיידונג און דער דראַנג צו פאַראייניקונג, וואָס שטאַמט פון איר, רופן אַרויס אַן אינטענסיווערעס לעבנס-געפיל און איך-באַוווסטזיין ביי די חיות און באַרייכערן זייער פּערזענלעכקייט דורך דער באַגעגעניש מיט נישט-פּאָראויסגעזעענע שטערונגען און אומדערוואַרטעטע מעגלעכקייטן. ביי די ביימער איז די צעשיידונג מיט זייער זאמען יעדעסמאָל אַן ענטגילטיקע, בעת ביי די חיות בלייבט באַשטיין די באַציונג פון עלטערן צו קינדער. און דעריבער באַקומט דער לעבנס-אינטערעס פון די חיות דורך דידאָזיקע צעשיידונגען אַ סך אַ גרעסערע לעבנס-אינטענסיווקייט און זייער באַוווסטזיין נעמט אַרום אַ סך אַ ברייטערן שטח. דעמדאָזיקן גרעסערן שטח פון זייער אינדיווידואַלי-טעט מוזן זיי תמיד איינהאַלטן דורך די פאַרשידנסטע באַציונגען צו זייער וועלט. יעדע שטערונג פון דידאָזיקע באַציונגען איז קאַטאַסטראָפאַל.

ביים מענטשן איז דערדאָזיקער דואַליזם פון פיזישן לעבן נאָך אַסך פאַרשידנאַרטיקער. זיינע באַדערפענישן זענען נישט נאָר גרעסער אין צאָל און פאָדערן דעריבער אַ ברייטערע פעלד פאַר זייער באַפרידיקונג, נאָר זיי זענען אויך קאָמפּליצירטער און פאָדערן אַ טיפערע קענטעניש פון די אַרומיקע געגנשטאַנדן. דאָס דאָזיקע גיט אים אַ שטאַרקער באַוווסטזיין פון זיין אייגענעם „איך”. זיין גייסט פאַרנעמט דעם אָרט פון נייגונגען און אינ־סטינקטן, וואָס פירן אָן מיט די באַוועגונגען און טעטיקייטן פון בוימער און חיות. דערדאָזיקער גייסט האָט אויך זיינע אייגענע נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע זייטן פון אָפּגעזונדערטקייט און איינהייט. ווייל פון איין זייט שיידט ער אָפּ די געגנשטאַנדן פון זיין דערקענטעניש פון דעם, וואָס דערקענט, דערנאָך אָבער פאַרייניקט ער זיי ביידע דורך דער דערקענטעניש. צו דער באַ־ציונג פון הונגער און ליבע, אויף וועלכע עס באַזירט דאָס פיזישע לעבן, קומט צו אין דער צווייטער ליניע די גייסטיקע באַציונג. אַזוי אַרום פאַרייגענען מיר זיך דידאָזיקע וועלט אויף אַ טאָפּלטן אופן: מיר לעבן אין איר און דערקענען זי.

אָבער אין מענטשן עקזיסטירט נאָך אויך אַן אַנדער מין דואַליזם, וואָס לאָזט זיך נישט דערקלערן מיט זיין פיזישן לעבן. דאָס איז די סתירה אין זיין באַוווסטזיין צווישן דעם, וואָס עס איז, און צווישן דעם, וואָס דאַרף זיין. די חיה ווייס נישט פון דערדאָזיקער סתירה; ביי איר איז דאָ אַ סתירה צווישן דעם, וואָס זי האָט און צווישן דעם, וואָס זי באַגערט, בעת ביים מענטשן באַשטייט זי צווישן דעם, וואָס ער באַגערט, און צווישן דעם, וואָס ער דאַרף באַגערן. אונזערע תאוות וואַקסן אַרויס פון אונזער נאַטירלעכן לעבן, וועלכן מיר טיילן מיט די חיות, אָבער דאָס, וואָס מיר דאַרפן באַגערן, געהער צו אַ לעבן, וואָס שטייט אַ סך העכער פונם חיהשן.

אַזוי אַרום קומט פאַר אין מענטשן אַ ווידערגעבורט. כאָטש עס זענען נאָך פאַרבליבן ביי אים זייער אַ סך געוווינהייטן און תאוות פון זיין חיהשן לעבן, געפינט זיך אָבער זיין אמתעס לעבן אין דער ספערע פון דעם, וואָס דאַרף זיין. דורך דעמ־

דאָזיקן פאַקט ווערט געשאַפן אַ פאַרבינדונג און צו גלייכער צייט אויך אַ סתירה. אַ סך זאַכן, וואָס זענען גוט פאַר איין מין לעבן, זענען שעדלעך פאַר דעם אַנדערן. דערפון שאַפט זיך די נויטווענדיקייט פון אַ אינערלעכן קאַמף, וואָס אַרבעט אויס אין מענטשנס פערזענלעכקייט יענעם שטריך, וועלכן מ׳רופט אָן כאַראַקטער. פון אינסטינקט-לעבן פירט ער דעם מענטשן אַוועק צום צוועק-לעבן. דאָס איז דאָס לעבן פון דער זיטלעכער וועלט.

דאָ פאַרלאָזן מיר די וועלט פון דער נאַטור און טרעטן אַריין אין דער וועלט פון דער מענטשלעכקייט. מיר לעבן און ווירקן און עקזיסטירן אין דעם אַלגעמיין-מענטשלעכן. דאָס מענטשן-קינד ווערט געבוירן פאַראַמאָל אין צוויי וועלטן, אין דער וועלט פון דער נאַטור און אין דער וועלט פון דער מענטשן-וועלט. דידאָזיקע לעצטע איז אַ וועלט פון אידעען און איינ-ריכטונגען, פון דערקענטניש-אוצרות און דורך דערציונג דער-וואָרבענע געוווינהייטן. זי איז אויפגעבויט דורך דעם אומדער-מידלעכן שטרעבן פון יאָרטויזנטער, דורך מאַרטירער-ליידן פון העלדישע מענטשן. אירע פאַרשידענע שיכטן זענען דער אָפּזאַץ פון קרבנות פון אומציילִיקע יחידים פון אַלע תקופות און לענ-דער. זי האָט גוטע און שלעכטע עלעמענטן, ווייל די אומגלייכ-קייטן פון איר אויבערפלאַך און טעמפעראַטור מאַכן רייך דעם פלוס פון לעבן מיט איבעראַשונגען.

דאָס איז די וועלט פון מענטשנס ווידערגעבורט, די אוי-סערנאַטירלעכע וועלט, וווּ דער דואַליזם פון חיהשן לעבן און פון דער זיטלעכקייט וועקט אין אונז דעם באַוווסטזיין וועגן אונזער פערזענלעכקייט אַלס מענטש. אַלץ, וואָס שטערט דאָס-דאָזיקע מענטשנלעבן צו דערפירן צו שלמות די באַציונג צו זיין זיטלעכער וועלט, איז שלעכט. דאָס באַדייט טויט, אַ סך אַ ערגערן טויט, ווי דער טויט פון נאַטירלעכן לעבן.

אין דער נאַטור-וועלט שטעלט דער מענטש מיט דער הילף פון דער וויסנשאַפט די טיראַנישע נאַטור-כּחות אין זיין דינסט. אָבער אין זיין זיטלעכער וועלט האָט דער מענטש צו דערפילן

אַ שווערערע אויפגאַבע. ער דאַרף געהאָרכזאַם מאַכן די טיראַניע פון זיינע אייגענע ליידנשאַפטן און תאוות. און אין אַלע תקופות און לענדער איז דאָס געווען דער ציל פון מענטשלעכן שטרעבן. כמעט אונזערע אַלע אינסטיטוציעס זענען אַ רעזולטאַט פון דאָזיקן שטרעבן. זיי גיבן אונזער ווילן די ריכטונג און זיי גראָבן פאַר אים קאַנאַלן, כדי ער זאָל קענען פליסן אין דער געהעריקער ריכטונג אָן שטערונגען און אָן אומנוציקער פאַרשווענדונג פון כחות.

מיר האָבן געזען, אַז דאָס פיזישע לעבן איז ביסלעכווייז אריינגעוואַקסן אין דאָס גייסטיקע. די גייסטיקע פעיקייטן פון די חיות זענען אינגאַנצן פאַרנומען מיט דער זאָרג פאַר זייערע אוממיטלבאַרע לעבנס-באַדערפנישן. ביים מענטשן זענען דידאָזיקע באַדערפנישן פאַרשידנאַרטיקער און דעריבער נוציקט ער זיך אין גרעסערע גייסטיקע פעיקייטן. אויף דעם וועג איז ער געקומען צו דער דערקענטניש, אַז די וועלט פון זיינע אוממיטלבאַרע באַדערפנישן איז איינס מיט אַ וועלט, וואָס שטייגט וויט אַריבער די גרעניצן פון זיינע אוממיטלבאַרע באַדערפנישן. ער האָט דערקענט, אַז דידאָזיקע וועלט שאַפט שפייז נישט נאָר פאַר זיין קערפער, נאָר אויך פאַר זיין גייסט; אַז אַדאַנק זיין גייסט איז ער אויף אַן אומזעבאַרן אופן פאַרבונדן מיט אַלע זאַכן פון דער וועלט.

דער ווילן באַדייט אין דער זיטלעכער וועלט דאָס, וואָס דער אינטעלעקט באַדייט אין דער וועלט פון דער נאַטור. וואָס ברייטער און ברייטער ער ווערט, אַלץ מער ווערן אמתדיק, ברייטער און פאַרשידנאַרטיקער אויך אונזערע זיטלעכע באַציונגען. זיין אויסערלעכע פרייהייט איז די אומאָפּהענגיקייט פון לוסט און שמערץ-עמפּפינדונגען, זיין אינערלעכע פרייהייט — די באַפרייאונג פון ענגן עגאָיזם. ווייסן מיר דאָך, אַז ווען דער אינטעלעקט ווערט באַפרייט פון דער קייט פון עגאָיזם, דערקענט ער די וועלט פון אַלגעמיינעם פאַרשטאַנד, מיט וועלכער ער מוז זיין האַרמאָניש פאַרבונדן, כדי צו קענען באַפרידיקן אינגאַנצן זיינע באַדערפנישן; דאָסזעלבע איז מיטן ווילן: ווען ער

באַפרייט זיך פון זיינע ענגע גרעניצן, ווען ער ווערט גוט, ד. ה. ווען ער נעמט אַרום אַלע מענטשן און אַלע צייטן, דערקענט ער אַ וועלט, וואָס שטייגט אַריבער די ראַמען פון דער זיטלעכער וועלט פון די מענטשן. ער אַנטדעקט אַ וועלט, ווו אַלע תּורות פון אונזער זיטלעכן לעבן געפינען זייער לעצטן אמת, און אונזער גייסט דערהויבט זיך צום געדאַנק, אַז עס איז דאָ אַן אומענדלעכער מצדיום פון אמת, דורך וועלכן דאָס גוטע באַקומט אַ זין. דאָס, אַז איך ווער אַ סך מער דורך דער פאַרייניקונג מיט אַנדערע, איז נישט בלויז אַ מאַטעמאַטישער פאַקט. מיר זענען דערגאַנגען, אַז ווען פאַרשידענע מענטשן פאַרייניקן זיך אין ליבע, וואָס נאָר זי איז די באַנד פון פולקאָמענער איינהייט, ווערט נישט סתּם פאַרייניקט קראַפט מיט קראַפט, נאָר דאָס, וואָס איז געווען אומפולקאָמען, געפינט זיין פאַרפולקאָמונג אין אמת און במילא אין פרייד; דאָס, וואָס איז געווען זינלאָז אין דער איזאָלירונג, געפינט דעם פולן זין אין דער פאַרייניקונג. דידאָזיקע פאַרפולקאָמונג איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך מעסטן, אָדער אַנאַליזירן, זי איז עפּעס גאַנצעס, וואָס איז מער ווי דער סך-הכּל פון אירע טיילן. זי שליסט אויף פאַר אונז דעם טיפסטן סוד פון אַלע זאַכן, וואָס געפינט זיך צו גלייכער צייט מחוץ פון אַלע זאַכן, פונקט ווי די שיינקייט פון אַ בלום איז אַ סך, אַ סך מער ווי אירע באָטאַנישע פאַקטן; פונקט ווי דער זין פון דער מענטשהייט גופא שעפּט זיך נישט אויס מיט דעם בלויזן סטאַדע-לעבן.

דידאָזיקע פאַרפולקאָמונג אין דער ליבע, וואָס איז פולקאָמענע איינהייט, עפנט אויף פאַר אונז דעם טויער פון דער וועלט פון אומענדלעכן, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דער איינהייט פון אַלע וועזנס; וואָס באַשיינקט פאַרלוסטן, זעלבסטאָפּפערונג און טויט מיט רייכערע רוחים און מיט העכערן לעבן; וואָס פאַרוואַנדלט אין פולקייט די פוסטקייט פון אָפּזאָגן זיך פון אַלץ דורך זיין אייגענער פולקייט. דאָס איז דער גרעסטער דואַליזם אין אונז, דער דואַליזם פון דעם ענדלעכן און אומענדלעכן. אַדאַנק אים קומט אונז קלאָר צום באַוווסטזיין די קרובהשאַפט,

וואָס באַשטייט צווישן דעם, וואָס אין אונז, און צווישן דעם, וואָס שטייגט אַריבער אונזערע גרענעצן, צווישן דעם איצטיקן און דעם צוקונפטיקן.

דאָסדאָזיקע באַוווסטזיין האָט אויפגעלויכטן אין אונזער פיזישן לעבן, ווו ס'איז פאַרגעקומען צעשיידונג און פאַרייניקונג צווישן אונזער איינצללעבן און דער אַלגעמיינער וועלט פון די געגנשטאַנדן; עס איז פאַרטיפט געוואָרן אין אונזער גייסטיקן לעבן, ווו ס'איז פאַרגעקומען צעשיידונג און פאַרייניקונג צווישן אונזער אינדיווידועלן גייסט און דער אַלגעמיינער וועלט פון שכל; עס איז ברייטער געוואָרן, ווען ס'איז פאַרגעקומען צע־שיידונג און פאַרייניקונג צווישן אונזער איינצלווילן און דער אַלגעמיינער וועלט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט; עס געפינט זיין לעצטן זין אין דער צעשיידונג און פאַרייניקונג פון אונזער איינצלזעלע מיט דער זעלע פון קאָסמאָס. און אויף דערדאָזיקער שטופע פון אייביקער צעשיידונג און ווידערפאַרייני־קונג פון ביידע, יובלט דער מענטש אַרויס אין אַ וווּנדערבאַר ליד פון די אופּאַנישאַדן:

דאָס איז דער העכסטער וועג,
דאָס איז דער העכסטער אוצר
דאָס איז די העכסטע וועלט,
דאָס איז דער העכסטער געניוס.

דאָס לעבן שטייט אין תמידן קאָנטאַקט מיטן דאָזיקן העכסטן. די וועלט פון די געגנשטאַנדן און מענטשן באַוועגט זיך תמיד אויף אַלערליי אופנים לויט דעמדאָזיקן ריטם, אָבער זי אַליין באַגרייפט נישט זיין זין, ביז ער אַנטפּלעקט זיך איר נישט אין דער פולקאָמענער פאַרייניקונג מיט דעם העכסטן.

ווי נאָענט עס זאָל נישט זיין די באַציונג פון דעם נאָך נישט־געבאָרענעם קינד צו דער מוטער־טראַכט, האָט עס נאָך אָבער אין דעם נישט געפונען זיין לעצטן זין. עס ווערן דאָרט טאַקע באַפרידיקט זיינע אַלע באַדערפנישן, אפילו די קלענסטע, אָבער זיין גרעסטע באַדערפניש בלייבט נאָך נישט געשטילט.

עס מוז געבאָרן ווערן אויף דער וועלט פון ליכט און רוים, ווו מ'קען פריי זיך באַטעטיקן. דידאָזיקע וועלט איז אין יעדער הינזיכט אַזוי גרונט פאַרשידן פון דער וועלט פון דער מוטער־טראַכט, אַז ווען דאָס נישט־געבאָרענע קינד זאָל באַזיצן די פעי־קייט צו דענקען, וואָלט עס זיך קיינמאָל נישט געקענט שאַפן קיין פאָרשטעלונג וועגן יענער אַנדערער וועלט. און פונדעסט־וועגן פאַרמאָגט עס די גלידער, וואָס ערשט אין דער פרייהייט פון לופט און ליכט באַקומען זיי אַ זין.

פונקט אַזוי באַזיצט אויך דער מענטש אין דער וועלט פון דער נאַטור אַלץ, וואָס ער האָט נויטיק פאַר דער דערנע־רונג פון זיין „איך". דאָרט איז זיין הויפּטזאָרג זיין „איך" — דאָס „איך", וואָס זיין אינטערעס איז אָפּגעטיילט פון דעם אינטערעס פון צווייטן. און פונקט אַזוי ווי מיט זיין „איך", איז אויך מיט די געגנשטאַנדן פון זיין וועלט; זיי האָבן פאַר אים נאָר די איין־איינציקע באַדייטונג פון נוצן. אָבער ריכטיק ווי ביים נישט־געבאָרענעם קינד די גלידער, אַנטוויקלען זיך ביי אים פעיקייטן, וואָס גיבן אים די קראַפט צו דערקענען די איינהייט פון דער וועלט — די איינהייט, וואָס איז אייגן נישט די געגנשטאַנדן, נאָר דער זעלע. אין דעם געפיל פאַר שיינקייט און ליבע האָט ער די פעיקייט זיך מער צו באַגייסטערן מיט אַנדערע, ווי מיט זיך אַליין. די פעיקייט, וואָס גיט אים צו קראַפט צו אָפּזאָגן זיך פון ערדישע פריידן און נעמען אויף זיך שמערץ און טויט, — דידאָזיקע פעיקייט יאָגט אים צו שטרעבן אַלס ווייטער און ווייטער אָן אָפּהאַלט און פירט אים צו דער־קענטנישן און מעשים, וואָס האָבן, דוכט זיך, קיין שום נוצן נישט פאַר אים. דאָס ווידער פירט צו צוזאַמענשטויסן מיט די געזעצן פון דער נאַטור־וועלט און דער פּרינציפּ פון אָפּקלייב פון די פאַסיקסטע ענדערט זיין זין.

און אָט האַלטן מיר שוין ביים דואַליזם, דורך וועלכן דער מענטש ליידט אַממייגסטן: דער דואַליזם פון נאַטור און זעלע. דאָס שלעכטס, וואָס מאַכט וווּנדן דעם נאַטירלעכן מענטשן, איז דער ווייטאָק, אָבער דאָס שלעכטס, וואָס מאַכט וווּנדן זיין

זעלע, האָט באַקומען אַ ספּעציעלן נאָמען, עס הייסט „די זינד". אמת, עס ווערט נישט געשפּירט אַלס ווייטאָק, אָבער פונדעסט־וועגן איז עס אַ שלעכטס, ריכטיק ווי די בלינדקייט, אָדער דאָס הינקען האָט פאַרן עמבריאָ קיין שום באַדייטונג נישט, אָבער נאָך דער געבורט ווערט עס צו אַ גרויסער שלעכטס, וואָס שטערט דעם צוועק פון לעבן. דאָס פאַרברעכן טרעט אַרויס קעגן מענטשן, די זינד טרעט אַרויס קעגן דאָס געטלעכע, וואָס אין אונז.

וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דאָסדאָזיקע געטלעכע? דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס זיין אייגנטלעכער און אמתער זין ליגט אין אומענדלעכן, וואָס אָנערקענט נישט דעם עמבריאָנישן לעבן פון „איך" אַלס לעצטן אמת. די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט איז אַ געשיכטע פון חבלי־לידה, אַ געשיכטע פון ליידן, וואָס איר גלייכן האָט נאָך קיין איין חיה נישט געהאַט דורכצומאַכן. די מענטשהייט האָט נישט קיין רו, אירע אַלע אינ־סטינקט־כחות טרייבן זי פאָרויס. ווען זי נעמט רויק גענים איר ווילשטאַנד, ווען זי שרומפּט איין איר לעבן דורך קאָנווענציאָנען, ווען זי נעמט חוזק מאַכן פון אירע אידעאַלן און פאַרווענדט אירע אַלע כוחות אויף צו פאַרגרעסערן איר „איך", — דעמאָלט הויבט זיך אָן איר דעקאַדאַנס און טויט; אַלץ, וואָס איז נאָך קרעפטיק אין איר, ווירקט בלויז צעשטערעריש, ווייל זי האָט בויטיק רידאָזיקע קראַפט בלויז אויף דעם, כדי צוצוגרייטן זיך צום טויט, ווייל זי גלויבט דאָך נישט אין אומשטערבלעכן לעבן.

פאַר אַלע אַנדערע באַשעפענישן איז דאָס נאַטירלעכע לעבן אַלץ. לעבן, אויפשטעלן דורות און שטאַרבן, — אָט דאָס איז זייער עקזיסטענץ־צוועק. און מיט דעם זענען זיי צופרידן. זיי בענקען קיינמאָל נישט נאָך דערלויזונג, נאָך באַפרייאונג פון די לעבנס־גרעניצן; זיי פילן זיך קיינמאָל נישט איינגעקלאַמערט און דערשטיקט און טרייסלען קיינמאָל נישט אין פאַרצווייפלונג די גרעניץ־מויערן פון זייער וועלט; זיי ווייסן נישט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס זיך אָפּצוזאָגן פון אַ לעבן אין שפע און צו גע־ווינען דורך ביטול־היש דעם אַריינטריט אין דער ממשלה פון גליקזעליקייט. זיי שעמען זיך נישט מיט זייערע תאוות און

שפירן זיי נישט אַלס אומריין, ווייל זיי געהערן צו דער פּול־
קייט פון זייער לעבן. אין זייער גרויזאַמקייט זענען זיי נישט
גרויזאַם, אין זייער גיריקייט — נישט גיריק, ווייל גרויזאַמקייט
און גיריקייט גרייכן נישט ווייטער, ווי זייערע געגנשטאַנדן,
אויף וועלכע זיי זענען געווענדט, און דידאָזיקע זענען ענדלעך.
אָבער דער מענטש פאַרמאָגט זיין אומענדלעכקייט און דעריבער
פאַראַכטעט ער יענע ליידנשאַפטן, וואָס אָנערקענען נישט זיין
אומשטערבלעכקייט.

אין מענטשן האָט דאָס לעבן פון דער חיה ברייטער
געמאַכט זיין ממשלה־געביט. דער מענטש איז אָנגעקומען צו
דער שוועל פון אַ וועלט, וואָס מוז נאָך ערשט געשאַפן ווערן
דורך זיין אייגענעם ווילן און זיין אייגענער קראַפט. ער איז
אַריבערגעוואַקסן דאָס רעצעפּטיווע סטאַדיום, בעת וועלכן דאָס
„איך" פּרוווט אַריינצוציען אַלץ וואָס אַרום אים אין זיין אייגע־
נעם צענטער, נישט געבנדיק אַליין גאָרנישט. ערשט דאָ הויבט
זיך אָן דעם מענטשנס שעפערישעס לעבן, ווען ער הויבט אָן
צו שענקען פון זיין איבערפלוס. דורך כסדרדיקן אָפּזאָגן זיך
פון פאַרשידענע זאַכן דאַרף ער וואַקסן. אַלץ, וואָס שטייט אין
וועג דער פרייהייט פון דאָזיקן ענדלאָזן וואַקסן, איז זינד,
שלעכטס, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן זיין אומשטערבלעכקייט.
דידאָזיקע שעפערישע קראַפט האָט זיך שוין אַנטפּלעקט אין
מענטשן פון סאַמע אָנהויב פון זיין לעבן. ווייל אַפילו זיינע
פיזישע הצטרכותן ווערן אים אין קינדער־צימער פון דער
נאַטור נישט געגעבן פאַרטיקערהייד. פון זיין ערשטן טאָג אָן
איז ער פאַרנומען געווען מיט צוגרייטן זיין לעבנס־חיונה פון
דעם רוי־מאַטעריאַל, וואָס רינגלט אים אַרום. אַפילו זיינע מאכלים
זענען זיין אייגענע יצירה און אין קעגנזאַץ צו די חיות ווערט
ער געבאָרן נאַקעט און מוז זיך אַליין באַזאָרגן מיט קליידער.
דאָס אַלץ איז אַ באַוויז, אַז דער מענטש ווערט געבאָרן פון דער
וועלט פון נאַטור־צוועקן אין דער וועלט פון פרייהייט.

ווייל שאַפן באַדייט פרייהייט. מיר לעבן אין אַ תפיסה,
בעת מיר מוזן לעבן אין דעם, וואָס מיר געפינען שוין פון

פריער, ווייל דאָס הייסט לעבן אין עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַנדערש פון אונז אַליין. אָנמעכטיק ווי מיר זענען, מוזן מיר דאָרט זיך איבערגעבן אין רשות פון דער נאַטור, זי זאָל הערשן איבער אונז, און אַזוי אַרום פאַלן מיר אַרונטער אונטערן געזעץ פון נאַטירלעכן אָפּקלייב. אָבער אין אונזער אייגענער יצירה לעבן מיר אין דעם, וואָס איז אונזערס, און דאָרט ווערט די וועלט אַלץ מער און מער צו אַ וועלט פון אונזער אייגענעם אָפּקלייב; זי גייט מיט אונז טריט אין טריט און לאָזט אונז רוים, ווו מיר זאָלן זיך נישט קערן און ווענדן. אַזוי אַרום געשיט, אַז דער מענטש באַגנוגנט זיך נישט מיט דער וועלט, וועלכע איז אים געגעבן פון דער נאַטור; ער שטרעבט דערצו זי צו פאַרוואַנדלען אין זיינע אַן אייגענע וועלט. און ער צעגלי־דערט דעם גאַנצן מעכאַניזם פון קאָסמאָס, כדי אים צו שטו־דירן און אים ווידער צענויפצושטעלן לויט זיינע אייגענע באַ־דערפנישן. ער איז מורד קעגן צוואַנג פון די נאַטור־געזעצן. זיי שטערן ביי יעדן טריט די פרייהייט פון זיין גאַנג, און ער מוז דולדן די טיראַניע פון דער מאַטעריע, וואָס זיין טבע זאָגט זיך עקשנותדיק אָפּ זי צו אָנערקענען אַלס ענטגילטיק און אומפאַרמיידלעך

שוין אין דער צייט פון זיין ווילדן צושטאַנד האָט ער זיך געפּרוּווט דורכצוברעכן די אָרדנונג פון די וועלט־געגנשטאַנדן דורך צויבער־מיטלען, ער האָט געטרוימט וועגן אַלאַדינס וווּנדערלאָמפּ און וועגן מעכטיקע גייסטער, וועלכע שטייען צו זיין דינסט און וועלן איבערקערן די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ, אויב דאָס וועט זיך אים פאַרגלוסטן. ווייל זיין פרייער גייסט האָט זיך כסדר אָנגעשטויסן אין געגנשטאַנדן, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן זיך נישט רעכענענדיק לחלוטין מיט אים. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער מוז אָדער בויגן דעם רוקן פאַר דער צרויפגעצוווּנגענער נאַטור־אָרדנונג, אָדער שטאַרבן. אָבער טיף אין הארצן האָט ער אין דעם נישט געקענט גלויבן, כאָטש די הארטעווירקלעכקייט האָט אים דערצו געצוווּנגען. דעריבער האָט ער געטרוימט וועגן אַ גן־עדן פון פרייהייט, וועגן אַ

צויבער-לאַנד, וועגן אַ העלדן-תּקופה, ווו דער מענטש האָט תּמיד פאַרקערט מיט געטער, וועגן שטיין פון חכמים, וועגן לעבנס-עליקסיר. כאָטש ער האָט אין קיין אָרט נישט געקענט געפינען דאָס טויער, וואָס פירט אין דער פרייהייט, האָט ער עס דאָך אומדערמידלעך געזוכט טאַפּנדיק, ער האָט זיך געקוועלט אין בענקשאַפט און ליידנשאַפטלעך מתפּלל געווען וועגן באַפריי-אונג. ווייל ער האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז דידאָזיקע וועלט איז נישט זיין ענטגילטיקע וועלט און אַז זיין זעלע וואָלט פאַר אים באַדייט אַ זינלאָזע פּיין, ווען עס וואָלט נישט געוואַרט אויף אים קיין אַנדערע וועלט.

די נאַטורוויסנשאַפט פירט אָן מיט דעם מענטשנס מרידה קעגן דער הערשאַפט פון דער נאַטור. זי באַמיט זיך אַרויסצורייסן ביי דער נאַטור דעם צויבערשטעקעלע פון מאַכט און אים איבער-געבן אין די הענט פון מענטשן; זי וויל באַפרייען אונזער גייסט פון דער קנעכטשאַפט ביי די געגנשטאַנדן. די נאַטורוויסנ-שאַפט האָט אַ מאַטעריאַליסטיש פּנים, ווייל זי באַשעפטיקט זיך מיט צעברעכן די תּפיסה פון דער מאַטעריע, און זי אַרבעט אויף אירע חורבות. ביי אַן אינוואַזיע אין אַ ניי לאַנד איז דאָס לאָזונגס-וואָרט: רויבן. אָבער ווען דאָס לאַנד איז שוין דעראָ-בערט, ענדערט זיך די לאַגע, און די, וועלכע האָבן נאָך אָקאָרשט גערויבט, ווערן פּאָליציאַנטן און שטעלן ווידער איין רו און אָרדנונג. די נאַטורוויסנשאַפט האַלט ערשט ביי דער אָנהויב אינ-וואַזיע אין דער מאַטעריעלער וועלט און אַלץ יאָגט זיך גיריק נאָך קריגס-רויב און קערט זיך אָפּ אָן בושה פון דער אמתר נאַ-טור פון מענטשן. אָבער ס'וועט קומען אַ צייט, ווען די גרויסע נאַטור-כּחות וועלן שטיין אין רשות פון יעדן איינציקן, און מיט ווייניק קאָסטן און מי וועט קענען געזאָרגט ווערן פאַר די עלעמענטאַרע לעבנסבאַדערפנישן פון אַלע. דאַמאָלסט וועט דעם מענטשן לייכט זיין צו לעבן, ווי צו אָטעמען, און זיין גייסט וועט פריי זיין אויף צו שאַפן פאַר זיך אַן אייגענע וועלט.

נאָך אין די פריערע צייטן, ווען די נאַטורוויסנשאַפט האָט נאָך נישט געהאַט געפונען דעם שליסל צום אוצר-קאַמער פון

די נאַטור-כּחות, האָט שוין דער מענטש געהאַט דעם סטאַטוס מוט צו פאַראַכטן די מאַטעריע. ער האָט געטענהט, אַז ער קען זיך אַן עצה געבן אָן שפּייז און קען זיך אויך באַגיין אָן קליידונג, אַלס שוץ קעגן קעלט. ער איז שטאָלץ געווען דערמיט, וואָס ער קען צווינגען דעם קערפּער צו סגופים. ער האָט הנאה געהאַט אָפּן צו מעלדן, אַז ער צאָלט דער נאַטור נאָר אַ גאַנץ קליינעם טייל פון צינז, וועלכן זי פאַרלאַנגט פון אים. ער האָט אַרויסגעוויזן די גרעסטע פאַראַכטונג צו דער מורא פאַר ווייטאָק און טויט, מיט וועמעס הילף די נאַטור האָט אים געוואָלט פאַר-קנעכטן.

פונוואַנעט האָט זיך גענומען צו אים דערדאָזיקער שטאָלץ? פאַרוואָס האָט זיך דער מענטש פון קדמונים אָן געבונטעוועט קעגן דער דערנידערנדיקער פאָדערונג, ער זאָל בויגן זיין רוקן פאַר די פיזישע נויטווענדיקייטן? פאַרוואָס האָט ער קיינמאָל נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אָנצונעמען אַלס אומ-באַדינגט פאַרפליכטנדיקע די באַשרענקונגען, וועלכע די נאַטור האָט אַרויפגעלייגט אויף אים? פאַרוואָס האָט ער אין זיין פיזי-שער און זיטלעכער וועלט געקענט אונטערנעמען די אוממעגלעכ-סטע פּרוּוון, און נישט געקוקט אויף כּסדרדיקע אַנטוישונגען, נישט אָנערקענען קיינמאָל זיין מפּלה?

ווען מ'באַטראַכט דעם מענטשן פון שטאַנדפּונקט פון דער נאַטור, איז ער נאַריש. ער האָט נישט קיין פולן צוטרוי צו דער וועלט אין וועלכער ער לעבט. פון די ערשטע טריט פון זיין געשיכטע פירט ער מיט איר קריג. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט דוקא וועלן זיך אָנשטויסן אין אַלע עקן און זיך מאַכן וווּנדן. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, ווי אַזוי די זאָרגעוו-דיקע מייסטערין פון נאַטירלעכן אָפּקלייב האָט געקענט איבער-לאָזן שפּאַרונעס, דורך וועלכע אַזעלכע אומנויטיקע און געפער-לעכע עלעמענטן זאָלן אַריינדרינגען אין איר ווירטשאַפט און אויפמונטערן דעם מענטשן דורכצוברעכן דידאָזיקע וועלט, וועלכע דערהאַלט אים ביים לעבן. אָבער דאָס יונגע פויגעלע באַגייט דיזעלבע אומבאַגרייפלעכע נאַרישקייט, ווען עס ברעכט

אויף די וואַנט פון זיין קליין וועלטל. מיט דער זיכערקייט פון זיין נישט-פאַרפירערישן אינסטינקט האָט עס געפילט, אַז אויף יענער זייט פון זיין ליבער שאַלעכטס-תּפיסה וואַרט אויף אים עפּעס אַזוינס, וואָס וועט זיין עקזיסטענץ געבן אַזאַ אויסלעבונגס-מעגלעכקייט, ווי זיין פאַנטאַזיע קען אים גאָרנישט אויסמאָלן.

אַזוי האָט אויך דער מענטש כּמעט אַ בלינדן גלויבן אין זיין אינסטינקט, אַז ווי געדיכט עס זאָל נישט זיין די הילע, וואָס וויקלט אים אַרום, דאַרף ער דאָך געבוירן ווערן פון מוטערשויס פון דער נאַטור אין דער וועלט פון גייסט, אין דער וועלט, ווו ער באַקומט זיין שעפערישע פרייהייט, ווו ער נעמט אָנטייל אין דער יצירה פון אומענדלעכן, ווו ער שאַפט בשותּפות מיטן אומענדלעכן, ווו זיין שאַפונג און די שאַפונג פון גאָט ווערן צעגויפגעגאָסן אין האַרמאָנישער איינהייט.

כּמעט אין אַלע רעליגיעזע סיסטעמען געפינט זיך אַ גרויס פעלד פון פּעסימיזם, ווו דאָס לעבן ווערט באַטראַכט אַלס אַ שלעכטס און די וועלט אַלס פּאַסטקע און געפאַרערײַ, ווו דער מענטש זעט אין דער אַרומיקער וועלט זיין דם-שונא. ער פילט אַזוי אינטענסיוו דעם דרוק פון די געגנשטאַנדן, אַז ער גלויבט, דאָס אין דער וועלט מוז זיך געפינען אַ בייזער גייסט, וואָס ברענגט אים צו נסיונות, וועלכער וויל אים אַריינוואַרפן אין תּהום פון פאַרדאַרבונג מיט כיטרע שפּיצלען. אין זיין פאַרצווייפלונג באַשליסט דאַן דער מענטש זיך איינגאַנצן אָפּצוקערן פון דער וועלט, און צו באַווייזן, אַז ער קען אויסקומען מיט זיך אַליין.

דאָס איז אָבער נאָר דער העפטיקער און שמערצלעכער קאַמף פון קינדס לעבן קעגן לעבן פון זיין מוטער אויפן שוועל פון זיין געבורט. ער איז גרויזאַם און צעשטערעריש און אין דאָזיקן אויגנבליק זעט עס אויס ווי אומדאַנקבאַרקייט. יעדער אַרט רעליגיעזער פּעסימיזם איז פינסטערסטע אומדאַנקבאַרקייט, וואָס טרייבט דעם מענטשן צו שלאָגן דאָס, וואָס האָט אים אַזוי לאַנג געטראָגן און גענערט מיט זיין אייגענעם לעבן.

אָבער דער פאַקט אַליין פון דער מעגלעכקייט פון אַזאַ

פאַראַדאָקסאַלער דערשיינונג, פירט אונז אַרויף אויף געוויסע געדאַנקען. צייטנווייז זענען מיר גענייגט איינגאַנצן צו פאַרגעסן אונזער געשיכטע און צו גלויבן, אַז דידאַזיקע אָנפאַלן פון פעסימיזם זענען בכיון אַרויסגערופן געוואָרן דורך געוויסע מאַנאַכן און פריסטער, וועלכע האָבן געלעבט ביי אומנאַטירלעכע באַדינגונגען אין אַ צייט פון געזעצלאָזיקייט. מיר פאַרגעסן דערביי, אַז פאַרשווערונגען זענען אַ פּראָדוקט פון דער געשיכטע, אָבער די געשיכטע איז נישט קיין פּראָדוקט פון פאַרשווערונגען. די מענטשלעכע נאַטור ווערט העפטיק געטריבן פון אינעווייניק אַרויס צו דערקלערן מלחמה זיך אַליין. און ווען דידאָזיקע העפטיקייט ווערט אפילו אָפּגעשוואַכט, איז נאָך דער שלאַכטרוף נישט איינגאַנצן פאַרקלונגען.

מיר דאַרפן וויסן, אַז איבערגאַנגס-פּעריאָדן האָבן זיך זייער אייגענע שפּראַך, וועלכע מ׳דאַרף נישט נעמען ווערטלעך. ווען די זעלע קומט צום ערשטן מאָל צום אויסדרוק אין מענטשן, ווייזט זי אַרויס איר קעגנזאַץ צו דער נאַטור מיט אַזאַ העפטיקייט, ווי זי וואָלט גרייט געווען צו פירן קעגן איר אַ פאַרניכטונגס-קריג. אָבער דאָס איז די נעגאַטיווע זייט. ווען עס ברעכט אויס די רעוואָלוציע, וואָס וויל אויפריכטן די פרייהייט, האָט זי דעם אויסזען פון אַנאַרכיע. אָבער איר אמתער זין איז נישט די צעשטערונג פון דער רעגירונג, נאָר די פרייהייט פון דער רעגירונג.

דאָסזעלבע איז אויך מיט דער געבורט פון דער זעלע אין דער גייסטיקער וועלט: איר זין איז נישט די צעשטערונג פון דער באַציונג צו דעם, וואָס מיר רופן אָן נאַטור, נאָר די פולקאָמענע פאַרווירקלעכונג פון דערדאָזיקער באַציונג אין פרייהייט.

אין דער נאַטור זענען מיר בלינד און לאָם, ווי אַ קינד פאַר זיין געבורט. אָבער אין גייסטיקן לעבן זענען מיר פריי-געבאָרענע. און ווי נאָר מיר באַפרייען זיך פון דער בלינדער קנעכטשאַפט פון דער נאַטור, שטייט זי קעגן אונז אין העלער

ליכט, און דאָרט, ווו מיר האָבן ביז איצט געזען נישט מער ווי אַ הילע, דערקענען מיר איצט די מוטער.

אָבער אין וואָס באַשטייט דער ענדציל פון דער פרייהייט, וועלכע דעם מענטשנס לעבן דערגרייכט? איר זין מוז ליגן אין עפּעס אַזוינס, וואָס איבער זיינע גרעניצן האָבן מיר נישט וואָס נאָכצופאָרשן. דער ענטפער איז דערזעלבער, וועלכן ס׳גיט אונז דאָס לעבן פון דער חיה, ווען מיר פרעגן וועגן זיין לעצטן זין. ווען די חיות באַפרידיקן זייער הונגער און זייערע אַנדערע תאוות, פילן זיי זייער עקזיסטענץ. און אין דעם באַשטייט אויך אונזער זין און ציל: צו וויסן, אַז מיר עקזיסטירן. די חיה ווייס עס, אָבער איר וויסן איז ווי רויך, נישט ווי פייער, עס קומט צו זיי ווי אַ בלינד געפיל, נישט ווי אַ התגלות, און אויב עס וועקט אַפילו אויף דעם אמת פון זיין שלאָף, לאָזט זי אים אָבער איבער אין טונקלקייט. דאָס איז דער באַוווסטזיין, וואָס הויבט אָן צו אונטערשיידן דעם איך פון נישט-איך. עס איז פונקט אויף אַזויפיל גרויס, כדי זיך צו פילן אַלס מיטל-פונקט.

אויך דער לעצטער ציל פון דער פרייהייט איז צו וויסן, אַז „איך עקזיסטיר". אָבער דערדאָזיקער „איך"-באַוווסטזיין איז עפּעס אַנדערש: דאָס איז דער באַוווסטזיין פון דער איינהייט מיטן קאָסמאָס אין קעגנזאַץ צום באַוווסטזיין פון דער אָפּגעזונ-דערטקייט פון אַלעם אַנדערן. דידאָזיקע פרייהייט געפינט איר דערפילונג נישט אין דער עקסטענסיטעט, נאָר אין דער אינ-טענסיטעט, אין דער ליבע. די פרייהייט, וועלכע דאָס קינד דערגרייכט, ווען עס קומט אַרויס פון מוטערלייב, באַשטייט נישט אין דעם, וואָס עס דערקענט בעסער זיין מוטער, נאָר אין דעם, וואָס עס קומט צום אינטענסיוון באַוווסטזיין וועגן איר אין ליבע. אין מוטערלייב ווערט דאָס קינד געצערט און געהאַלטן אין וואַרימקייט, אָבער אין זיין איינזאַמקייט איז עס באַשרענקט אויף זיך אַליין. נאָכדעם ווי דאָס קינד ווערט אַריינגעבאָרן אין דער פרייהייט, ברענגט אים די קעגנזייטיקע באַציונג פון ליבע צווישן דער מוטער און דעם קינד די פרייד פון פולקאָמענסטן

באַוווסטזיין פון זיין איך. דידאָזיקע מוטערליבע גיט זיין וועלט דעם גאַנצן זין. ווען דאָס קינד וואָלט נאָר געווען אַ וועגעטירנדיקער אָרגאַניזם, וואָלט עס זיך נאָר געדאַרפט איינקלאַמערן מיט זיינע וואָרצלען אין זיין וועלט און עס וואָלט געקענט וואַקסן. אָבער דאָס קינד איז אַ פּערזענלעכקייט און דידאָזיקע פּערזענלעכקייט שטרעבט צו פולקאָמענער פאַרווירקלעכונג, וואָס דאָס קען קיינמאָל נישט געשען אין דער געפאַנגנשאַפט פון דער מוטערגראַכט. זי מוז זיין פריי און דידאָזיקע פרייהייט געפינט איר דערפילונג נישט אין זיך אַליין, נאָר אין אַ אַנדערער פּערזענלעכקייט, און דאָס איז ליבע.

ס'איז נישט אמת, אַז די חיות שפירן נישט קיין ליבע. אָבער זי איז צו שוואַך, כדי אַזוי שטאַרק צו באַלויכטן דעם באַוווסטזיין, ער זאָל זיי קענען אַנטפּלעקן דעם גאַנצן אמת פון דער ליבע. זייער ליבע איז אַ שטיל צאַנקען, וואָס באַשיינט זייער איך, אָבער זי איז נישט דער פלאַם, וואָס שטייגט אַריבער די געהיימניש פון אייגענעם „איך“. איר ממשלה-געביט איז צו ענג, כדי צו דערגרייכן. דעם פּאַראַדאָקסאַלן אמת, אַז די פּערזענלעכקייט, וואָס מאַכט אויס דעם באַוווסטזיין פון דער איינהייט אין אייגענעם איך, געפינט ערשט אין דער איינהייט מיט אַנדערע איר גאַנצן אמת.

דערדאָזיקער פּאַראַדאָקס האָט דערפירט דעם מענטשן צו דער דערקענטניש, אַז די נאַטור, אין וועלכער מיר ווערן געבאָרן, איז בלויז אַן אומפולקאָמענער אמת, ווי דער אמת פון דער מוטערטראַכט. דעם פולן אמת דערגרייכן מיר דאַמאָלסט, ווען מיר ווערן געבאָרן אין שויס פון דער אומענדלעכער פּערזענלעכקייט. אונזער אמתע וועלט איז נישט די וועלט פון די נאַטורגעזעצן, די געזעצן פון קראַפט און שטאָף, נאָר די וועלט פון דער פּערזענלעכקייט. ווען מיר דערגרייכן דידאָזיקע דערקענטניש, געפינען מיר אונזער אמתע פרייהייט. דאַמאָלסט ערשט פאַרשטייען מיר דאָס וואָרט פון די אופּאַנישאַדן:

„דערקען, אַז אַלץ, וואָס לעבט און ווירקט אין דער וועלט, איז אַרומגענומען פון גאָט, און געניס, וואָס ער שענקט דיר“.

ווי מיר האָבן געזען, הויבט זיך אָן דער באַוווסטזיין פון דער פערזענלעכקייט מיטן געפיל פון אָפּגעזונדערטקייט פון אַלע אַנדערע און געפינט זיין העכסטן אויסדרוק אין געפיל פון דער איינהייט מיט אַלע. פאַרשטייט זיך, אַז דער באַוווסטזיין פון דער אָפּגעזונדערטקייט איז צו גלייכער צייט פאַרבונדן מיטן באַוווסטזיין פון דער איינהייט, ווייל פאַר זיך אַליין קען עס נישט עקזיסטירן. דאָס לעבן, ווו דער באַוווסטזיין פון דער אָפּגעזונדערטקייט געפינט זיך אין פאָדערגרונט און דער באַוווסטזיין פון דער איינהייט אין הינטערגרונט און צוליב דעם איז די פערזענלעכקייט ענג און בלויז מאַט באַלויכטן פון ליכט פון אמת, — דאָסדאָזיקע לעבן איז דאָס לעבן פון „איך". אָבער דאָס לעבן, אין וועלכן דער באַוווסטזיין פון דער איינהייט איז דער ערשטער פאַקטאָר, און ווו די פערזענלעכקייט איז דערייבער ברייט און העל באַלויכטן פון ליכט פון אמת, — דאָסדאָזיקע לעבן איז דאָס לעבן פון דער זעלע. די גאַנצע אויפגאַבע פון מענטשן באַשטייט אין דעם, דורכצודרינגען פון איך-באַוווסטזיין צום זעלן-באַוווסטזיין, געבן זיינע אינערלעכע כחות די ריכטונג פון דאָס אומענדלעכע און אַזוי אַרום פראָגרעסירן פון דער פאַרענגונג פון „איך" צו דער אויסשפרייטונג פון דער זעלע אין דער ליבע.

דערדאָזיקער זעלן-באַוווסטזיין, וואָס מאַכט אויס דעם באַוווסטזיניקן פרינציפ פון דער איינהייט און איז דער מיטלפונקט פון אַלע באַציונגען, שטעלט פאָר מיט זיך די אמתע עקזיסטענץ און דעריבער דעם לעצטן ציל פון אַלע שטרעבונגען. כ'מוז וואָס שאַרפער אונטערשטרייכן דעמדאָזיקן פאַקט, אַז די וועלט שטעלט פאָר מיט זיך אַווירקלעכקייט בלויז אין איר באַציונג צו אַ צענטראַלער פערזענלעכקייט. אָן דעמדאָזיקן מיטלפונקט ווערט זי בלויז אַ הויפן פון אַבסטראַקציעס, ווי קראַפט און שטאָף, און אַפילו דידאָזיקע, די בלאַסטע אָפּשפיגלונגען פון דער עקזיסטענץ, וואָלטן פאַרזונקען אין אַבסאָליוטן נישט-זיין, ווען אין מיטלפונקט זאָל זיך נישט געפינען דאָס דענקדיקע „איך",

מיט וועלכן זיי שטייען אין באַציונגען דורך אַ געוויסער פאַר־שטאַנד־האַרמאָניע.

אָבער אַזעלכע צענטרען זענען דאָ זייער פיל. יעדעס וועזן האָט זיך זיין אייגענע קליינע וועלט, ווו עס פילט זיך אַלס צענטר. דעריבער שטעלט זיך פאַר אונז נישט ווילנדיק די פראַגע: „צי דען זענען דאָ אַזויפיל פאַרשידענע ווירקלעכקייטן, וועלכע לאָזן זיך נישט פאַראייניקן?"

אונזער גאַנצע נאַטור שטעלט זיך אַנטקעגן דער באַ־יאָאונג פון דערדאָזיקער פראַגע. ווייל מיר ווייסן, אַז דער פרינציפּ פון דער איינהייט אין אונז איז די גרונטלאַגע פון יעדער אמתער עקזיסטענץ. דעריבער האָט דער מענטש גובר געווען דעם טונקעלן שיין פון זיינע פראַגן און פאָרשטעלונגען, זיינע אַלע ספקות און באַטראַכטונגען און איז דערגאַנגען דעם אמת, אַז ס'איז דאָ אַן אייביקער מיטלפונקט צו וועלכן ס'האָבן אַ באַציונג אַלע פערזענלעכקייטן, און במילא די גאַנצע וועלט. דאָס איז „מ א ה א ן פ ו ר ו ש א ה", די העכסטע פערזענלעכקייט; דאָס איז „ס א ט י א ם", דער העכסטער אמת; דאָס איז „א י־נ א נ א ם", וואָס פאַרמאָגט די העכסטע דערקענטניש און דע־ריבער דערקענט ער זיך אין אַלעם; דאָס איז „ס א ר ו ו א־נ ו ב ה ו", וועלכער טראָגט אין זיך די געפילן פון אַלע וועזנס און דעריבער פילט ער זיך אין אַלע וועזנס.

אָבער דאָסדאָזיקע העכסטע וועזן, דער מיטלפונקט פון יעדער עקזיסטענץ, איז נישט נאָר אַ פּאַסיווער, רעצעפּטיווער, עס איז „אַ נ אַ נ ד אַ־ר ו פ א ם א מ ר ט א ם י א ד ווי ב־ה אַ ט י" — די פרייד, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין פאָרמען. זיין ווילן איז דער כח, וואָס שאַפט.

דערדאָזיקער ווילן געפינט זיין העכסטע דערפילונג נישט אין דער וועלט פון געזעץ, נאָר אין דער וועלט פון פרייהייט, נישט אין דער וועלט פון דער נאַטור, נאָר אין דער גייסטיקער וועלט.

דאָס דערקענען מיר אין זיך גופא. אונזערע קנעכט טוען אַלץ, וואָס מיר באַפעלן, און פאַרזאָרגן אונז מיט אַלעם, וואָס

מיר האָבן נויטיק, אָבער אונזער באַציִונג צו זיי איז אומפולקאָמען. מיר פאַרמאָגן אונזער ווילנפרייהייט, וואָס קען געפינען איר האַרמאָניע בלויז אין דער ווילנספרייהייט פון אַנדערע. דאָרט, ווו מיר אַליין זענען קנעכט, באַפרידיקט אונז די קנעכטישקייט אין אַנדערע. ווייל די שקלאַפעריי שטייט אין הסכם מיט אונזער אייגענער קנעכטישקייט און מיר געפינען אין איר אונזער באַפרידיקונג. און דעריבער, ווען אַמעריקע האָט באַפרייט אירע קנעכט, האָט זי אינדעראמתן באַפרייט זיך אַליין. אונזער העכסטע פרייד געניסן מיר אין דער ליבע, ווייל אין איר זעען מיר די פאַרווירקלעכונג פון דער ווילנספרייהייט פון אַנדערע. ביי אונזערע פריינט באַגעגנט אונזער ווילן זייערן אין פולקאָמענער פרייהייט, נישט אין צוואַנג פון נויט, אָדער מורא; דעריבער געפינט אונזער פערזענלעכקייט איר העכסטע פאַרווירקלעכונג אין דערדאָזיקער ליבע.

צוליב דעם, וואָס דער אמת פון אונזער ווילן באַשטייט אין זיין פרייהייט, איז אויך ריינע פרייד מעגלעך נאָר אין דער פרייהייט. עס פאַרשאַפט אונז פרייד די באַפרידיקונג פון אונזערע באַדערפענישן, אָבער דידאָזיקע פרייד טראָגט אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער, ווייל דאָס באַדערפעניש איז אַ קנעכטשאַפט, פון וועלכער מיר באַפרייען זיך דורך דער באַפרידיקונג פון באַדערפעניש. אָבער גלייכצייטיק דערמיט ענדיקט זיך אויך די פרייד. אָבער מיט דער פרייד, וואָס די שיינקייט פאַרשאַפט אונז, איז גאָר אַנדערש. זי טראָגט אַ פאָזיטיוון כאַראַקטער. אין האַרמאָנישן ריטם געפינען מיר די השלמה. דאָרט זעען מיר נישט נישט די סובסטאַנץ, נישט דאָס געזעץ, נאָר די ריינע פאָרם, וואָס האַרמאָנירט מיט אונזער פערזענלעכקייט. פון דער קנעכטשאַפט פון בלויזן שטאָף און בלויזער ליניע קוועלט אַרויס דאָס, וואָס שטייט איבער אַלע גרענעצן. מיר פילן זיך תיכף באַפרייט פון דער טיראַנישער זינלאָזיקייט פון די איינצלזאַכן, — איצט גיבן זיי אונז עפעס אַזוינס, וואָס שטייט אין פערזענלעכער באַציִונג צו אונזער אייגענעם וועזן. די אַנטפלעקונג פון דער איינהייט אין איר פאַסיווער פולקאָמענקייט, — וועלכע מיר טרעפן

אָן אין דער נאַטור, — איז די שיינקייט; די אַנטפּלעקונג פון דער איינהייט אין איר אַקטיווער פולקאָמענקייט. — וועלכע מיר געפינען אין דער גייסטיקער וועלט, — איז די ליבע. זי באַשטייט נישט אין דער האַרמאָניע פון אויסערלעכע פאָרמען, נאָר אין דער האַרמאָניע פון די ווילנס. דער ווילן, וועלכער איז פריי, נויטיקט זיך אין אַנדערע פרייע ווילנס, כדי צו פאַרווירקלעכן זיין האַרמאָניע, און אין דעם ליגט די באַדייטונג פון רעליגיעזן לעבן. דער אייביקער מיטלפּונקט פון יעטוועדער עקזיסטענץ, דאָס העכסטע וועזן, וואָס שטראַלט אויס זיין פרייד, זיך פאַרשענקנדיק אין פרייהייט, מוז שאַפן אַנדערע פרייהייט-צענטרען, כדי זיך אייניקן מיט זיי אין האַרמאָניע. די שיינקייט איז די האַרמאָניע, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט אין זאַכן, געבונדענע דורך דעם נאַטור-געזעץ. די ליבע איז די האַרמאָניע, וואָס פאַרווירקלעכט זיך אין ווילנס, וואָס זענען פריי.

אין מענטשן זענען געשאַפן געוואָרן אַזעלכע פרייהייט-צענטרען. ער טאָר נישט זיין קיין סתם אויפנעמער פון די נאַטור-מתנות; ער מוז זיך פול אויסלעבן אינם שאַפן פון זיין קראַפט און אין דער פאַרפולקאָמונג פון זיין ליבע. זיין ציל מוז זיין דאָס אומענדלעכע, ווי דאָס אומענדלעכע האָט אין אים זיין ציל. די שאַפונג פון דער נאַטירלעכער וועלט איז גאָטס אייגענע שאַפונג, מיר קענען זי נאָר אויפנעמען און דורכדעם זי פאַראייגענען. אָבערביים שאַפן די גייסטיקע וועלט זענען מיר גאָטס אַ שותף. ביי דערדאָזיקער אַרבעט מוז גאָט וואַרטן, ביז אונזער ווילן געפינט זיך אין הסכם מיט זיינעם. נישט קיין מאַכט בויט אויף דידאָזיקע גייסטיקע וועלט; אַפילו אין איר פאַרוואָרפנסטן ווינקל וועט איר נישט געפינען קיין שפור פון פאַסיוויטעט, אָדער צוואַנג. דער באַוווסטזיין מוז פריער אַראָפּוואַרפן פון זיך אַלע נעפּלען פון טעות, דער ווילן מוז זיך באַפרייען פון אַלע קעגנווירקנדיקע כחות פון דיליידנשאַפטן און תאוות, איידער מיר טרעטן צו אַנטיילצונעמען אין גאָטס שאַפנדיקער אַרבעט. כל זמן מיר זענען נאָר מקבלים פון

זייגע מתנות, האָט נאָך אונזער באַציונג צו אים נישט געפו־נען איר פולן אמת, ווייל זי איז איינזייטיק און במילא אומפול־קאָמען. דאָסזעלבע ווי ער גיט אונז פון זיין אייגענער פול־קייט, דאַרפן אויך מיר אים געבן פון אונזער איבערפלוס. דער־פון קוועלט אַרויס ריינע פרייד נישט נאָר פאַר אונז, נאָר אויך פאַר גאָט.

אין אונזער לאַנד האָבן דעמדאָזיקן אמת דערקענט די ווישנו-זינגער און זיי האָבן אים מוטיק געפּרעדיקט, זאָגנדיק, אַז ערשט אין די מענטשנזעלן געפינט גאָט די דערפילונג פון זיין ליבע. אין דער ליבע מוז זיין פרייהייט, דעריבער מוז גאָט נישט נאָר וואַרטן, ביז אונזער זעלע זוכט פרייוויליק די האַרמאָניע מיט זיין זעלע, נאָר ער מוז אויך ליידן, ווען זי שטעלט אַ ווידערשטאַנד דערדאָזיקער האַרמאָניע און זאָגט זיך אָפּ פון איר.

דעריבער האָט דאָס שאַפן די גייסטיקע וועלט, ביי וועל־כער דער מענטש מוז אַרבעטן בשותפות מיט גאָט, געקאָסט ליידן, ווען וועלכע די חיות קענען קיין שום אַנונג נישט האָבן. ביים אָנשטעלן די אינסטרומענטן האָבן די סטרונעס אָפּט אַרויסגעפּלאַצט מיט גרילצנדיקע דיסאָנאַנסן און אָפּט געפּלאַצט. ווען מיר באַטראַכטן די מיטאַרבעט פון מענטשן ביי גאָטס יצירה פון דערדאָזיקער זייט, קומט זי אונז פאַר זינלאָז און שעדלעך. דער אידעאַל, וואָס געפינט זיך אין האַרצן פון דער־דאָזיקער יצירה, מאַכט אונז אויפנעמען יעדן פעלער און די־סאָנאַנס, ווי אַ קלאַפּ מיט אַ מעסער און די נשמה קרעכצט און בלוטיקט. אָפּט האָט זיך די פרייהייט פאַרוואַנדלט אין איר קעגנזאַץ, כדי צו באַווייזן, אַז זי איז פרייהייט, און דער מענטש האָט געליטן, און גאָט מיט אים, כדי דידאָזיקע וועלט פון גייסט זאָל געלייטערט ווערן און זאָל אַרויס ריין פון איר פייער-באָד, מיט לויכטנדיקע גלידער, ווי אַ געטלעך קינד. ס׳האָט נישט געפעלט קיין צביעות און ליגן, גרויזאַמע גאוה, וואָס האָט זיך עמפּערט קעגן די ווונדן, וועלכע זי אַליין האָט געמאַכט, גייסטלעכער שטאָלץ, וואָס איז מבזה דעם מענטשן

אין גאָטס נאָמען, מאַכט-גאוה, וואָס לעסטערט גאָט, דערקלערנ-דיק אים אַלס זיין פאַרבינדעטן; יאָרהונדערטער לאַנג האָט מען דעם וויי-געשריי פון די געקוועלטע דערשטיקט מיט געוואַלט און צוגערויבט ביי די מענטשנקינדער זייער רעכטע האַנט, כדי אויף אייביק זיי מאַכן הילפלאָז און שוצלאָז; מ'האָט גע-מיסטיקט די פעלדער מיטן בלוטיקן שווייס פון קנעכטשאַפט, כדי עס זאָלן וואַקסן אויף זיי געשמאַקע שפייז, און די עשירות פון איינע האָט מען אויסגעבויט אויף מאַנגל און הונגערנויט פון אַנדערע. אָבער איך פרעג: האָט דען דערדאָזיקער ריזנ-גייסט פון שלעכטס געזיגט? דאָס ליידן, וואָס ער האָט אַרויס-גערופן אין הארצן פון אומענדלעכן, איז דען נישט זיין גרעס-טע מפלה? און זיין געפיללאָזער שטאָלץ, צי דען ווערט ער נישט געשטעלט בחרפה יעדער מאָמענט פון זיין אויפגעבלאָזענער עקזיסטענץ דורכן גרעזל ביים וועג און דורך די בלומען אויפן פעלד? צי דען טראָגט נישט דאָס פאַרברעכן לגבי גאָט און דעם מענטשן זיין שטראָף אַ״ץ קרוין פון העסלעכקייט אויפן קאָפּ? יאָ, דאָס געטלעכע אין מענטשן פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך דורכן דערפאָלג אָדער דורך דער אָרגאַניזאַציע פון זיין קעגנער; עס פאַרלאָזט זיך נישט אויף דער גרויסקייט פון זיין מאַכט און אויף קלוגער פאָרזיכטיקייט. זיין שטאַרקייט ליגט נישט אין דער מוסקול- אָדער מאַשינען-קראַפט, נישט אין דער קלוגשאַפט פון דער פאָליטיק, און נישט אין דער גראָבהויטי-קייט פון געוויסן, נאָר אין זיין שטרעבן צו פולקאָמענקייט. אויב דער היינט לאַכט עס אַפילו אויס, האָט עס דאָך אויף זיין זייט די אייביקייט פון מאָרגן. אויפן ערשטן בליק איז עס הילפלאָז ווי אַ ניי-געבוירן קינד, אָבער זיינע נאַכטיקע טרערן פון ליידן שטעלן אויף די פיס אַלע אומזעבאַרע כחות פון הימל, זיי וועקן אויף אין דער גאַנצער יצירה די מוטער. תפיסה-ווענט פאַלן איין, אומגעהויערע בערג פון רייכטימער פאַרזינקען אין שטויב, אומגעשליידערט דורך דער אומפּראָפּאָרציאָנעלקייט פון זייער אייגענער לאַסט. די געשיכטע פון דער ערד איז די געשיכטע פון ערד-ציטערנישן, געוויסערס און וווּלקאַנישע אויסברוכן, און ביי

דעם אַלעם איז זי די געשיכטע פון די גרינע פעלדער און די פליסטערנדיקע טייכלעך, פון שיינקייט און פרוכטבאַרן לעבן. און די גייסטיקע וועלט, וואָס שפּראָצט אַרויס פון מענטשנס לעבן און פון גאָטס לעבן, וועט לאָזן הינטער זיך דידאָזיקע זייט פון דער ערשטער קינדהייט, ווען זי פאַלט כסדר הילפלאָז פון די פיס און צוקלאַפּט זיך, און זי וועט שטיין פעסט אויף די פיס אין דער יוגנט-קראַפט, אין פריידיקן גענוס פון דער שיינקייט און פרייהייט פון איר באַוועגונג.

גראָד דאָס ליידן איז אונזער גרעסטע האָפענונג. ווייל דאָס איז דער בענקשאַפט-געשריי פון דער אומפולקאָמענקייט, וואָס זאָגט עדות אויף איר גלויבן אין פולקאָמענקייט, ווי דער געשריי פון קינד—וועגן גלויבן אין דער מוטער. דאָסדאָזיקע ליידן טרייבט דעם מענטשן דערצו, צו קלאַפּן מיט זיין געבעט אין טויער פון אומענדלעכן, פון געטלעכן, וואָס אין אים און אַזוי אַרום צו באַווייזן זיין טיפסטן אינסטינקט, זיין אוממיטלבאַרן גלויבן אין זיין אידעאַל, דעם גלויבן, מיט וועלכן ער גייט מוטיק אַנטקעגן דעם טויט און זאָגט זיך אָפּ פון אַלץ, וואָס געהערט צו זיין ענגערן „איך". גאָטס לעבן, וואָס גיסט זיך אַריין אין זיין יצירה, האָט באַרירט דאָס לעבן פון מענטשן, וואָס שטרעבט איצט אויך צו פרייהייט. תמיד, ווען אין דער האַרמאָניע פון שעפערישן רייסט זיך אַריין אַ גריילצנדיקער דיסאנאַנס, רופט אויס דער מענטש: „אַ ס אַ ט אָ מ אַ ס א ד ג אַ מ אַ י אַ", „העלף מיר אַרויסצוגיין פון נישט-זיין צום אמתן ז י י ן". ער גיט אַוועק זיין וועזן, מ׳זאָל עס אָנשטעלן פאַר דער מוזיק פון דער זעל. אויף דערדאָזיקער מינוט פון אָפּגעבן זיך וואַרט גאָט, ווייל די גייסטיקע האַרמאָניע קען אנטשטיין נאָר דורך פרייהייט. דעריבער איז דאָס פרייוויליקע אָפּגעבן זיך צום אומענדלעכן דער אָנהויב פון דער פולקאָמענער פאַרייניקונג פון מענטשן מיט אים. ערשט דורכן מעדיום פון פרייהייט קען גאָטס ליבע ווירקן אין דער פולער מאָס אויף דער מענטשנזעל. דאָסדאָזיקע אָפּזאָגן זיך באַשטייט אין פרייעם אויסוואַל פון אונזער

זעל, צו הייליקן איר לעבן פאַר גאָטס ווערק, — צו פאַרוואַנדלען די וועלט פון נאַטורגעזעץ אין אַ וועלט פון ליבע.

אין דער מענטשן-געשיכטע זענען געווען מאָמענטן, ווען זיין לעבן האָט געקלונגען אין פולקאָמענער האַרמאָניע מיט דער מוזיק פון גאָטס לעבן. מיר האָבן געזען, ווי דעם מענטשנס פערזענלעכקייט, פאַרכליניעט פון ליבע, האָט געפונען איר דערפילונג אין פולער זעלבסט-אָפּפערונג, און דורכדעם אַליין געוואָרן אַ געטלעך וועזן. אין דערדאָזיקער וועלט פון דער נאַטור זענען געבאָרן געוואָרן מענטשן, מיט מענטשלעכע תאוות און שוואַכקייטן, וועלכע האָבן דערוויזן, אַז זיי אָטעמען אין דער וועלט פון גייסט, אַז די העכסטעווירקלעכקייט איז די פרייהייט פון דער פערזענלעכקייט אין דער פולקאָמענער פאַרייניקונג פון דער ליבע. זיי האָבן זיך באַפרייט פון אַלע עגאָיסטישע ווונטשן און תאוות, פון אַלע ענגע פאָראורטיילן פון דער קאַסטע און דער נאַציאָנאַליטעט, פון דער מורא פאַר מענטשן און דער קנעכטשאַפט פון די גלויבנסדאָגמעס און קאָנווענציאָנען. זיי זענען געוואָרן איינס מיט זייער גאָט אין אַ פרייען, טעטיקן ווירקן מיט אים. זיי האָבן ליב געהאַט און געליטן. זיי האָבן אויסגעשטעלט זייער ברוסט פאַר די פיילן פון שלעכטס און האָבן באַוויזן, אַז דער גייסט פאַרמאָגט אַן אומשטערבלעך לעבן. גרויסע מלוכות ענדערן זייערע פאָרמען און פאַרשווינדן ווי וואָלקנס, אינסטיטוציעס צעפליסן אין דער לופט ווי חלומות, נאַציעס שפילן אָפּ זייער ראָל און פאַרזינקען אין טונקלקייט, אָבער יענע יחידים טראָגן אין זיך דאָס אומשטערבלעכע לעבן פון דער גאַנצער מענטשהייט: זייער לעבן פליסט ווי אַן אייביקער געוואַלטיקער שטראָם דורך גרינע פעלדער און מדבריות און דורך די לאַנגע, טונקעלע היילן פון פאַרגעסנקייט שטראָמט עס אַריין אין דער טאַנצנדיקער פרייד פון זונענשיין און אין ענדלאָזן לויף פון די יאָרן ברענגט עס צו די טירן פון מיליאָנען מענטשן מים חיים, וואָס לעשט זייער דורשט און היילט זייערע ליידן און רייניקט זיי פון אַלטעגלעכן שטויב, און דורכן ליאַרעם פון די מערק זינגט עס

מיט אַ קלאָרער שטים דאָס ליד פון הייליקן לעבן, דאָס יובל־ליד:

„דאָס איז דער העכסטער וועג,
„דאָס איז דער העכסטער אוצר,
„דאָס איז די העכסטע וועלט,
„דאָס איז דער העכסטער גענוס".

# אינהאַלט

| | |
|---|---|
| | זייט |
| נאַציאָנאַליזם אין מערב . . . . . . . . . . | 3 |
| נאַציאָנאַליזם אין יאַפּאַן . . . . . . . . . . | 39 |
| נאַציאָנאַליזם אין אינדיע . . . . . . . . . . | |
| דער זון־פאַרגאַנג פון יאָרהונדערט . . . . . . | 107 |
| וואָס אַזוינס איז קונסט . . . . . . . . . . | 109 |
| די ווידערגעבורט . . . . . . . . . . | 143 |